STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07193

GEKLIBENE SHRIFTEN

Ivan Sergeevich Turgenev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע

שריפטען

— פון —

איוואן טורגעניעוו

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין

פיערטער באנד.

היברו פאָבלישינג קאָמפּאַני
85-83 קאנאל סטריט, ניו יאָרק.
1911.

COLLECTION OF WRITINGS

by

I. S. TURGENEVE

Translated by LEON KOBRIN

Copyright 1911

Hebrew Publishing Company.
New York.

אינהאלט פערצייכנים

טשערטאָפּכאַנאָװ און נעדאָפּיוסקין 7
טשערטאָפּכאַנאָװ׳ס סוף 35
דער הונד.............................. 87
אַ הפקר מענש.......................... 113
אַ חלום 147
אַ לעבעדיג הײפעל בײנער 177
יאַקאָב פּאסינקאָװ......................... 199
אַנדרעי קאָלאָסאָװ......................... 253

טשערטאָפּכאַנאָוו און נעדאָפּיוסקין

טשערטאָפּכאַנאָוו און נעדאָפּיוסקין

אין א הייסען זומערדיגען טאָג האב איך זיך אמאָל אומגעקעהרט פון געיעג אויף א פוהר. יערמאָלאַי האט געדרעמעלט, זיצענדיג נעבען מיר און האט געפּיקעט מיט דער נאָז. די איינגעשלאָפענע הינט זיינען געלעגען, ווי טויטע, אונטער אונזערע פיס. דער קוטשער האט געהאַל־טען אין איין טרייבען די פערד. ווייסער שטויב האט זיך, ווי א לייכ־טער וואָלקען, געטראָגען הינטער דער פוהר. מיר זיינען אריינגעפאָה־רען אין די בושעס. דער וועג איז געוואָרען ענגער, די רעדער האבען זיך רק פערטשעפּעט אָן די צווייגען. יערמאָלאַי האט זיך א כאַפּ גע־טהאָן און א קוק געטהאָן ארום זיך...

— הערט! — האט ער גענומען ריידען — דאָ דארפען זיין בירקהעהנער. לאָמיר אקאָרשט אראָבקריכען.

מיר האבען זיך אָבגעשטעלט און זיינען אריין אין די בושעס. מיין הונד האט זיי באַלד דערשמעקט. איך האב אויסגעשאָסען און האב שוין געהאַט גענומען אָנלאָדען דעם ביקס, ערשט פּלוצים, האט זיך הינטער מיר דערהערט א הויכעס גערויש און, פאַרנאַנדערדרוקענ־דיג די בושעס מיט די הענד, איז צו מיר צוגעפאָהרען א רייטער.

— ערלויבט מיר צו וויסען — האט ער גענומען ריידען מיט א שטאָלצען קול — מיט וואָס פאַר א רעכט געהט איהר דאָ אויף געיעג, ווערטהער הערר?

דער אונבעקאַנטער האט גערעדט זעהר שנעל, מיט געהאַקטע ווערטער און אונטער דער נאָז. איך האב איהם אריינגעקוקט אין פּנים: זייט איך לעב האב איך ניט געזעהן עטוואָס עהנליכעס. שטעלט זיך פאָר, ליעבע לעזער, א קליין מענשעלע, א בלאָנדען, מיט א רויט פערריםען נעזעל און לאַנגע, לאַנגע רויטע וואָנצעס. א שפּיציג פּער־סיש היטעל מיט א דונקעל־רויטען שפּיץ האט איהם פערשטעלט דעם

שטערן ביז איבער די ברעמען. אנגעטהאן איז ער געווען אין א געלען, אויסגעטראגענעם קאפטען מיט שווארצע פלושענע פאסען אויף דער ברוסט און אבגעבליאקירטע, זילבערנע גאלונעס אויף אלע נעט; אי־בער'ן אקסעל איז ביי איהם געהאנגען א הארן, הינטער'ן גארטעל א קינזשאל. א אויסגעדארט, געל פערדעל מיט א הארבאטער נאז האט געטאנצט אונטער איהם, ווי א ווילדער; צוויי ווינד־הינד, מאגערע און מיט קרומע לאפעס, האבען זיך געדרעהט אונטער די פיס. דער פנים, דער בליק, דער קול, יעדע בעוועגונג, די גאנצע פערזאן פון דעם אונ־בעקאנטען, האט געאטהעמט מיט א משוגענער דרייסטקייט און אונ־געוועהנליכען, אונפערגלייכליכען שטאלץ; זיינע בלאס־בלויע גלע־זערנע אויגען זיינען ארומגעפלויגען און האבען זיך געקרימט, ווי ביי א שכור'ען; ער האט אבגעווארפען דעם קאפ אן א זייט, אנגעבלאזען די באקען, האט געפארשקעט און אויפגעציטערט מיט'ן גאנצען קער־פער עפעס ווי פון צופיעל גרויסקייט, פונקט ווי א אינדישער האהן, רחמנא לצלן. ער האט איבערגעפרעגט זיין פראגע.

— איך האב ניט געוואוסט, אז דא איז פערוועהרט צו שיסען — האב איך געענטפערט.

— איהר זייט דא, ווערטהער הערר — האט ער ווייטער גערעדט — אויף מיין ערד.

— גוט, איך וועל אוועקגעהן.

— ערלויבט מיר צו וויסען — האט ער געענטפערט — איך האב די עהרע צו ריידען מיט אן אדעליגען?

— איך האב אנגערופען מיין נאמען.

— אויב אזוי, דאן מעגט איהר שיסען. איך בין אליין אן אדע־ליגער און מיך פרעהט צו קענען טהאן א טובה אן אדעליגען... און רופען רופט מען מיך פאנטאלעי טשערטאפכאנאוו.

ער האט זיך איינגעבויגען, ווילד א געשריי געטהאן, א צופ גע־טהאן דאס פערד פאר'ן האלז; דאס פערדעל האט גענומען דרעהען מיט'ן קאפ, האט זיך א הויב געטהאן אויף די פארדערשטע פיס, אווארף געטהאן זיך אן דער זייט, און אפגעקוועטשט א הונד א לאפע. דער הונד האט גענומען סקאוואטשען מיט בענומענע קולות. טשער־טאפכאנאוו האט זיך צוקאכט, גענומען שיפען, האט א זעץ געטהאן דעם פערד מיט'ן קולאק איבער'ן קאפ צווישען די אויערן, שנעל, ווי

א בליץ, איז ער אראָבגעשפּרונגען אויף דער ערד, האט בעקוקט דעם הונד'ס לאַפּע, אַנגעשפּיגען אויף דער וואונד, האט איהם א בריקע געטהאָן מיט'ן פוס אין זייט, ער זאָל אויפהערען סקאַוואוטשען, האט זיך אַנגעכאַפּט פאַר'ן פערד'ס עק און אריינגעטהאָן איין פוס אין די שטייג־ביגעל פון'ם זאַטעל. דאס פערד האט פעררייסען די מאָרדע, אויפגעהויבען דעם עק און זיך א לאָז געטהאָן מיט א זייט אין די בור־שעס אריין, ער נאָך איהם, אונטערשפּרינגענדיג אויף איין פוס, דאָך האט ער, צום סוף, זיך פאַרט ארויפגעכאַפּט אויף'ן זאַטעל; ווי א ווילדער, האט ער געגומען פאָכען מיט דער נאַגאַיקע, טרובען אין האָרן און איז אוועקגעפלויגען.

איך האב נאָך ניט צייט געהאט צו קומען צו זיך פון טשערטאָפּ־פכאַנאָוו'ס אונגעריוואַרטעטער ערשיינונג, ערשט פּלוצים, כמעט גאָר אָהן שום גערויש, איז פון הינטער די בושעס ארויסגעפאָהרען א דיקער מענש פון א יאָהר פערציג, אויף א קליין, ברוין פערדעל. ער האט זיך אָבגעשטעלט, אראָבגענומען פון'ם קאָפּ א גרינעם, לעדערנעם קאַרטו־זעל, און מיט א דינינקען, ווייכען קול מיך געפרעגט, צו האָב איך ניט געזעהן א רייטער אויף א געלען פערד? איך האב געענטפערט, אז איך האב געזעהן.

— אין וועלכער זייט זיינען זיי אוועקגעפאָהרען? — האט ער ווייטער גערעדט מיט'ן זעלבען קול און ניט אַנטהאָנדיג דאס היטעל.

— אהין.

— א שעהנעם דאנק אייך.

ער האט א סמאָקטשע געטהאָן מיט די ליפּען, גענומען דריגעווען מיט די פיס איבער די זייטען פון'ם פערדעל און זיך אוועקגעשלעפּט, טופּ־טופּ־שאָקלענדיג זיך אויפ'ן פערד, אין דער אַנגעוויזענער ריכטונג. איך האב איהם נאָכגעקוקט ביז וואנען זיין קאַרטוזעל האט זיך פער־לאָרען הינטער די צווייגען. דער דאָזיגער נייער אונבעקאַנטער איז מיט זיין אויסערליכקייט גאָרניט עהנליך געווען צו דעם פריהערדיגען. זיין פּנים, א ווייכער און א קיילעכדיגער, ווי א קוגעל, האט אויסגע־דריקט שעהמעוודיגקייט, גוטמוטהיגקייט און שטילע אונטערוואָרפענ־קייט; פון דער נאָז, אויך א ווייכער און א רונדער, פול מיט בלויע אָדערלאַך, איז קאָנטיג געווען, אז ער איז א נאַשער. אויף זיין קאָפּ פון פאָרענט איז ניט געבליעבען קיין איין הערעלע, פון הינטען האבען

ארויסגעשטארטשעט שיטערע, בלאנדע צעפלאך. די אויגלאך, שמאָ־לינקע, האבען פריינדליך געוואונקען; זיס האבען געשמייכעלט די רויטע, זאפטיגע ליפען. ער האט געטראָגען א סורטוק מיט א שטע־הענדיגען קראגען און מעשענע קנעפּ, זעהר אן אלטען, נור א ריינעם; די געוועגטענע פאנטאלאָנעס האבען זיך הויך פעררייסען; פון דער געלער בעזאַץ פון די שטיוועל האבען ארויסגעקוקט גאנץ דיקע קנעכ־לאך.

— ווער איז דאס? — האב איך געפרעגט ביי יערמאלאי'ען.

— דאס? דאס איז טיכאָן איוואניטש נעדאָפוסקין. ער וואוינט ביי טשערטאָפּכאנאָוו'ן.

— ער איז אן אָרימאן?

— ער איז ניט קיין רייכער; אבער טשערטאָפּכאנאָוו פערמאָגט דאָך אויך ניט קיין קופערנעם גראָשען.

— היינט פאר וואס וואוינט ער ביי איהם?

— אָט אזוי זיך, זיי האבען זיך בעפריינד'עט. איינער אָהן דעם אנדערן טהוען זיי ניט א טראָט. אָט אזוי, ווי איהר זעהט, וואו איינער, דאָרט איז גלייך דער אנדערער...

מיר זיינען ארויס פון די בושעס; פלוצים האבען נעבען אונז גענומען האָווקען צוויי יאָכטהינט, און א ווייסער האָזעל האט זיך א לאָז געטהאָן איבער'ן שוין־גאנץ הויכען האָבער. גלייך נאָך איהם זיינען פון וואלד ארויסגעשפּרונגען הינט פון פערשיעד'ענע מינים, און נאָך די הינט איז ארויסגעפלויגען טשערטאָפּכאנאָוו אליין. ער האט ניט געשריען, ניט גערייצט, ניט געליאָרעמט; ער האט זיך געשטיקט, גע־וואָרגען; פון זיין אָפענעם מויל האבען זיך צייטענווייז געריסען גע־האקטע, אונזיניגע טענער; ער האט זיך געטראָגען מיט אויסגעפּו־טשעטע אויגען און האט ווילד געשמיסען מיט דער נאַגאַיקע דעם אונגליקליכען פערד. די הינט זיינען צוגעלאָפען... דער האָזעל האָט זיך אָבגעשטעלט, צוגעזעצט זיך, האט מיט אן אימפעט זיך א קעהר געטהאָן צוריק און פארביי יערמאלאי'ען זיך א וואָרף געטהאָן אין די בושעס... די הינט האבען זיך א טראָג געטהאָן. „לאָז־ז־ט ניט! טהייערינקער, לאָזט ניט!" האט מיט מיה, ווי א שטאמלער, ארויסגע־בראָכט דער צוקאָכטער יעגער. יערמאלאי האט אויסגעשאָסען.... דער פערוואונדעטער ווייסער האָזעל האט זיך א קייקעל געטהאָן עט־

ליכע מאָל איבער'ן גלאַטען און טרוקענעם גראָז, איז אונטערגע־ שפּרונגען ארויף און גענומען רחמנות'דיג שרייען ביי א הונט אין די צייהן. די איבעריגע הינט זיינען אויך צוגעלאָפען.

ווי א שטורם, איז טשערטאָפּכאַנאָוו אראָבגעפלויגען פון'ם פערד, האט ארויסגעכאַפּט א קינזשאַל, איז צוגעלאָפען, אויסשפּרייטענדיג די פּיס צו די הינט, האט מיט ווילדע קולות ארויסגעריסען ביי זיי דעם געפּייניגטען האָזעל און, צוקרימענדיג דעם גאַנצען פּנים, האט ער איהם אריינגערוקט דעם קינזשאַל אין האלז אריין ביז'ן הענטעל... האט אריינגערוקט און גענומען גאַרגאַטשען.

טיכאָן איוואַניטש האט זיך בעוויזען פון וויטען אין וואַלד.

„גאָ־גאָ־גאָ־גאָ־גאָ!" האט נאָך אמאָל גענומען רעווען טשערטאָ־ פּכאַנאָוו.... „גאָ־גאָ־גאָ!" האט רוהיג אָפּגעענטפערט זיין חבר.

— אייגענטליך, האט מען זומער גאָר ניט געדארפט געהן אויף געיעג — האב איך בעמערקט, אָנווייזענדיג טשערטאָפּכאַנאָוו'ן אויף די צוטראָטענע האָבער.

— עס איז מיין פעלד — האט געענטפערט, קוים אָבציהענדיג דעם אָטהעם, טשערטאָפּכאַנאָוו.

— דער האָז איז מיינער, מיין ליעבער — נאָך די יעגערשע רע־ געלען — האט ער ארויסגערעדט, ווענדענדיג זיך צו יערמאָלאַי'ען — און אייך, ווערטהער הערר — האט ער צוגעזעצט מיט דעם אייגענעם געהאַקטען און שאַרפען קול — דאנק איך זעהר.

ער האט זיך געזעצט אויפ'ן פערד.

— ערלויבט מיר צו וויסען... איך האב פערגעסען... ווי איז אייער נאָמען?

איך האב איהם געזאָגט.

— עס פרעהט מיך זעהר מיט אייך בעקאַנט צו ווערען. ווען איהר וועט זיין ארום, פאַרבלאָנדזשעט צו מיר, איהר וועט זיין א גוטער גאַסט... אבער וואו איז דאס פאָמקאַ, טיכאָן איוואַניטש? — האט ער ווייטער גערעדט מיט הארץ — אָהן איהם האט מען דעם האָז גע־ כאַפּט.

— דאס פערד איז אונטער איהם געפאַלען — האט מיט א שמייכעל געענטפערט טיכאָן איוואַניטש.

— וואס הייסט געפאלען? ארבאססאן איז געפאלען? פפו, פפיט!... וואו איז ער, וואו?

— דארט, הינטער׳ן וואלד!

טשערטאפכאנאוו האט א שמיץ געטהאן דעם פערד מיט דער נאגאיקע איבער׳ן מארדע און האט גענומען שפרינגען, שיעור ניט ברעכענדיג דעם קאפ. טיכאן איוואניטש האט זיך פאר מיר פערנייגט צוויי מאל — פאר זיך און פאר זיין חבר — און האט זיך ווידער אוועקגעשלעפט הינטער די בושעס.

די דאזיגע צוויי העררען האבען מיך שטארק פעראינטערעסירט. וואס האט געקענט צוזאמענבינדען אזוי פעסט צוויי מענשען, וועלכע זיינען אזוי ניט גלייך איינער מיט׳ן אנדערן? איך האב זיך גענומען נאכפרעגען. און אט וואס איך האב זיך דערוואוסט.

טשערטאפכאנאוו האט אין דער גאנצער אומגעגענד געהאט א נאמען פאר א מענשען א געפעהרליכען און א משונה׳דיגען, א בעל גאוה, און א גרויסען בויאן. ער האט געדיענט א גאנץ קורצע צייט אין דעם מיליטער, און געמוזט פערלאזען מיליטער „צוליעב אן אונאנגע־נעהמליכקייט”, מיט אזא מין ראנג, וועלכען מען קען כאראקטעריזי־רען מיט׳ן ווערטעל, אז א הוהן איז קיין פויגעל ניט. געשטאמט האט ער פון אן אלטער פאמיליע, וועלכע איז אמאל געווען זעהר רייך; זיינע אורעלטערען האבען געלעבט גרויסארטיג אויפ׳ן דארפישען שטייגער; דאס הייסט, זיי האבען ביי זיך אויפגענומען גערופענע און ניט גערופענע געסט, האבען זיי געקארמעט ביז זיי זיינען שיעור ניט צוזעצט געווארען, האבען אוועקגעגעבען גאנצע מעסטלאך האבער פרעמדע קוטשערס, פאר פרעמדע פערד, האבען געהאלטען מוזיקאנ־טען, זינגער און הינט... אין יום טוב׳דיגע טעג האבען זיי מכבד געווען דאס פאלק מיט וויין און מעד; ווינטער צייט זיינען זיי גע־פאהרען אין מאסקווע אויף אייגענע פערד, געשפאנט אין גרויסע, שווערע וואגענס, און מאנכע מאל זיינען זיי גאנצע מאנאטען לאנג געזעסען אהן א גראשען געלד און האבען זיך ערנעהרט אבי ווי. דער פאטער פון טשערטאפכאנאוו׳ן איז דער גוט אנגעקומען שוין א רואי־נירטער; ער, פון זיין צד, האט אויך גוט א לעב געטהאן און, שטאר־בענדיג, איבערגעלאזען זיין איינציגען יורש, פאנטעלעי׳ען, א פער־זעצטען דערפעל בעזאנאוואַ מיט פינף און דרייסיג פויערים און

זעקס און זיעבציג פּויערטעם און נאָך פערצעהן דעסיאַטין שלעכטע ערד אין א ווייטען, אָבגעלאָזענעם אָרט, אויף וועלכען עס האט זיך, אגב ניט געפונען קיין שום קאָנטראַקט צווישען די פּאַפּירען פון דעם פערשטאָרבענעם.

דער פערשטאָרבענער האט זיך אַליין רואינירט אויף א זעהר מערקווירדיגען אופן: „די ווירטשאַפטליכע אויסגערעכענקייט" האט איהם צו גרונד געריכטעט. נאָך זיין מיינונג נאָך, האט אַן אדעליגער ניט געדאַרפט זיין אָבהיינגיג פון קיינע סוחרים, שטאָדטלייט און נאָך אזעלכע רויבער, ווי ער האט זיי גערופען; ער האט ביי זיך איינגעפיהרט אַלע סאָרטען האַנדווערק און וואַרשטאַטען. „אי עס איז אַנשטענדיגער, אי וועלוולער," פלעגט ער זאָגען. דאס איז „ווירטשאַפטליכע אויסגערעכענקייט!" מיט דעם דאָזיגען געדאַנק האט ער זיך ניט צושיידט ביז׳ן טויט; און אָט דאָס האָט איהם רואינירט. דערפאר האָט ער אבער הנאה געהאט! אין קיין פערלאַנג, אין קיין משוגענעם איינפאַל האט ער זיך ניט ענטזאגט. איינער פון זיינע איינפעלע איז געווען אזאַ מין סאָרט: ער האט אליין אויסגעטראַכט און געלאָזען מאַכען א פאַמיליען קאַרעטע, אבער אזאַ גרויסע, אז ניט קוקענדיג אויף די געמיינזאמע בעמיהונגען פון די פערד, וועלכע מען האט צוזאַמען געטריעבען פון גאַנצען דאָרף צוזאַמען מיט זייערע בעלי הבתים, איז די דאָזיגע קאַרעטע ביי דעם ערשטען בערגעל איינגעפאַלען און איז צושאָטען געוואָרען אויף פּיץ־פּיצלאַך.

יערעמעי לוקיטש (פּאַנטאַלעי׳ס פּאָטער האט מען אזוי גערופען) האט געהייסען אויף דעם דאָזיגען בערגעל אוועקשטעלען א מאָנומענט, און וויטער האט ער זיך דאס האַרץ ניט אָבגעגעסען. איז דעם זעלבען יערעמעי לוקיטש׳ען איינגעפאַלען צו בויען א קלויסטער, עס פערשטעהט זיך, אז אליין אָהן די הילף פון אַן אַרכיטעקטאָר, האט ער פערברענט א גאַנצען וואַלד אויף ציגעל, אוועקגעלייגט א פונדאַמענט גרויס ווי דער גרעסטער קירכען־זאַאַל אי׳ן דער גרעסטער שטאָדט, האט ארויפגעשטעלט די ווענט און גענומען מאַכען דעם קופּעל. דער קופּעל איז איינגעפאַלען. מאַכט ער ווידער א קופּעל — פאַלט עס ווידער איין, מאַכט ער א דריטען מאָל — פאַלט דער קופּעל איין צום דריטען מאָל. פערטראַכט זיך מיין יערעמעי לוקיטש: עפּעס, טראַכט ער, איז דאָ ניט גלאַט... ניט גוטע האבען זיך דאָ אריינגעמישט און

טרייבען מיט איהם זייער פערפלוכטען כישוף... און פלוצים גיט ער א בעפעהל, מען זאָל שמייסען אלע אלטע ווייבער אין דאָרף. די וויי־בער האט מען אלע צושמיסען — אבער דער קלויסטער איז פון דעסטוועגען אלץ געבליעבען אָהן א קופעל... דעם קופעל האט מען ניט דערבויט. ער האָט גענומען איבערבויען די פויערשע הייזלאך נאָך א נייעם פלאַן, און דאס אלעס האט ער געטהאָן אויס ווירטשאַפטליכער אויסרעכענונג.

יעדען טאָג האט ער אויסגעטראכט עפּעס א נייעס: דאָ האט ער פון אזעלכע בלעטער סופּ געקאָכט, דאָ האט ער ביי די פערד די עקען אויף קאַרטוזלאך פאר די פויערים געשאָרען, דאָ האט ער זיך געקליעבען צו פערבייטען פלאקס אויף קראָפּיווע, קאָרמענען די חזרים מיט שוועמלאך...

איין מאָל האט ער איבערגעלעזען אין א מאָסקווער צייטונג אַן ארטיקעל וועגען די נוצען פון טוגענדהאַפטיגקייט צווישען די פויע־רען, און אויף מאָרגען האט ער געגעבען א בעפעהל אלע פויערים אויס־צולערנען דעם דאָזיגען ארטיקעל אויף אויסענווייניג. די פויערים האבען געמוזט אויסלערנען דעם ארטיקעל; דער פּריץ האט זיי גע־פרעגט, צו פערשטעהען זיי, וואס דאָרט שטעהט געשריעבען? דער פּריקאזטשיק האט געענטפערט, אז אודאי, ווי דען, פאר וואס זאָל מען ניט פערשטעהען? ארום דער אייגענער צייט האט ער געהייסען אלע זיינע אונטערגעבענע נומערירען, און יעדען אויף דעם קראַגען אָנ־נייהען זיין נומער. זיך בעגעגענט מיט'ן פּריץ, האט יעדער שוין פון ווייטען גענומען שרייען: אזא און אזא נומער געהט! און דער פּריץ פלעגט איהם פריינדליך ענטפערן: געה געזונטערהייד!

דאָך, ניט קוקענדיג אויף דער אָרדנונג און אויף די ווירטשאַפט־ליכע אויסרעכענונגען, האט יערעמעי לוקיטש זיך ביסלאַכווייז גענו־מען פיהלען שטארק פערענגט: ער האט אפריהער גענומען פערזעצען זיינע דערפלאך און דערנאָך איז ער אויך געצוואונגען געוועזען זיי צו פערקויפען. דאס לעצטע נעסט, וואס איז נאָך געבליעבען פון דעם עלטער זיידען, דעם דאָרף מיט דעם ניט געענדיגטען קלויסטער, האט פערקויפט די רעגירונג. צום גליק פון יערעמעי לוקיטש, וועלכער וואָלט אזא קלאַפּ ניט אריבערגעטראָגען, האט מען עס פערקויפט ניט פאר זיין לעבען, נור אין צוויי וואָכען ארום נאָך זיין טויט. ער האט נאָך

בעוויזען צו שטארבען ביי זיך אין'ם הויז, אויף זיין בעט, ארומגערינ־געלט פון זיינע מענשען און אונטער דער אויפזיכט פון זיין אייגענעם רופא; אבער דעם אָרעמען פאנטאלעי'ען איז אָנגעקומען איין בעז־סאָנאָוואָ.

פאנטאלעי האט זיך דערוואוסט וועגען דעם פאָטער'ס קראנק־הייט שוין אין דיענסט. ער איז דאָן אַלט געווען ניינצעהן יאָהר. פון קינדהייט אָן, האט ער ניט פערלאָזען דאָס עלטערנס הויז, און אונטער דער השגחה פון זיין מוטער, זעהר א וואוילער, אבער א גאנץ נארישער און טעמפּער פרוי, איז ער אויסגעוואקסען א פערצערטעלטער און צו־לאָזענער. זיין מאמע, וואסיליסא וואסיליעוונא, האט זיך גאנץ אליין פערנומען מיט זיין ערציהונג; יערעמעי לוקיטש איז געווען צופיעל אריינגעטהאָן אין זיינע ווירטשאפטליכע פּלענער, אז זיין זוהן'ס ער־ציהונג זאָל איהם קריכען אין קאָפּ. אמת, איין מאָל, האט ער מיט זיינע אייגענע הענד בעשטראָפט זיין זוהן, ווייל יענער האט ניט ריכ־טיג אויסגערעדט א געוויסען רוסישען בוכשטאב, אבער נאָך אין דעם אייגענעם טאָג האט יערעמעי לוקיטש אויף דעם ביטער חרטה גע־האט; זיין בעסטער הונד איז אומגעקומען אונטער א בוים.

וואסיליסא וואסיליעוונא'ס זאָרג וועגען פאנטיושא'ס ערציהונג האט זיך געענדיגט מיט איין שטארקע אָנשטרענגונג: זי האט מיט גרויס מאטערניש פאר איהם געקראָגען אלס גובערנער אן אויסגע־דיענטען סאָלדאט פון עלזאס, א געוויסען בירקאָפף, און ביז איהר סאמע טויט האט זי פאר איהם געציטערט, ווי א בלאַט... נו, האט זי געטראכט, טאָמער זאָגט ער זיך אָב — בין איך א פערלאָרענע! וואָס וועל איך טהאָן? וואו וועל איך נעהמען אַן אנדער לעהרער? דעם האב איך אויך קוים מיט צרות אָפּגערעדט פון א שכנה!

און בירקאָפף, א מענש ניט קיין נאַר, האט זיך גלייך בענוצט מיט זיין אויסשליסליכער לאַגע: האט געזויפען וויפיעל עס איז נור אין איהם אריין, און געשלאָפען פון פריה ביז נאכט.

נאָך דעם, ווי ער האט געענדיגט „דעם קורס וויסענשאפטען,“ איז פאנטאלעי אריינגעטראָטען אין דיענסט. וואסיליסא וואסיליעוונא איז שוין דאָן אויף דער וועלט ניט געווען. זי איז געשטאָרבען מיט א האלב יאָהר פריהער פאר דער דאָזיגער וויכטיגער פאסירונג, געשטאָר־בען איז זי פאר שרעק: זי האט געזעהן אין חלום א ווייסען מענשען,

רייטענדיג אויף א בער. יערעמעי לוקיטש האט זיך אין גיכען אוועקגערוקט נאך זיין ווייב.

ווי נור פאנטאלעי האט זיך דערוואוסט וועגען זיין פאטער'ס קראנקהייט, איז ער געקומען צופליהען ניט טויט, ניט לעבעדיג אהיים, דאך האט ער דעם פאטער שוין ניט געטראפען קיין לעבעדיגען, אבער ווי גרויס איז געווען די פערוואונדערונג פון דעם זוהן, ווען ער האט זיך פלוצים, גאר אונערווארטעט, פון א רייכען יורש זיך דערזעהן א קבצן! ניט פיעלע זיינען אימשטאנד אריבערצוטראגען אזא שארפע איבערקעהרעניש. פאנטאלעי איז געווארען פערביסען, פארווילדעוועט. פון א מענשען, אן עהרליכען, א פרייגעביגען און א גוטען, כאטש אביסעל א משוגענעם און א היציגען, האט ער זיך פערוואנדעלט אין א בעל גאוה און א בויאן, האט ניט געוואלט מעהר קאנען די שכנים: פאר די רייכע האט ער זיך געשעהמט, די ארימע האט ער פעראכטעט, — און האט זיך אונערהערט פרעך בעגאנגען מיט אלעמען, זאגאר מיט די רעגירונגס בעאמטע: ווייסט, הייסט עס, מיט וועמען איהר רעדט, איך שטאם פון די אלטע אדעליגע! איין מאל האט ער שיעור־שיעור ניט דערשאסען א סטאנאוואי, וועלכער איז אריין צו איהם אין צימער מיט'ן קארטוזעל אויפ'ן קאפ. פערשטעהט זיך, אז די בעאמטע פון זייער זייט האבען איהם אויך גארניט פארגעבען און איהם געמאכט פיהלען קאלט אוןווארעם, ווען זיי האבען נור געקאנט; דאך האבען זיי פאר איהם מורא געהאט, ווייל ער איז געווען א שרעקליך־היציגער מענש און צו יעדען צווייטען ווארט, האט ער פארגעשלאגען, מען זאל זיך מיט איהם שלאגען אויף מעסערס. פאר א מינדעסטען ווארט זיינען טשערטאפכאנאוו'ס אויגען געשפרונגען ביי איהם פון קאפ ארויס, דער קול האט זיך איבערגעהאקט... „א, ווא־ווא־ווא," — האט ער געשטאמעלט — „מיין קאפ זאל פערלארען געהן!..." און איז געשפרונגען אויף די גלייכע ווענט.

אזוי אבער איז ער געווען א מענש א ריינער, אן עהרליכער, ניט פערמישט אין קיין זאך, האט געהאט א גוטע נשמה, זאגאר א גרויסע נשמה, אויף זיין בעזונדערען שטייגער: קיין אונגערעכטיגקייט, קיין אונטערדריקונג האט ער בשום אופן ניט געקענט פערטראגען; פאר זיינע פויערים איז ער געשטאנען שטאל און אייזען. „ווי?" — פלעגט ער שרייען, שלאגענדיג ווילד זיך אליין איבער'ן קאפ: „מיינע פוי־

ערים אַנריהרען, מיינע? איז ניט מיין נאָמען טשערטאָפּכאַנאָוו?..."

טיכאָן איוואַניטש נעדאָפּיוסקין האט ניט געקענט, אזוי ווי ער, שטאָלצירען מיט זיין אָפּשטאַמונג. דער פאָטער זיינער איז געוועזן א פראָסטער מענש און בלויז נאָכדעם, ווי ער האט אָבגעדיענט גאַנצע פערציג יאָהר, האט ער זיך דערשלאָגען צום ראַנג פון אַן אדעליגען. נעדאָפּיוסקין'ס פאָטער האט געהערט צו יענעם טהייל מענשען, וועל־כע דאס אונגליק פערפאָלגט מיט אזא פערביסענקייט, עהנליך צו א פערזענליכען האַס. אין פערלויף פון גאַנצע זעכציג יאָהר, פון געבורט אַן ביז'ן טויט אריין, האט דער אונגליקליכער געקעמפּפט מיט דעם דלות, קראַנקהייטען און אַנדערע צרות, וועלכע פּלאָגען געוועהנליך דעם קליינעם מענשען; האט זיך געשלאָגען ווי א פיש אַן אייז, ניט דערעסען, ניט דערשלאָפען, האָט זיך פאר אַלעמען געבויגען, געהאַ־ וועט, געמאַטערט זיך, געציטערט איבער יעדער קאָפּיקע, אונשולדיג געליטען אין דיענסט און איז צום סוף געשטאָרבען צו אויף א בוידעם, צו אין א קעלער, ניט דערלעבענדיג צו פערדיענען ניט פאר זיך און ניט פאר די קינדער אויף א שטיקעל טרוקען ברויט. דער שיקזאַל האט איהם פערפּלאָנטערט, ווי דער יעגער א געהעצטען האָז. א מענש איז ער געוועזן א גוטער און אַן עהרליכער, אבער לאַפּקע־געלד האט ער גענומען — פון א צוואַנציגער ביז א צוויי־רובעלדיגע. נעדאָפּיוסקין האט געהאַט א ווייב, א מאָגערע און א שווינדזיכטיגע, ער האט אויך געהאַט קינדער; אבער צום גליק, זיינען זיי אַלע צושטאָרבען אויסער טיכאָן'ען. דער פאָטער האט איהם נאָך פאר'ן לעבען אריינגעגעבען אין א קאַנצעליאַריע, נור גלייך נאָך דעם פאָטער'ס טויט, האט זיך טיכאָן אָנגעגעבען אין דיסמיסיע. די אייביגע זאָרג, דער מורא'דיגער קאַמפּף מיט'ן הונגער און קעלט, דער אומעט פון דער מוטער, דער פערצווייפעלטער האַוועץ פון דעם פאָטער, די גראָבע אונטערדריקונג פון די בעלי הבתים, האָט אין טיכאָן'ען ענטוויקעלט אַזאַ נידערגע־שלאָגענקייט, אז ער האט זיך געטרייסעלט, ווי א פויגעל אין שטייג, ווי ער פלעגט נור דערזעהן דעם בעאַמטען איבער איהם. ער האט גע־וואָרפען זיין דיענסט. די גלייכגילטיגע און פיעלייכט אָבלאָכעדיגע נאַטור גיט אריין אין די מענשען פערשיעדענע פעהיגקייטען און ניי־גונגען, ניט רעכענענדיג זיך מיט זייער שטעלונג אין געזעלשאַפט, און ניט מיט זייערע מיטלען; מיט איהר געוועהנליכער ליעבע און זאָרג־

פעלטיגקייט האט זי אויסגעקנאָטען פון טיכאָן'ען, דעם זוהן פון אַן אָרעמען בעאַמטען, אַ ווייכען, געפיהלפולען, פוילען וועזען מיט אַ שטאַרקען פערלאַנג נאָך לעבענספריידען, מיט אַ פיינעם געשמאַק און גוטען אַפעטיט.... האט איהם אויסגעקנאָטען, גוט ארומגעארבייט און געלאָזען איהר ווערק אויסהאָדעווען זיך אויף זויערע קרויט און טוכלע פיש.

און אָט, איז דאס דאָזיגע ווערק אויסגעוואַקסען, און גענומען, וואס מען רופט „לעבען." און עס איז אוועק אַ קאָמעדיע. דער שיקזאַל, וועלכער האט אָהן אויפהער געפאָלגט גערדאָפיוסקין'ס פאָטער, האט זיך איצט אַ נעהם געטהאָן פאַר'ן זוהן. נור מיט טיכאָן'ען איז ער זיך אַנדערש בעגאַנגען; איהם האט ער ניט געמאַטערט — מיט איהם האט ער זיך געשפיעלט. איהם האט דער שיקזאַל קיין מאָל ניט געבראַכט צו פערצווייפלונג, האט קיין מאָל ניט געלאָזט פיהלען דעם ביטערען טעם פון הונגער, נור געטריעבען איהם און געיאָגט פון איין עק רוסלאַנד אין צווייטען, פון איין נידעריגע און לעכערליכע שטעלע אין דער צווייטער. דאָ האט ער געדיענט ביי אַ בייזער און האַלב משוגענער פריצטע, דאָ האט ער געגעסען זיין ברויט ביי אַ רייכען, אבער קאַרגען סוחר און דאָ איז ער געווען האַלב אויפזעהער און האַלב נאַר, ליץ, ביי אַ געוויסען הינטישען יעגער... מיט איין וואָרט, דער שיקזאַל האט געצוואונגען טיכאָן'ען אויסצוטרינקען טראָפען נאָך טראָפען דעם גאַנצען ביטערען און גיפטיגען בעכער פון אַ אונטערדריקטער עקזיסטענץ. גענוג האט ער זיך אויף זיין לעבען אָנגעליטען, אי פון די משונה'דיגע קאַפריזען, אי פון דער פערשלאָפענער און בייזער לאַנגווייליגקייט פון די רייכע פריצים... וויפיעל מאָל, בלייבענדיג אליין אין זיין צימערל, נאָכדעם ווי אַן עולם געסט האט זיך שוין גענוג פון איהם אויסגעלאַכט און חוזק געמאַכט, האט ער, ברענענדיג פאַר חרפה און מיט פערצווייפעלטע טרערען אויף די אויגען זיך געשוואָרען, אז ער וועט אַנטלויפען, אַנטלויפען, וואו די אויגען וועלען איהם טראָגען, וועט פרובען זיין גליק אין שטאָדט, וועט זיך אויסזוכען אַ פלאַץ אַלס שרייבער, אדער אז ניט וועט ער איין מאָל פאַר אַלע מאָל שטאַרבען אין גאַס פאַר הונגער. אבער דאס אויסצופיהרען האט איהם ערשטענס גאָט קיין כחות ניט געגעבען; צווייטענס, איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ מורא, און, דריטענס, ווי אזוי

קריעגט מען א פּלאַץ, וועמען בעטען, צו וועמען זיך ווענדען ? „מען וועט דיר קיין פּלאַץ ניט געבען,” פלעגט שעפּטשען דער אונגליקלי־כער, איבערקעהרענדיג זיך אומעטיג אין בעט : „מען וועט ניט גע־בען !”

און אויף דעם צווייטען טאָג האט ער זיך ווידער איינגעשפּאַנט אין דעם אַלטען יאָך. נאָך צרה'דיגער און שווערער איז געוועזען זיין לאַגע צוליעב דעם, וואס די נאַטור האט איהם ניט בעשענקט כאָטש מיט וויפיעל עס איז פון יענע פעהיגקייטען אָהן וועלכע די פּראָפע־סיאָן פון א פרעהליך־מאַכער איז כמעט אונמעגליך. ער, למשל, האט ניט געקענט טאַנצען אָנגעטהאָן אין א בערענער פוטער, מיט דעם פּעלץ פון אויסענווייניג, ניט וויצלען און חכמה'נען זיך איבער די שמיץ פון די צוויושעטע אראַפּניקעס ; ארויסגעשטעלט מוטער־נאַקעט אין א צוואַנציג גראַד פראָסט, פלעגט ער זיך מאַנכעס מאָל צוקיה־לען ; זיין מאָגען האט ניט פערדייהעט קיין וויין, צוזאַמענגעמישט מיט טינט, און נאָך אַזעלכע פּאַסקודסטוואָ, און ניט קיין פליעגען מיט עסיג... גאָט ווייסט, וואס עס וואָלט געוואָרען פון טיכאָן'ען, ווען ניט דעם לעצטען פון זיינע וואָהלטהעטער, אָן אויפגעקומענער פּריץ, וואָלט אין א פרעהליכער מינוט ניט איינגעפּאַלען צו צושריי־בען אין זיין צוואה דעם פאָלגענדען פּונקט : „און זאָזען (מען רופט איהם אויך טיכאָן) לאָז איך איבער אַלס אייגענטהום פאר איהם און זיין נאָכקאָמענשאַפט מיין דערפעל בעזסענדעליעווקע מיט אַלסדינג, וואס דאָרט געפינט זיך.” אין עטליכע טעג ארום, זיצענדיג ביים עסען, האט דעם וואָהלטהעטער געכאַפּט אָן אַפּאָפּלעקסיע. עס איז געוואָרען א געוואַלד, פּאָליציי איז אָנגעלאָפען, מען האט דאס אייגענטהום פער'חתמה'עט, ווי עס פיהרט זיך. עס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָהרען די קרובים ; מען האט געעפענט די צואה ; איבערגעלעזען און געררו־פען נעדראָפּיוסקין'ען. ער איז געקומען. די מעהרסטע טהייל פון די פערזאַמעלטע האבען געוואוסט, וואס פאר א שטעלע טיכאָן איוואַ־ניטש האט פערנומען ביי דעם געשטאָרבענעם ; הילכענדיגע געשריי־ען, אָבלאַכעדיגע גראַטולאַציאָנען האבען זיך א שאָט געטהאָן איהם אנטקעגען.

— דער גוטסבעזיצער, אָט איז ער, דער נייער גוטסבעזיצער !

— האבען געשריען די איבעריגע יורשים.

— אָט דאס איז טאַקע — האט אונטערגעכאַפּט איינער, א בע־וואוסטער וויצלינג און שפּאַסמאַכער — אָט דאס איז טאַקע אויף אַן אמת.... א ריכטיגער.... וואס מען רופט.... א יורש.

און אַלע האָבען גענומען קייכען פאר געלעכטער.

נעדאָפּיוסקין האט א צייט ניט געוואָלט גלויבען זיין גליק. מען האט איהם געוויעזען די צואה — ער איז רויט געוואָרען, האט פער־זשמורעט די אויגען, גענומען מאַכען מיט די הענד און גענומען גיסען טייכען טרערען. דער געלעכטער פון די פערזאַמעלטע האט זיך פער־וואַנדעלט אין אַ משוגענעם רעווען.

דאס דערפעל בעזסענדעליעווקא איז בעשטאַנען אין גאַנצען פון צוויי און צוואַנציג פויערים; קיינער האט דעם דערפעל ניט שטאַרק געזשאַלעוועט; היינט פאר וואס־זשע זאָל מען ביי אַזא געלעגענהייט ניט האָבען אַביסעל שפּאַס, ניט זאַט אָנלאַכען זיך? נור איינער פון די יורשים, א פּעטערסבורגער, א וואַזשנער מאַן מיט א גריכישער נאָז און עדעלען אוסדרוק אויפ'ן פּנים, ראָסטיסלאַוו אַדאַמיטש שטאַפּעל מיט'ן נאָמען, האט עס ניט געקענט פערטראָגען, און, צוגערוקט זיך מיט א זייט צו נעדאָפּיוסקין'ען און א קוק געטהאָן אויף איהם איבער'ן אַקסעל, האט ער גענומען ריידען מיט א פערעכטליכען טאָן:

— ווי ווייט איך קאָן פערשטעהן, זייט איהר, ווערטהער הערר, געוועזן ביי דעם געעהרטען פיאָדאָר פיאָדאָראָוויטש'ען אַנגעשטעלט אַלס שפּאַסמאַכער, אזוי צו זאָגען, אַלס ליץ, אָדער פשוט'ער משרת?

דער הערר פון פּעטערסבורג האט גערעדט מיט אַ ריינער און זעהר גוטער שפּראַך. דער צוטראָגענער און אויפגערעגטער נעדאָפּיוס־קין האט ניט דערהערט די ווערטער פון דעם אונבעקאַנטען הערן, נור אַלע איבעריגע זיינען גלייך אַנשוויגען געוואָרען; דער וויצלינג האט גוטמוטהיג א שמייכעל געטהאָן. הערר שטאַפּעל האט זיך א ריב געטהאָן די הענד און איבערגעפרעגט זיין פראַגע. נעדאָפּיוסקין האט מיט פערוואונדערונג אויפגעהויבען די אויגען און געעפענט דאס מויל. הערר שטאַפּעל האט זיך שפּאָטיש פערזשמורעט.

— איך גראַטוליר איך, ווערטהער הערר, איך גראַטוליר, אמת, מען קאָן זאָגען, אז ניט יעדערער וואָלט מרוצה געוואָרען צו פער־דיי־נען זיך דעם ברויט אויף אַזא אופן, אָבער — האָט ער ווייטער גע־

רעדט אויף פּראַנצוויזיש — יעדער האָט זיך זיין געשמאַק.... ניט אמת?

עמעצער אין די אונטערשטע רייהען האָט פלינק און גראָב א קוויטשע געטהאָן פאַר פערוואונדערונג און ענטציקונג.

— זאָגט נור — האָט אונטערגעכאַפּט הערר שטאַפּעל ערמור־טהיגט פון די פרעהליכע שמייכלען פון דער גאַנצער פערזאַמלונג — וועלכען טאַלאַנט האָט איהר בעזונדערס צו פערדאַנקען אייער גליק? אבער זאָגט, שעהמט זיך ניט, מיר זיינען דאָך דאָ אַלע אייגענע, פון איין משפּחה. ניט אמת, מיינע הערען, מיר זיינען דאָ אַלע פון איין משפּחה? איין פאַמיליע?

דער יורש, צו וועלכען הערר שטאַפּעל האָט זיך צופעליג גע־וועגדעט מיט דער דאָזיגער פראַגע, האָט, צום בעדויערען, ניט פער־שטאַנען קיין פראַנצויזיש, און האָט זיך נור לייכט אָבגעזיפּצט. דער־פאַר האָט אַן אַנדער יורש, א יונגער מאַן מיט געלע פלעקען אויפ׳ן שטערען, שנעל אונטערגעכאַפּט: „וואוי, וואוי, זעלבסטפערשטענד־ליך.״

— אפשר — האָט ווידער גענומען ריידען הערר שטאַפּעל — קאָנט איהר.... קאָנט איהר געהן מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף?

נעדראָפּיוסקין האָט מיט בענקעניש א קוק געטהאָן אַרום זיך — אַלע פּנים׳ער האָבען בייז געלאַכט, אַלע אויגען האָבען געשטראַהלט פאַר פערגעניגען.

— אָדער קאָנט איהר אפשר קריכען ווי א האָהן?

א ברוויזענדער געלעכטער האָט אויסגעבראָכען אַרום און איז גלייך דערשטיקט געוואָרען פון דער ערוואַרטונג אויף נאָך מעהר שפּאַס.

— אדער, אפשר, קאָנט איהר אגיף דער נאָז...

— הערט אויף! — האָט שטאַפּעל׳ן פּלוצים אונטערבראָכען א שאַרפע און א הויכע שטימע — ווי שעהמט איהר זיך ניט צו מוט־שען אַן אָרעמען מענשען?

אַלע האָבען זיך אומגעקוקט. אין דער טהיר איז געשטאַנען טשערטאָפּכאַנאָוו. אַלס א וויי טער קרוב פון דעם פערשטאָרבענעם, האָט ער אויך געקראָגען אַן איינלאַדונג אויף דעם פאַמיליען־צוזאַמענ־

פאַהר. אין דער גאַנצער צייט פון דעם פאַרלעזען, האט ער זיך — ווי אימער — געהאַלטען פון דער ווייטען פון די איבעריגע.

— הערט אויף! — האט ער געזאָגט נאָך אַמאָל, פערוואָרפענ־דיג שטאָלץ דעם קאָפּ.

הערר שטאפּעל האט זיך שנעל אומגעקעהרט און, דערזעהן א מענשען אָרעם געקליידעט און ניט קיין אָנגעזעהענעם, האט ער שטיל א פרעג געטהאָן ביי א שכן (פאַרזיכטיגקייט שאַדט קיין מאָל ניט):

— ווער איז דאָס?

— דאס איז טשערטאָפּכאַנאָוו, ניט קיין וויכטיגער פויגעל — האט איהם יענער געענטפערט אויפ'ן אויער.

הערר שטאפּעל האט געמאַכט א שטאָלצע מינע.

— און וואס זייט איהר דאָ פאר א מאַכער? — האט ער ארויס־געדעדט אונטער דער נאָז און פערזשמורעט די אויגען — וואס פאַר א פויגעל זייט איהר, ערלויבט מיר צו וויסען?

טשערטאָפּכאַנאָוו האט זיך אָנגעצונדען, ווי פּולווער פון א פונק, אַזש דער אָטהעם האט איהם פערכאַפּט.

— דז־דז־דז־, — האט ער גענומען, ווי א דערוואָרגענער, און פּלוצים א דונער געטהאָן — ווער איך בין? ווער איך בין? איך ביי פּאַנטאַלעי טשערטאָפּכאַנאָוו, אַן אַלטער אדעליגער, מיין עלטער זיי־דע האט דעם קייזער בעדיענט, און דו, ווער ביזטו?

הערר שטאפּעל איז בלייך געוואָרען און געטהאָן א טראָט צוריק, ער האט ניט ערווארט עטוואָס עהנליכעס.

— איך א פויגעל, איך. איך בין א פויגעל.... אָה, אָה, אָה!....

טשערטאָפּכאַנאָוו האט זיך א וואָרף געטהאָן אין פאָראויס, שטאפּעל איז אָבגעשפּרונגען שטאַרק אויפגערעגט, די געסט האבען זיך א וואָרף געטהאָן אנטקעגען דעם צורייצטען גוטסבעזיצער.

— שיסען זיך, שיסען זיך, שוין זיך שיסען, איבער א טיכעל! — האט געשריען דער צווישעטער פּאַנטאַלעי — אָדער בעט אום פערצייהונג ביי מיר, און ביי איהם...

— טהוט עס, בעט אום פערצייהונג — האָבען געמורמעלט ארום שטאַפּעל'ן די צושראָקענע יורשים — ער איז דאָך אַזאַ משוגענער, ער איז בערייט צו קוילען.

— ענטשולדיגט, ענטשולדיגט, איך האב ניט געוואוסט — האט גענומען שטאמלען שטאפעל — איך האב ניט געוואוסט...

— ביי איהם אויך בעט! — האט געליארעמט דער צוקאָכטער פאנטאלעי.

— ענטשולדיגט איהר אויך — האט געזאָגט הערר שטאפעל, זיך ווענדענדיג צו נעדאָפּיוסקין'ען, וועלכער האט זיך אליין געטריי־סעלט, ווי פון פיבער.

טשערטאָפּכאנאָוו האט זיך בערוהיגט, איז צוגעגאנגען צו טיכאָן איוואניטש'ען, איהם אָנגענומען פאר א האנד, שטאָלץ א קוק געטהאָן ארום זיך און, ניט טרעפענדיג קיין איין בליק, איז ער טריומפירענד ארויס פון צימער צוזאמען מיט דעם נייעם בעזיצער פון דעם ערוואָר־בענעם דערפעל בעזסעלענדעעווקע.

פון יענעם טאָג אָן, האבען זיי זיך שוין מעהר ניט צושיידעט. (דאס דערפעל בעזסעלענדעעווקע האט זיך געפונען אין גאנצען אכט וויאָרסט פון בעזסאָנאָווא.) נעדאָפּיוסקין'ס אונבעגרענעצטע דאנק־בארקייט איז באלד אריבער אין א מין אונטערטהעניגע פערגעטערונג. דער שוואכער, ווייכער און ניט גאָר ריינער טיכאָן האט זיך געבויגען צו דער ערד פאר דעם אונערשראָקענעם און ניט אייגננוציגען פאָנ־טאלעי'ען. „א קליינינקייט," האט ער געטראכט ביי זיך: „רעדט מיט'ן גובערנאטאָר און קוקט איהם גלייך אין די אויגען.... דאס איז דאָך עפּעס א גאָט, אז ער קוקט אזוי, ניט קיין מענש!"

ער האט איהם בעוואונדערט, שטארק בעוואונדערט, געהאלטען איהם פאר א מענשען, א אונגעוועהנליכען, א קלוגען, א געלעהרענ־טען. און דער אמת איז, אז ווי שלעכט עס איז ניט געווען די ערצי־הונג פון טשערטאָפּכאנאָוו'ן, אבער אין פערגלייך מיט טיכאָן'ס ער־ציהונג, האט ער זיך געקאָנט אויסווייזען גלענצענד. אמת, טשערטאָ־פּכאנאָוו האט רוסיש געלעזען ווייניג, פראנצויזיש האט ער פערשטאַ־נען גאָר שלעכט, נור דאָך, האט ער געדענקט, אז עס איז געווען אמאָל אויף דער וועלט, א זעהר שארפער פערפאסער מיט'ן נאָמען וואָלטער, און אז פריעדריך דער גרויסער, דער פּרייסישער קייזער, האט זיך אויך אויסגעצייכענט אין קריעג. פון די רוסישע שרייבער האט ער רעס־פּעקטירט דעם דיכטער דערזשאווין'ען, און ליעב געהאט מארלינסקי'ן

און דעם בעסטען פערד זיינעם האט ער א נאָמען געגעבען אמאַלאט בעק....

אין עטליכע טעג ארום נאָך מיין ערשטער בעגעגעניש מיט ביידע פריינד, בין איך אוועק אין דאס דערפעל בעזסאָנאָוואָ, צו פאַנטאַלעי יערעמעיאיטש'ען. פון ווייטענס האט זיך געזעהן דאס קליין הייזעל זיינס: ער איז געשטאַנען אויף א נאַקעטען פּלאַץ, ארום א האלב וויאָרסט פון דאָרף, ווי א יאַסטרעב אויף אַן אַקער־פעלד. דאס גאַנצע גוט פון טשערטאָפּכאַנאָוו'ן איז בעשטאַנען פון פיער אַלטע, פאַרצייי־טיגע כאַלופּקעס פון פערשיעדענער גרויס: פון א פליגעל, א פערד־שטאַהל, א שייער און א באָד. יעדע כאַלופּקע איז געשטאַנען פאַר זיך, אָבגעטהיילט איינע פון דער אַנדערער; עס האט זיך ניט געזעהן ניט קיין צוים און ניט קיין טויער. ניט וויסענדיג וואס צו טהאָן, האט זיך מיין קוטשער אָבגעשטעלט נעבען האלב פערפוילטען און פערשמוצ־טען ברונעם. נעבען שייער האבען עטליכע מאָגערע און צוקודעלטע יונגע הינטלאַך געפייניגט א גע־פּגר'טען פערד, הפּנים — אַרבאַסאַן; איינער פון די הינטלאַך האָט געהאַט אויפגעהויבען די צובלוטיגטע מאָרדע, האט איילענדיג זיך א האַווקע געטהאָן און זיך ווידער גענומען גריזשען די הוילע זייטען. נעבען פערד איז געשטאַנען א יונג פון א יאָהר זיבעצען, מיט אַן אויפגעבלאָזענעם געלען פּנים, אָנגעטהאָן, ווי א קאָזאַק'ל, און מיט באָרפוסע פיס; ער האט מיט שטאָלץ געקוקט אויף די הינט, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוועזען אונטער זיין השגחה, און האט צייטענווייז א שמיטץ געטהאָן מיט'ן קאַנטשיק די בייזערע פון זיי.

איז דער פּריץ אין דערהיים? — האב איך געפרעגט.

— דער גוטער יאָהר וויסט איהם! — האט געענטפערט דער יונג — קלאַפּט אָן.

— איך בין אַראָבגעשפּרונגען פון וואָגען און צוגעגאַנגען צום גאַנעק פון פליגעל.

די היים פון הערר טשערטאָפּכאַנאָוו'ן האט אויסגעזעהן זעהר טרויעריג: די ברעטער זיינען שוואַרץ געוואָרען און זיינען אָבגע־שטאַנען פון די ווענט, דער קוימען איינגעפאַלען, די ווינקלען אויס־געבויגען, קליינע דונקעל־גרויע פענסטערלאַך האָבען שרעקליך אומע־

טיג ארויסגעקוקט פון אונטער דעם איינגעבויגענעם דאך: מאַנכע אַלטעטשקע האבען אַזעלכע אויגען.

איך האב אַנגעקלאַפּט; אבער קיינער האט זיך ניט אָבגערופען. דאָך האב איך הינטער דער טהיר געהערט עמעצען רעדיינדיג מיט א שאַרפען קול.

איך האב אַנגעקלאַפּט א צווייטען מאָל.

דער אייגענער קול האט א געשריי געטהאָן: אריין, ווער איז דאָרט....

איך בין אריין אין א לעדיגע, קליינע פיהר־הויז און דורך דער גע־עפענטער טהיר האב איך דערזעהן טשערטאָפּכאַנאָוו'ן אליין.

אין א שמוציגען כאַלאַט, ברייטע בריטע תחתונים און א רויטער יאַר־מאָלקע איז ער געזעסען אויף א שטוהל, מיט איין האנד האט ער צו־זאַמענגעדריקט א יונגען פודעל די מאָרדע און אין דער צווייטער האט ער געהאַלטען א שטיק ברויט אונטער זיין סאָמער נאָז.

— אַה, דאס זייט איהר! — האט ער ארויסגערעדט מיט ווירדע און ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט — אייער בעזוך פרעהט מיך זעהר. ביטע, זעצט זיך. און איך האב אַן עסק אָט מיט דעם הונד, מיט ווענ־זאָר'ן.... טיכאָן איוואַניטש — האט ער צוגעזעצט מיט א הייזע־ריגען קול — קום אקאָרשט אהער. א גאַסט איז געקומען.

— גלייך, גלייך — האט פון צווייטען צימער געענטפערט טיכאָן איוואַניטש — מאַשאַ, גיב אהער מיין האַלזטוך.

טשערטאָפּכאַנאָוו האט זיך ווידער גענומען צום הונד און ארויפ־געלייגט איהם דאס שטיקעל ברויט אויף דער נאָז. איך האב א קוק געטהאָן ארום זיך. אויסער א צוזאַמענגעלייגטען, אָבגעריבענעם טיש אויף דרייצעהן פיסלאַך, ניט אַלע פון איין לענג, און פיער דורכגעבראָ־כענע שטרויענע שטוהלען, איז אין צימער קיין אַנדערע מעבעל ניט געווען; די ווענט, וועלכע זיינען שוין לאַנג, לאַנג ניט געווען געווייסט, זיינען געווען פול מיט בלויע פלעקען, אזוי ווי שטערען, און אין פיעלע פלעצער גאַר אָבגעריבען; צווישען די פענסטער איז געהאַנגען א צובראָכענער און פערכמורעטער שפּיעגעל אין א גרויסען ראַהם פון רויטע האָלץ, אין די ווינקלען זיינען געשטאַנען טשוביקעס און ביק־סען, פון סופיט זיינען געהאַנגען דיקע, שוואַרצע פּעדים פון שפּינ־וועבס.

טשערטאָפּכאַנאָוו איז געזעסען און געלעהרענט דעם הונד וועני־זאָר צו כאַפּען דאס ברויט פון זיין נאָז און עסען ווי א סטאַטעק.

אָבער דער אונגליקליכער הונד האָט זיך נור געטרייסעלט און ניט געוואַגט צו עפענען זיין מויל; ער איז געזעסען צוזאַמענדריקענ־דיג דעם ווידעל אונטער זיך און, אויסקרימענדיג די מאָרדע, האט ער אומעדיג געפינטעלט מיט די אויגען און זיך געזשמורעט, ווי ער וואָלט זאָגען פאר זיך: „נו, יאָ, געוויס, איהר קאָנט טהאָן וואס איהר ווילט!"

— נאַ, עס, נאַ! — האט גע'טענה'ט דער צורייצטער גוטסבע־זיצער.

— איהר האט איהם איינגעשראָקען — האב איך בעמערקט.

— נו, טאָ זאָל ער געהן פון דאַנען!

ער האט איהם א שטויס געטהאָן מיט'ן פוס. דער אָרימער הונד האט זיך שטיל אויפגעהויבען, אָנגעוואָרען דאס ברויט פון'ם נאָז און איז אוועק, ווי אויף די שפּיץ פינגער אין פירהויז, א טיעף בעליי־דיגטער. און ווירקליך: א פרעמדער מענש איז צום ערשטען מאָל געקומען צופאָהרען און מיט איהם בעגעהט מען זיך אזוי פּראָסט!

די טהיר פון'ם צווייטען צימער האט פּאָרזיכטיג א סקריפּע גע־טהאָן און הערר נעדאָפּיוסקין איז אריין, פערנייגענדיג זיך און אנ־גענעהם שמייכלענדיג.

איך האָב זיך אויפגעהויבען און זיך בעגריסט.

— זיצט, זיצט, בעאונרוהיגט זיך ניט — האט ער גענומען שטאַמלען.

מיר האבען זיך געזעצט. טשערטאָפּכאַנאָוו איז אויפגעשטאַנען און איז ארויס אין צווייטען צימער.

— איהר זייט שוין לאַנג אין אונזערע מקומות? — האט גענו־מען ריידען נעדאָפּיוסקין מיט א ווייכען קול, פּאָרזיכטיג א הוסט טהאָנדיג אין האַנד און, פון אנשטענדיגקייט וועגען, צוגעהאַלטען די פינגער פאַר די ליפּען.

— שוין דעם צווייטען מאָנאַט.

— אזוי גאָר.

מיר זיינען אנשווייגען געוואָרען.

— מיר האָבען איצט שעהנעם וועטער — האָט ווייטער נעדאָפּיוסקין

נעדאָפּיוסקין און א קוק געטהאָן אויף מיר מיט גרויס דאנקבארקייט, אקוראט ווי דאס וועטער וואָלט געווען אָבהענגיג פון מיין ווילען — די קאָרן איז איצט פּשוט אויף וואונדער.

איך האב אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ אַלס צייכען, אז איך בין מיט איהם איינפערשטאַנדען.

— פּאַנטאַלעי יערעמעיאיטש האט נעכטען צוויי גרויע האָזען פּערטריעבען — האט עטוואָס אָנגעשטרענגט ווידער גענומען ריידען נעדאָפּיוסקין, וועלכער האט קאָנטיג געוואָלט מאַכען לעבעדיגער דעם געשפּרעך — יא, צוויי זעהר גרויסע, גרויע האָזען.

— האט הערר טשערטאָפּכאַנאָוו עפּעס גוטע הינט?

— וואונדערבאַרע! — האט מיט פערגעניגען געענטפערט נעדאָפּיוסקין — מען קאָן זאָגען, די ערשטע אין גובערניע. (ער האט זיך צוגערוקט צו מיר.) וואס איז דאָ צו ריידען! פּאַנטאַלעי יערעמעיאיטש איז אַזאַ מענש! וואס ער זאָל נור ווּעלען, וואס פאר אַן איינפאַל ער זאָל נור האבען, איז ווי איהר קוקט זיך ארום, אין איין הרף עין, ביי איהם שוין אַלסדינג פערטיג, אַלעס קאָכט ביי איהם. פּאַנטאַלעי יערעמעיאיטש איז א מענש, זאָג איך אייך...

טשערטאָפּכאַנאָוו איז אריין אין צימער. נעדאָפּיוסקין האט א שמייכעל געטהאָן, איז אנשווייגען געוואָרען און מיר אָנגעוויזען אויף איהם מיט די אויגען, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: אָט, איהר וועט שוין אליין זעהן. מיר האבען גענומען ריידען וועגען געיעג.

— ווילט איהר, וועל איך אייך ווייזען מיינע הינט? — האט מיך געפרעגט טשערטאָפּכאַנאָוו און, ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, האט ער א רוף געטהאָן קאַרפּ'ן.

עס איז אריין א געזונדער יונג אין א גרינעם לייוועגטענעם קאַפּטען מיט א בלויען קראַגען און מעשענע קנעפּ.

— הייס פּאָמקע'ן — האט ארויסגערעדט טשערטאָפּכאַנאָוו מיט געהאַקטע ווערטער — אריינברענגען אַמאַלאַט'ען און סייגא'ן, אבער אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג, ווי עס געהער צו זיין, דו פערשטעהסט?

קאַרפּ האָט א שמייכעל געטהאָן איבער'ן גאנצען מויל, האָט ארויסגעלאָזט אַן אונבעשטימטען קלאַנג און איז ארוים.

עס האט זיך בעוויזען פּאָמאַ, א פּערקאַמטער, א פּערשפּיעלטער, אין שטיוועל און מיט די הינט.

פון אנשטענדיגקייט וועגען האב איך געגלויבט די נארישע הינט. טשערטאפכאנאוו האט אנגעשפיגען אמאלאט'ען אין די סאמע נאז־לעבער, וואס עס האט, קאנטיג, דעם הונד גיט פערשאפט קיין בעזונ־דערען פערגעניגען. נעדאפיוסקין האט אויך פון הינטען א לאסטשע געטהאן אמאלאט'ען.

מיר האבען ווידער געגומען פלוידערן. טשערטאפכאנאוו איז בים־לאכוויוז ווייכער געווארען, האט זיך אויפגעהערט צו בלאזען, ווי א האהן, און צו פארשקען; דער אויסדרוק פון זיין פנים האט זיך גע־ענדערט. ער האט א קוק געטהאן אויף מיר און אויף נעדאפיוסקין'ען...

— עך! — האט ער פלוצים אויסגעשריען — צו־וואס זאל זי דארט זיצען איינע אליין? מאשא! א, מאשא! קום אקארשט אהער!

עמעצער האט זיך א ריהר געטהאן אין צווייטען צימער, אבער קיין ענטפער האט זיך ניט געהערט.

— מא־א־שא! — האט פריינדליך ווידערהאלט טשערטאפכא־נאוו — קום אהער, עס מאכט ניט אויס, האב ניט מורא.

די טהיר האט זיך שטילינקערהייד געעפענט, און איך האב דער־זעהן א פרוי פון א יאהר צוואנציג, א הויכע, א שלאנקע, מיט א ציגיינערשען טונקעלען פנים, מיט העל־ברוינע אויגען און א פעך־שווארצען צאפ; גרויסע ווייסע ציינער האבען ארויסגעבליטשעט פון אונטער פולע, רויטע ליפען. זי איז אנגעטהאן געווען אין א ווייסען קלייד; א בלויער שארף פערשפיליעט ביים האלז מיט א גאלדענער שפילקע, האט ביז אויף העלפט פערדעקט איהרע דינע, פולע הענד. זי האט געטהאן א פאאר טריט מיט דער צומישטער שעהמעוודיגקייט פון א ווילדער, האט זיך אבגעשטעלט און ארונגעלאזען דעם קאפ.

— אט, איך וועל אייך פארשטעלען — האט געזאגט פאנטאלעי־יערעמעיאיטש — יע, א ווייב, ניט קיין ווייב, אבער כמעט דאס איי־גענע, ווי א ווייב.

מאשא האט זיך לייכט אנגעצונדען און צומישט א שמייכעל גע־טהאן. איך האב זיך פאר איהר נידעריג פערנייגט. זי איז מיר זעהר שטארק געפעלען געווארען. א דינע אדלער־נאז, מיט אפענע האלב־דורכזיכטיגע נאזלעכער, די דרייסטע שטריכען פון די הויכע ברעמען, די בלייכע עטוואס איינגעפאלענע באקען, — אלע שטריכען פון

איהר פּנים האבען אויסגעדריקט א גאַנץ בעזונדערע, אייגענאַרטיגע ליידענשאַפט און זאָרגלאָזע געוואַגטקייט. פון אונטער דעם פערפלאָכ־טענעם צאָפּ איז פון אונטען איבער דער ברייטער האַלז ארונטערגעפאַ־לען צוויי־דריי רינגעלאך בליסטשענדיגע האָארעלאך — א סימן פון בלוט און קראַפט.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און זיך געזעצט. איך האב ניט געוואָלט פערגרעסערען איהר צומישטקייט און גענומען ריידען מיט טשערטאָפּכאַנאָוו׳ן. מאַשאַ האט לייכט א קעהר געטהאָן דעם קאָפּ און גענומען קוקען אויף מיר פון דער זייט, פער׳גנב׳עט, ווילד, שנעל. איהר בליק האט זיך געוואָרפען און געמיניעט, ווי דער פּיסק פון א שלאַנג.

נעדאָפּיוסקין האט זיך צוגעזעצט צו איהר און עפּעס א שעפּטשע געטהאָן איהר אויפ׳ן אויער. זי האט ווידער א שמייכעל געטהאָן. שמייכלענדיג האט זי לייכט געקנייטשט די נאָז און עטוואָס אויפ־געהויבען די אויבערשטע ליפּ, וואס האט צוגעגעבען איהר פּנים אַן אויסדרוק צו פון א קאַץ, צו פון א לייב...

— נו, יאָ, ווי איך זעה, ביזטו א „ריהר מיך נישט אָן״ — האב איך א טראַכט געטהאָן און פון מיין זייט אויך געכאַפּט בגנבה א בליק אויף איהר בייגיגער טאַליע, די איינגעפאַלענע ברוסט און זייטיגע, פלינקע בעוועגונגען.

— וואס זאָגסטו, מאַשאַ — האט געפרעגט טשערטאָפּכאַנאָוו — מען האט געדאַרפט דעם גאַסט מיט עפּעס מכבד זיין, אה?

— ביי אונז איז דאָ וואַרעניעס — האט זי געענטפערט.

— נו, גיב אַהער די וואַרעניעס, און אַביסעל בראַנפען וועט אויך ניט שאַדען. און הער אויס, מאַשאַ—האָט ער איהר נאָגעשריען — ברענג שוין אין איין גאַנג די גיטאַרע אויך.

— צו וואס איז די גיטאַרע? איך וועל ניט זינגען.

— פאַרוואָס?

— עס ווילט זיך ניט.

— עך, נאַרישקייטען, עס וועט זיך שוין וועלען, ווען....

— וואס? — האט געפרעגט מאַשאַ און גלייך אָנגעכמורעט די ברעמען.

— ווען מען וועט דיך בעטען — האט דערערדט טשערטאָפּכאַ־נאָוו אביסעל צומישט.

— א!

זי איז ארויס, באַלד האט זי זיך צוריקגעקעהרט מיט וואַרעניעס און בראַנפען, און זיך ווידער געזעצט ביים פענסטער. אויף איהר שטע־רען האט זיך געזעהן א קנייטשעלע;ביידע ברעמען האבען זיך גע־הויבען ארויף און אראָב, ווי די וואַנצעלאך ביי א וועספּע... נו, האב איך א טראַכט געטהאָן, עס וועט זיין א שטורם. דער געשפּרעך האט זיך ניט געקלעבט. נעדאָפּיוסקין איז גאָר שטיל געוואָרען און האט אָנ־געשטרענגט געשמייכעלט; טשערטאָפּכאָנאָוו האט געסאָפּעט, איז רויט געוועןן און אויסגעפּוטשעט די אויגען; איך האב זיך שוין גע־קליבען אוועקפאָהרען!... מאַשאַ האט זיך פּלוצים א הייב געטהאָן, האט מיט אמאָל געעפענט דאס פענסטער, ארויסגערוקט דעם קאָפּ און מיט הארץ א געשריי געטהאָן צו א פערביי־גייענדיגער אַלטער: „אַקסיניאַ!״ די אַלטע האט זיך א טרייסעל געטהאָן, האט געוואָלט א קעהר טהאָן זיך, האט זיך אויסגעגליטשט און שווער א פאַל געטהאָן צו דער ערד. מאַשאַ האט זיך א וואָרף געטהאָן צוריק און זיך צולאַכט הויך, אויפ׳ן קול; טשערטאָפּכאַנאָוו האט אויך גענומען לאַכען; נע־דאָפּיוסקין האט אַזש געקוויטשעט פאר פרייד. מיר האבען אַלע אָב־געלעבט. דער שטורם איז אריבער מיט איין איינציגען בליץ... די לופט איז ריין געוואָרען.

אין א האַלב שעה ארום האט אונז שוין קיינער ניט דערקענט: מיר האבען געפּלוידערט און געשטיפט, ווי קינדער. מאַשאַ האט גע־שטיפט מעהר פון אַלעמען, טשערטאָפּכאַנאָוו האט איהר געפרעסען מיט די אויגען. דאס פּנים איהר׳ס איז בלאַס געוואָרען, די נאָזלעכער זיינען ברייטער געוואָרען, דער בליק האט אויפגעפלאַקערט און זיך געלאָשען אין איין און דערזעלבער צייט. די ווילדע האט זיך צו־שפּיעלט. נעדאָפּיוסקין האט הינקענדיג אונטערגעשפּרונגען נאָך איהר, ווי אַן ענטריך נאָך אַן ענטעל. אפילו ווענזאָר איז ארויסגעקראָכען פון אונטער דער באַנק אין פירהויז, איז געשטאַנען א ווייַלע אויפ׳ן שוועל, האט אונז בעטראַכט און פּלוצים אויך גענומען שפּרינגען און בילען.

מאַשאַ איז ארויסגעפלויגען אין צווייטען צימער, האט געבראַכט א גיטאַרע, ארונטערגעשליידערט דעם שאַרף פון איהרע פּלייצעס, זיך

פלינק א זעץ געטהאָן, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און גענומען זינגען א ציגיינערשע ליעד. איהר קול האט געקלונגען און געציטערט, ווי א צופלאצטע גלעזערנע גלעקעלע, האט אויפגעפלאקערט און אָבגעשטאָרבען... גוט און מורא׳דיג איז פון איהר זינגען אויפ׳ן הארצען געוואָרען. — „אוי, ברען, רייד!..."

טשערטאָפּכאנאָוו איז אוועק א האָפּקע. נעדאָפּיוסקין האט גענומען טופּען און דריגעווען מיט די פיס. מאשא האט אין גאנצען געברענט, ווי א יונג בירקען־בוימעל אויף א פייער: איהרע דינע פינגער זיינען שטיפעריש געלאָפען איבער דער גיטארע. דער דונקעלער האלז האט זיך לאנגזאם בעוועגט אונטער דעם צווייערדיגען, ברוסטינענעם האלזבאנד. דאָ איז זי פּלוצים אנשוויגען געוואָרען, האט זיך ארונטערגעלאָזט א פערמאטערטע און, ווי ניט ווילענדיג, די סטרונעס געדריקט, און טשערטאָפּכאנאָוו האט זיך דאן אָבגעשטעלט, נור מיט איין פּלייצע א דריק געטהאָן, און זיך אויף די קאָרקעס א דרעה געטהאָן, און נעדאָפּיוסקין האט געוואקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי א פּאָרצעלייענער כינעזער; — און דאָ האט זי זיך ווידער צוגאָסען, ווי א משוגענע, האט אויסגעגלייכט איהר פיגור, און אויסגעשטעלט די ברוסט אין פאָראויס, און טשערטאָפּכאנאָוו איז ווידער אוועק טאנצען, האט זיך געזעצט אָן דער ערד, אונטערגעשפּרונגען ביז דעם סאמען סופיט, האָט זיך געדרעהט אין קאראהאָד, געשריען: „לעבעדיג!..."

— לעבעדיג, לעבעדיג, לעבעדיג, לעבעדיג! — האָט שנעל אונטערגעכאפּט נעדאָפּיוסקין.

שפּעט ביינאכט בין איך אוועקגעפאָהרען פון בעזסאָנאָוואָ...

טשערטאָפּכאַנאָוו'ס סוף

טשערטאָפּכאַנאָוו'ס סוף

I.

אין צוויי יאָהר ארום נאָך מיין בעזוך, האבען זיך ביי פּאַנטעלעי יערעמעיאיטש טשערטאָפּכאַנאָוו'ן אָנגעהויבען א סדרה פון צרות, טאַקי אמת'ע צרות. סיבות און אונגליקען האבען איהם פריהער אויך געטראָפען, אבער ער האט זיך געוועהנליך וועגען זיי ניט געקימערט און „געקיניגט," ווי אַלע מאָל. די ערשטע אמת'ע צרה, וואס עס האט איהם געטראָפען און וועלכע ער האט שטארק געפיהלט, איז געווען, ווען מאַשאַ האט איהם פערלאָזען.

וואס האט זי געצוואונגען צו פערלאָזען זיין הויז, אין וועלכען זי האט זיך, דאכט זיך, אזוי היימיש געפיהלט, איז שווער צו זאָגען. ביז זיין טויט איז טשערטאָפּכאַנאָוו געווען איבערצייגט, אז שולדיג אין דעם, וואס מאַשאַ האט איהם פערלאָזען, איז געווען איינער א יונ־גער נאָכבאַר, אַן אמאָליגער אָפּיציער, מיט'ן נאָמען יאַפּף, וועלכער, לויט פּאַנטאַלעי יערעמעיאיטש'עס ווערטער, האט אויסגענומען בלויז מיט דעם, וואס ער האט נאָכאַנאַנד געדרעהט די וואָנצעס, האט זיך שטארק געשמירט מיט פּאָמאַדע און זיך וואזשנע געבלאָזען; אבער ריכטיגער קאָן זיין, אז שולדיג איז אין דעם געווען דאס אונרוהיג צי־גיינערש בלוט, וואס האט געקאָכט אין מאַשאַ'ס אָדערען.

אבער ווי די מעשה זאָל דאַרט ניט זיין, נור איינמאָל אין א שעה־נעם זומערדיגען פארנאכט, האט מאַשאַ איינגעפּאַקט עטליכע זאכען איהרע אין א קליין פּעקעל און איז אוועק פון טשערטאָפּכאַנאָוו'ס הויז.

פאר דעם איז זי א דריי טעג נאָכאַנאַד געזעסען אין א ווינקעלע, אַן איינגעהויקערטע און אריינגעדריקטע אין וואַנד, ווי א פערוואונדע־

טע פוקס, און זאָל זי כאָטש א וואָרט האבען צו ווענען אויסגערעדט, האט בלויז מיט די אויגען געדרעהט און האט זיך פערטראַכט, און מיט די ברעמען געקנויטשט, און אביסעלע די צייהן געשצירעט, און מיט די הענד בעוועגט, אזוי ווי זי וואָלט זיך געטוליעט...

פריהער פלעגט זי אויך אמאָל אָנכאַפּען אזא „משוגעת," אבער עס פלעגט זיך לאַנג ניט האַלטען; טשערטאָפּכאַנאָוו האט עס גע־וואוסט און דערפאר האט ער געקוקט אויף דעם, ווי אויף א געוועהנ־ליכע זאַך, איז אליין געבליבען רוהיג און איהר אויך ניט געטשעפּעט. אבער, בעת ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון'ם הויף, וואו זיינע הינט האבען זיך אויפגעהאלטען, האט ער אָנגעטראָפען זיין דיענסט, וועל־כע האט איהם געמעלדעט מיט א ציטערענדיגען קול, אז מאַריא אַקינ־פיעוונאַ האט געלאָזט איהם גריסען, אז זיי ווינשען איהם אַל דאס גוטס און אז זיי ווענען זיך מעהר ניט צוריקקעהרען צו איהם,—דאַן האט טשערטאָפּכאַנאָוו זיך א פּאָאר מאָל א דרעה געטהאָן אויף איין אָרט, ארויסגעלאָזט א פערשטיקטען ברום און זיך גלייך א וואָרף געטהאָן נאָך דער אַנטלאָפענער, פערכאַפּענדיג מיט זיך א פּיסטאָלעט.

ער האט זי אָנגעיעאָגט אויפ'ן ברייטען שליאך, וואס האט גע־פיהרט צו א קליין שטעדטעל, נעבען א בירקען־וועלדעל, א וויאָרסט צוויי פון זיין הויז.

די זונן האט זיך שוין געהאט ארונטערגעלאָזט נידעריג איבער'ן האָריזאָנט און אלסדינג ארום איז פערגאַסען געוואָרען מיט א רויט־פייערדיגער שיין: די בוימער, די גראָז, און די ערד.

— צו יאַפּפ'ן! צו יאַפּפ'ן — האט ארויסגעקרעכצט טשערטאָ־פּכאַנאָוו, גלייך ווי ער האָט דערזעהן מאַשאַ'ן — צו יאַפּפ'ן! — האט ער נאָך אמאָל געזאָגט, צולויפענדיג צו איהר, וואקלענדיג זיך ביי יעדען טריט.

מאַשאַ האט זיך אָבגעשטעלט און זיך א קעהר געטהאָן צו איהם מיט'ן פּנים. זי איז געשטאַנען מיט'ן רוקען געגען דער שיין און האט אין גאַנצען אויסגעזעהן שוואַרץ, אזוי ווי פון שווארצען האָלץ אויס־געשניצט. בלויז די ווייסלאַך פון די אויגען האבען געבלישצעט ווי זילבער און די אויגען אליין, די שוואַרץ־אַפּעלס, זיינען נאָך דונקעלער געוואָרען.

זי האט א וואַרף געטהאָן איהר פּעקעל אָן א זייט און צונויפגע־לעגט די הענד אויף דער ברוסט.

— צו יאַפּף'ן געהסטו, דו ניעדערטרעכטיגע! — האָט טשערטאָ־פּכאַנאָוו ווידער געזאָגט און זי געוואָלט א כאַפּ טהאָן פאר'ן אַקסעל; אבער, געטראָפען זיך מיט איהר בליק, איז ער צומישט געוואָרען און זיך פערלאָרען.

— איך געה ניט צו יאַפּף'ן, פּאַנטאלעי יערעמעיאיטש — האט מאַשא זיך אָנגערופען רוהיג און שטיל — נור איך קען מיט אייך מעהר ניט וואוינען.

— וואס מיינסטו? ווארום? איך האב דען דיך מיט עפּעס בע־לײדיגט?

מאַשא האט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— איהר האט מיך מיט גאָרנישט בעליידיגט, פּאַנטעלעי יערע־מעיאיטש, נור מיר איז אומעטיג געוואָרען ביי אייך.... פאר דאס פריהערדיגע דאַנק איך אייך, אבער בלייבען ווייטער קען איך ניט — ניין!

טשערטאָפּכאַנאָוו איז נשתומם געוואָרען, האט אזש זיך א פּאַטש געטהאָן מיטביידע הענד אָן די קניע און א שפּרונג געטהאָן.

— איך פערשטעה ניט! שטייטש: האט געלעבט אין איין פער־געניגען ביי מיר — און מיט אמאָל: אומעטיג געוואָרען! איך וועל נעהמען און איהם פערלאָזען! גענומען, א טיכעל אויפ'ן קאָפּ ארויפ־געוואָרפען, און אוועק. שטייטש, אָפּגעגעבען איהר כבוד, ניט וויי־ניגער ווי א פּריצה'טע...

— דאס האט איהר ניט געמעגט טהאָן פון מיינטוועגען — האט איהם איבערגעשלאָגען מאַשא.

— וואס הייסט, איך האב דאס ניט געמעגט טהאָן? פון אַן ארומשלעפּערקע א ציגיינערין האב איך דיך פאר א פּריצה'טע גע־מאַכט. און איך האב דאס ניט געמעגט טהאָן! וואס הייסט, איך האב דאס ניט געמעגט טהאָן, דו הינטעשע טאָכטער, דו? ווער וועט עס דיר גלויבען? דאָ שטעקט א פערראַטה, א פערראַטה!

ער האט ווידער זיך צוקאָכט און געשיפּעט.

— קיין פערראַטה האב איך ניט אין'ם זינען און ניט געהאט —

האט ארויסגערעדט מאַשאַ מיט איהר קלאָרען און זינגענדיגען קול—
איך האב אייך שוין געזאָגט: מיר איז אומעטיג געוואָרען....

— מאַשאַ! — האט אויסגעשריען טשערטאָפּכאַנאָוו און זיך א
זעץ געטהאָן מיט'ן פויסט אין ברוסט אריין — נו, זאָל זיין גענוג,
גענוג! האָסט מיך א מוטשע געטהאָן, זאָל זיין גענוג! ביי גאָט, בע־
דענק נור, וואס טישאַ וועט זאָגען; דו וואָלסט כאָטש אויף איהם
רחמנות געהאַט!

— טיכאָן איוואַניטש'ן גריסט אין מיין נאָמען און זאָגט
איהם....

טשערטאָפּכאַנאָוו האט א הייב געטהאָן די הענד.

— ניין, דו וועסט ניט אוועק! דיין יאַפּף וועט ניט דערהאַרען
דיך צו זעהן!

— הערר יאַפּף — האט געהאַט מאַשאַ אָנגעהויבען...

— וואס פאר א ה ע ר ר יאַפּף איז ער!—האט איהר איבער־
געמישט טשערטאָפּכאַנאָוו — ער איז ניט מעהר ווי א ליץ, א וואַגאַ־
בונד, און א פּרצוף האט ער אויך, ווי אַן אַפּפע.

גאַנצע אָנדערטהאַלבען שעה האט טשערטאָפּכאַנאָוו גע'טענה'ט
מיט מאַשאַ'ן. דאָ איז ער צוגעגאַנגען צו איהר נאָהענט, דאָ איז ער
אָפּגעשפּרונגען פון איהר, דאָ האט ער זי געוואָלט שלאָגען און דאָ
האט ער זיך געבעטען ביי איהר, געוויינט, געזידעלט זיך, און אויף
אַלסדינג האט מאַשאַ געענטפערט בלויז איינס:

— איך קען ניט, מיר איז אומעטיג...

ביסלעכווייז האט איהר פּנים אָנגענומען א גלייכגילטיגען אויס־
דרוק, אזא גלייכגילטיגען, כמעט א פערשלאָפענעם אויסדרוק, אז
טשערטאָפּכאַנאָוו האט ביי איהר געפרעגט, צו האט מען זי ניט פער־
שכור'ט?

— ניין, מיר איז בלויז אומעטיג — האט מאַשאַ געענטפערט
צום צעהנטען מאָל.

— און אז איך וועל דיך דערשיסען? — האט ער פּלוצים אויס־
געשריען און ארויסגעכאַפּט דעם פּיסטאָלעט פון קעשענע.

מאַשאַ האט א שמייכעל געטהאָן; איהר פּנים האט אויפגעלעבט.

— דערשיסט, פּאַנטאַלעי יערעמעיאיטש — האט זי געזאָגט —

איהר קאָנט מיך דערשיסען, אבער צוריקקעהרען זיך צו אייך וועל איך ניט.

— וועסט זיך ניט צוריקקעהרען?

ער האט אָנגעשטעלט אויף איהר דעם פיסטאָלעט.

— קיינאָמל ניט, טהייערינקער מיינער. אזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען. איך האלט וואָרט.

טשערטאָפּכאַנאָוו האט פּלוצים אריינגערוקט דעם פיסטאָלעט איהר אין האנד אריין און זיך ארונטערגעלאָזט אויף דר'ערד.

— נו, טאָ דערשיס ד ו מיך! אָהן דיר וויל איך ניט לעבען. איך האב דיר דערעסען און אַלסדינג האט מיר דערעסען.

מאשא האט זיך איינגעבויגט, אויפגעהויבען איהר פּעקעל, אוועקגעלייגט דעם פיסטאָלעט אויף די גראָז מיט א זייט צו טשערטאָפּכאַנאָוו'ן צו און זיך צוגערוקט צו איהם.

— עך, טהייערינקער, נו, וואס נעהמסטו זיך דאָרט דאס לעבען? קענסטו דען ניט אונזערע ציגיינערינס? אזא נאטור האבען מיר, אזוי פיהרען מיר זיך. האט געקומען דאס אומעט נאָגען, האט גענומען ציהען אין די ווייטע וועלט, וועלען מיר שוין ניט פערבלייבען.... דו פערגעס ניט דיין מאשא'ן, אזא פריינד וועסטו קיינמאָל ניט געפינען. און איך וועל דיך אויך ניט פערגעסען, ליעבענקער מיינער, און לעבען מיט דיר וועל איך שוין מעהר קיינמאָל ניט!

— איך האב דיך געליעבט, מאשא — האט ארויסגעמורמעלט טשערטאָפּכאַנאָוו אין די פינגער אריין, מיט וועלכע ער האט ארומגעכאַפּט זיין פּנים.

— און איך האב אייך אויך געליעבט, טהייערינקער פאַנטאַלעי יערעמעיאיטש.

— איך האב דיך געליעבט און ליעב דיך נאָך איצט ביז משוגעת, און טהו איך א טראַכט, אז דו פערלאָזט מיך אָהן א פאַרוואָס, שטעלט זיך מיר פאָר, אז ווען איך וואָלט ניט געווען אזא ביטערער אָרימאַן, וואָלסטו מיך דעמאָלט ניט פערלאָזען!

מאשא האט אויף דעם בלויז א שמייכעל געטהאָן.

— און דו פלעגסט זאָגען, אז איך האב ניט ליעב קיין געלד!

— האט זי זיך אָנגערופען און מיט דער גאַנצער האנד איהם א זעץ געטהאָן איבער'ן אַקסעל.

ער איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס.

— נו, נעהם כאטש ביי מיר געלד, ווי וועסטו געהן אהן א גראָ־שען? אדער נאָך בעסער: טויטע מיך! איך רייד צו דיר קלאָר: טויטע מיך פאר איינמאָל!

מאשא האט ווידער א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

— דיך טויטען? און פארוואָס פערשיקט מען, טהייערינקער, קיין סיביר?...

טשערטאָפּכאַנאָוו האט זיך א טרייסעל געטהאָן.

— און בלויז דערפאר טויטעסטו מיך ניט, ווייל דו האָסט מורא פאר סיביר...

און ער האט זיך ווידער א וואָרף געטהאָן אויף די גראָז.

מאשא איז געשטאַנען נאָך א ווײַלע נעבען איהם און האט גע־שוויגען. דאן האט זי ארויסגערעדט מיט א זיפץ:

— עס טהוט מיר וועה פאר דיר, פאַנטאַלעי יערעמעיאיטש... דו ביזט א גוטער מענש, אבער איך קען ניט העלפען: זיי געזונד!

זי האט זיך אָפּגעקעהרט פון איהם און א פּאָאר טריט געטהאָן. די נאַכט איז צוגעפאַלען און פון אלע זייטען האבען זיך גערוקט דונ־קעלע שאָטענס. טשערטאָפּכאַנאָוו האט זיך פלינק אויפגעהויבען און אָנגעכאַפּט מאשא׳ן פון הינטען פאר ביידע עלענבויגענס.

— דו געהסט טאקי, שלאַנג? צו יאַפף׳ן?

— זיי געזונד! — האט שאַרף ארויסגערעדט מאשא, ארויסגע־ריסען זיך פון זיינע הענד און איז אוועק.

טשערטאָפּכאַנאָוו האט זי בעגלייט מיט די אויגען, דאן איז ער צוגעלאָפען צום פלאַץ, וואו דער פיסטאָלעט איז געלעגען, האט איהם א כאַפּ געטהאָן, צוגעצילעוועט זיך און אויסגעשאָסען: אבער איידער ער האט אָנגעדריקט אויף דער ספּרוזשינע, האט ער די האַנד א ריעס געטהאָן ארויף; די קויל האט פערבייגעזשוזשעט פערביי מאשא׳ס קאָפּ. זי האט געהענדיג אומגעקוקט זיך אויף איהם איבער׳ן אַקסעל און איז אוועק ווייטער, אונטערטאַנצענדיג אין גאַנג, אזוי ווי זי וואָלט זיך מיט איהם גערייצט.

ער האט פערדעקט דעם פּנים און זיך א לאָז געטהאָן לויפען...

אבער ער איז ניט אָפּגעלאָפען קיין פופציג טריט, ווי ער איז פּלו־צים שטעהן געבליעבען ווי אַן איינגעגראָבענער. א בעקאַנטע, זעהר א

בעקאַנטע שטימע האָט זיך צו איהם דערטראָגען. מאַשאַ האָט געזונ־
גען. „די וועלט די יונגע, די רייצענדע" האָט זי געזונגען. יעדער קלאַנג
האָט זיך צושפּרייט אין דער פאַרנאַכטיגער לופט אַזוי טרויעריג און
אַזוי זודיג.

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט זיך איינגעהערט. די שטימע האָט זיך
געטראָגען אַלץ פון ווייטער און ווייטער, דאָ איז זי פערשטאָרבען,
דאָ האָט זי זיך ווידער דערהערט, ווי אַ שטילער, אָבער נאָך אַלץ זודי־
גער שטראָם...

— דאָס זינגט זי מיר אויף צו להכעיס — האָט טשערטאָפּכאַנאָוו
אַ טראַכט געטהאָן; אָבער באַלד טאַקי האָט ער ארויסגעקרעכצט:

— אָה, ניין! דאָס זעגענט זי זיך אַזוי מיט מיר אַזוי אויף איי־
ביג!

און ער האָט זיך פונאַנאַנדערגעוויינט.

*   *
*

אויף מאָרגען איז ער געקומען צו הערר יאַפּף'ן אויפ'ן קוואַרטיר.
דער לעצטער איז געהאַט, ווי אַן עכטער וועלטליכער מענש, אַוועק
פון דעם „דאָרפישען עלענד און האָט זיך בעזעצט אין דעם דערביי־
איגען שטעדטעל „נעהענטער צו די פריילענס," ווי ער פלעגט זיך
אויסדריקען.

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט יאַפּף'ן ניט געטראָפען; לויט ווי דער
קאַמערדיענער האָט איהם געזאָגט, איז יאַפּף נעכטען אַוועקגעפאָהרען
קיין מאָסקווע.

— אָבער איך האָב פערשטאַנען! — האָט טשערטאָפּכאַנאָוו
ווילד אויסגעשריען — ביי זיי איז געווען אָפּגעמאַכט; זי איז מיט
איהם אַנטלאָפען... אָבער וואַרט!...

ער האָט זיך אַריינגעריסען צו דעם יונגען אָפיציער אין קאַבינעט
אַריין, ניט קוקענדיג, וואָס דער קאַמערדיענער האָט איהם דעם וועג
פערשטעלט. אין'ם קאַבינעט איז געהאַנגען איבער דער זאָפע יאַפּף'ס
פּאָרטרעט אין אַן אָפיציערסקער פאָרמע, געמאָהלט מיט אויל־פאַרבען.

— אָט דאָ ביזטו, דו אַפּפע אָהן אַ ווייַדעל! — האָט ארויסגע־
דונערט טשערטאָפּכאַנאָוו, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער זאָפע און,

א קלאפּ געטהאָן מיט'ן פויסט איבער דעם אָנגעצויגענעם לייווענד, האט ער אין איהם דורכגעריסען א גרויסע לאָך.

— זאָג דיין לומפּישען פּריץ — האט ער זיך געווענדעט צום קאמערדיענער — אז ניט געפינענדיג זיין אמת'ע מיאוס'ע פּרצוף, האט דער אדעליגער טשערטאָפּכאַנאָוו צוקאַליעטשעט זיין אויסגע־מאָהלטע; און אויב ער פערלאַנגט פון מיר בעפריעדיגונג, ווייסט ער, וואו צו געפינען דעם אדעליגען טשערטאָפּכאַנאָוו'ן! אָניט וועל איך איהם אליין אויפזוכען! אויפ'ן גרונט פון'ם ים וועל איך אויפזוכען די דאָזיגע מיאוס'ע אַפּפע!

און געזאָגט די דאָזיגע ווערטער, איז טשערטאָפּכאַנאָוו ארונטער־געשפרונגען פון דער זאָפע און האט פערלאָזען דעם קאבינעט מיט א טריאומפירענדיגער מינע.

אבער יאַפּף האט פון איהם קיין בעפריעדיגונג ניט געפאָדערט, ער האט זיך זאָגאר מיט איהם ערגעץ ניט געטראָפען — און טשער־טאָפּכאַנאָוו האט אויך ניט געדאַכט וועגען אויפזוכען זיין שונא און קיין שום „געשיכטע" איז צווישען זיי ניט ארויסגעקומען. מאַשאַ אליין איז באַלד נאָכדעם אין גאַנצען פערפאַלען געגאַנגען, ניט אי־בערלאָזענדיג נאָך זיך קיין שפּור. טשערטאָפּכאַנאָוו האט זיך געוועזט צו'שכור'ט, אבער איז אין גיכען געקומען צו זיך. נור דאָ האט איהם געטראָפען א צווייטע צרה.

II.

און נעמליך: זיין אמת'ער פריינד, טיכאָן נעדאָפּיוסקין איז גע־שטאָרבען. שוין א יאָהר צוויי ווי ער האט נאָכאַנאַנד געקרענקט. אפּרי־הער האט ער גענומען ליידען אויף קורצען אָטהעם, וואָלט נור גע־שלאָפען און, אויפגעכאַפּט זיך, האט ער א לאַנגע צייט זיך ניט גע־קענט אטשוכען. דער דאָקטאָר פון'ם שטעדטעל האט פערזיכערט, אז דאס האט איהם קליינע „שלאַגעלאַך" געטראָפען. אין די דריי טעג, איידער מאַשאַ איז אוועק, אין יענע דריי טעג, בעת דער אומעט האט זי געמוטשעט, איז ער געלעגען קראַנק ביי זיך אין בעזסעלענדעיעווקא,

ער האט זיך שטאַרק פערקיהלט. דערפאַר איז ער נאָך מעהר איבער־ראַשט געוואָרען פון מאַשאַ'ס אוועקגעהן. דאס האט איהם כמעט נאָך טיעפער געטראָפען, ווי טשערטאָפּכאַנאָוו'ן אליין. מחמת זיין שטילען, רוהיגען כאַראַקטער און זיין ניט־דרייסטיגקייט האט ער, אויסער אויפריכטיגען מיטגעפיהל צו זיין פריינד און קראַנקהאַפטער איבער־ראַשונג, מעהר גאַר נישט ניט אויסגעדריקט... אבער אינוועניג אין איהם האט אַלסדינג געפּלאַצט און זיך ארונטערגעלאָזט.

— זי האט ביי מיר די נשמה ארויסגעריסען — האט ער גע־מורמעלט צו זיך, זיצענדיג אויף זיין זאָפע און דרעהענדיג א פינגער ארום א פינגער.

אפילו בעת טשערטאָפּכאַנאָוו איז צו זיך געקומען, האט ער, נע־דאָפּיוסקין, נאָך אַלץ בשום אופן צו זיך ניט געקענט קומען און אַלץ געפיהלט, אז דאָרט אינוועניג ביי איהם איז „לעער."

— אָט דאָ — האט ער גערעדט, ווייזענדיג אויפ'ן מיטען ברוסט, איבער'ן בויך.

אויף אַזאַ אופן האט ער אָבגעצויגען ביז ווינטער.

פון די ערשטע פרעסט איז איהם לייכטער געוואָרען צו אָטהע־מען, אבער דערפאַר האט איהם געטראָפען ניט א שלאַגעלע, נור א ריכטיגער שלאַג. ער האט ניט גלייך פערלאָרען דעם בעוואוסטזיין; ער איז נאָך אימשטאַנד געווען צו דערקאָנען טשערטאָפּכאַנאָוו'ן און אויף דעם פערצווייפעלטען אויסגעשריי פון זיין פריינד: „ווי אזוי, טישאַ, האָסטו אָהן מיין ערלויבניש מיך געקאָנט פערלאָזען, ניט ערגער ווי מאַשאַ?" — האט ער געפּרובט זיך פערענטפערן און עפּעס ארויס־געשטאַמעלט, וואס איז שווער געווען צו פערשטעהן.

אין דעם זעלבען טאָג איז ער געשטאָרבען, ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף דעם דאָקטאָר פון'ם שטעדטעל, וועלכער, טרעפענדיג שוין א קאַלטע לייכע, האט בלויז געמוזט קאָנסטאַטירען דעם טרויעריגען פאַקט, אז אַלעם אירדישעם איז שטערבליך און האט פערלאַנגט „א שנעפּסעל מיט פערבייסען."

זיין הויף האט טיכאָן איוואַנאָוויטש אָפּגעזאָגט, ווי מען האט געדאַרפט ערוואַרטען, צו זיין „עהרווירדיגען וואָהלטהעטער און גרויס־מוטהיגען בעשיצער פּאַנטאַלעי יערעמעיאיטש טשערטאָפּכאַנאָוו'ן"; אבער דער עהרווירדיגער וואָהלטהעטער האט קיין נוצען פון דעם ניט

געהאַט, ווארום באַלד איז דער הויף פערקויפט געוואָרען פון אַקציאָן, טהיילווייז דערפאַר, אום צו דעקען די קאָסטען פון דעם מאָנומענט, וועלכען טשערטאָפּכאַנאָוו'ן איז איינגעפאַלען צו שטעלען אויף זיין פריינד'ס קבר. דעם דאָזיגען מאָנומענט, א סטאַטוע, וועלכע האט גע־זאָלט פאָרשטעלען א מלאך, וואס טהוט תפלה, האט ער אויסגעשריע־בען פון מאָסקווע; אבער דער קאָמיססיאָנער, ביי וועמען ער האט די דאָזיגע סטאַטוע בעשטעלט, האט זיך בערעכענט, אז אין דער פּראָ־ווינץ זיינען מבינים אויף סקולפּטור א זעלטענהייט, און אנשטאָט א מלאך האט ער איהם צוגעשיקט די געטין פלאָרא, וועלכע האט א סך יאָהרען געהאַט בעציערט איינעם פון די וויימע גאָרטענס אונטער מאָסקווע אין יעקאַטערינאַ'ס צייטען. די דאָזיגע סטאַטוע מיט פוכקע הענטעלאך, לאָקענס, א קראַנץ בלומען אויף דער געבלויזטער ברוסט און אַן אויסגעבויגטע טאַליע, האט ער, דער קאָמיססיאָנער, געקראָגען אומזיסט.

אויף אַזאַ אופן שטעהט נאָך היינט די מיפאָלאָגישע סטאַטוע אויף נעדאָפּיוסקין'ס קבר, — שטעהט מיט א גראַציעז פעררייסענעם פיסעל און מיט אַן אמת פּאָמפּאַדורישער מינעלע קוקט זי אַרונטער אויף די קעלבער און שעפּסען, וואס שפּאַצירען דאָרט אַרום, אויפ'ן דאָרפישען בית עולם....

III.

אָנגווערענדיג זיין געטרייען פריינד, האט טשערטאָפּכאַנאָוו זיך ווידער צו'שכור'ט, און דאס מאָל א סך ערגסטער. עס האט איהם געגומען געהן זעהר שלעכט. געהן אויפ'ן געיעג איז ניט געבליעבען מיט וואס. דאס לעצטע געלד איז אויסגעגאַנגען, די לעצטע מענשען זיינען זיך צולאָפען. טשערטאָפּכאַנאָוו האט זיך גענומען פיהלען עלענד, מיט וועמען א וואָרט אויסצורעדען האט ער איצט ניט געהאַט, שוין ניט זאָגענדיג דאס הארץ פאר וועמען אויסצוריידען...

זיין שטאָלץ אבער איז ניט געבראָכען געוואָרען. פערקעהרט: וואס ערגער איהם איז געגאַנגען, אַלץ שטאָלצער און הויכמוטהיגער איז ער געוואָרען, אַלץ מעהר האט ער די נאָז געריסען.

צום סוף, איז ער גאָר געבליעבען אליין. איין פערגעניגען, איין פרייד האט זיך איהם בלויז אָפּגעשטעלט: א רייט־פערד א וואונדער, א גרויער, פון דעם מין, וואס די דאָנסקע קאָזאקען האבען. ער האט איהם א נאָמען געגעבען מאלעק־אדעלעם, אין אמת'ן, א מערקוויר־דיגער פערד.

דעם דאָזיגען פערד האט ער געקראָגען אויף אזא אופן:

דורכפאָהרענדיג איינמאָל רייטענדיג איבער דער נאָהענטער דאָרף, האט טשערטאָפּכאנאָוו דערהערט א טומעל און א געפילדער פון פויערים. ארום שענק איז געשטאנען א המון און צווישען דעם דאָ־זיגען המון האבען זיך נאָכאנאנד געהייבען און ארונטערגעלאָזט הענד.

— וואס איז דאָרט? — האט ער זיך געווענדעט מיט זיין גע־וועהנליכען בעפעהלענדיגען טאָן צו אַן אלטער פויערטע, וואס איז געשטאנען אויפ'ן שוועל פון איהר שטיבעל.

אָנגעשפּארט זיך אָן דער פריטילע און אזוי ווי פערשלאָפען, האט די פויערטע געקוקט אין דער ריכטונג פון'ם שענק.

אן אינגעלע מיט ווייסע האָאָר, אין א סיצען העמדעל און מיט א צלם אויף דער הוילער ברוסט, איז געזעסען צושפּרייט די פיס און צונויפגעדריקט די פויסטען, צווישען איהרע לאַפּטיעס; א ציפּליאָ־ניקל האט דערביי געפּיקעט א הארטען שטיקעל קאָרען־ברויט.

— איין גאָט וויים, טאטעלע! — האט די אלטע פויערטע גע־ענטפערט און, אויסבויגענדיג זיך אין פאָראויס, האט זי אוועקגעלייגט איהר צוקנייטשטע שווארצע האנד דעם אינגעלע אויפ'ן קאָפּ — מען זאָגט, אז אונזערע שלאָגען דאָרט אַן אידען.

— וואס הייסט אַן אידען? וועלכען אידען?

— ווער קאָן איהם, טאטעלע, ווער וויים איהם. עפּעס א איד האט זיך ביי אונז גענומען ווייזען. פון וואנען ער קומט, ווער קאָן איהם וויסען? וואסיא, געה צו דער מאמע'ן: קיש, קיש, פּאסקוד־ניאַק!

די אלטע האט א טרייב געטהאָן דעם ציפּליאָניק'ל און וואסיא האט זיך אָנגעכאַפּט פאר איהר קלייד.

— און אָט איצט שלאָגט מען איהם, דעם אידען, טאטעלע מיינער.

— וואס הייסט מען שלאגט איהם? פארוואס?

— איך ווייס ניט, טאטעלע מיינער, מסתמא פאר עפעס. און ווי זאל מען איהם ניט שלאגען? ער האט דאך, טאטעלע מיינער, כריסטוס'ן געקרייציגט!

טשערטאפכאנאוו האט א שמיץ געטהאן דעם פערד און זיך אוועקגעטראגען גלייך אויפ'ן המון, און, ארייגגעריסען זיך צווישען איהם, האט ער מיט זיין נאגאיקע גענומען שינדען די פויערים רעכטס און לינקס, שרייענדיג מיט א פערשטיקטען אטהעם:

— וויל־ל־קירדר! וויל־ל־קירדר! דאס געזעץ דארף בעשטראפען און ניט פריוואט פער...זא...נען! דאס געזעץ!! דאס גע....זע....עץ!

עס האט ניט געדויערט קיין צוויי מינוט, ווי דער גאנצער המון האט זיך א שאט געטהאן צוריק אויף אלע זייטען — און אויף דר'ערד, פאר דער טהיר פון'ם שענק, האט טשערטאפכאנאוו דערזעהן א קליינציקען, דארען נפש אין א קאפטען, א צושלאגענעם און א צופליקטען... דער פנים איז געוועזן בלייך, די אויגען פערגלאצט און דאס מויל אפען... וואס איז דאס? טויט־שרעק אדער דער טויט אליין?

— פארוואס האט איהר דעם אידען גע'הרג'עט? — האט א געשריי געטהאן טשערטאפכאנאוו, ווילד פאכענדיג מיט זיין נאגאיקע.

דער המון האט שוואך גענומען פילדערען אן ענטפער. מאנכער פון די פויערים האט זיך געהאלטען פאר אן אקסעל, א צווייטער פאר א זייט, א דריטער פאר די נאז.

— ער שלאגט אבער געזונד! — האט זיך דערהערט פון די הינטערשטע רייהען.

— מיט א נאגיאיקע וואלט יעדער געקענט שלאגען! — האט זיך אנגערופען א צווייטע שטימע.

— פארוואס האט איהר דעם אידען גע'הרג'עט, פרעג איך אייך, איהר ווילדע אזיאטען? — האט טשערטאפכאנאוו ווידער אויסגעשריען.

אבער דא איז דער איד, וואס איז געלעגען אויף דר'ערד, פלינק אויפגעשפרונגען אויף די פיס און, צוגעלאפען צו טשערטאפכאנאוו'ן, האט ער פיעבריש זיך אנגעכאפט פאר א ברעג פון זיין זאטעל.

א שטאַרקער געלעכטער האט אָפּגעהילכט פון צווישען דעם המון.

— דאס לעבען האַלט זיך אין איהם שטאַרק! — האט זיך ווידער דערהערט פון די הינטערשטע רייהען — פונקט ווי אין א קאַץ!

— פּריץ'ל, העלפט, ראַטעוועט! — האט דערווייל געמורמעלט דער אונגליקליכער איד, צודריקענדיג זיך מיט זיין גאַנצער ברוסט צו טשערטאָפּכאַנאָוו'ס פוס: — אַניט, וועלען זיי מיך טויטען, וועלען מיך טויטען, פּריץ!

— פאַרוואָס זיינען זיי דיך בעפאַלען? — האט טשערטאָפּכאַנאָוו געפרעגט.

— איך ווייס ניט, איך שווער אייך! ביי זיי האבען דאָ די בהמות גענומען פאַלען.... האבען זיי אויסגעטראַכט... און איך, גלויבט...

— נו, וועגען דעם וועלען מיר שפּעטער זעהן! — האט איהם איבערגעשלאָגען טשערטאָפּכאַנאָוו — און איצט האַלט זיך אָן אָן זאָטעל און געה נאָך מיר. און איהר — האט ער זיך א קעהר געטהאָן צום המון — איהר קאָנט מיך? איך בין דער גוטסבעזיצער פּאַנטאַלעי טשערטאָפּכאַנאָוו, איך וואוין אין דאָרף בעזסאָנאָווע, אויב איהר ווילט, קאָנט איהר מיך פערקלאָגען און דעם אידען אויך!

— ווארום עפּעס פערקלאָגען? — האט זיך אָנגערופען מיט א טיעפען פערנייג א בכבודיגער פּויער מיט א גרויער באָרד (דעם אידען האט ער, אגב, געשלאָגען ניט ערגער פון די אַנדערע) — מיר, טאַטעלע אונזערער, פּאַנטאַלעי יערעמעיאיטש, קאָנען דיין גוט הארץ און זיינען זעהר צופריעדען פון דיר.

— ווארום עפּעס פערקלאָגען? — האבען די אַנדערע אונטער־געכאַפּט — אבער מיט דעם אונגלויביגען אידען וועלען מיר זיך אָפּ־רעכענען! ער וועט זיך שוין פון אונזערע הענד ניט ארויסדרעהן! מיר וועלען איהם, ווי א האָז אויפ'ן פעלד, הייסט עס...

טשערטאָפּכאַנאָוו האט א דרעה געטהאָן מיט די וואָנצעס, האט א סאָפּע געטהאָן און איז אוועקגעפאָהרען טריט ביי טריט צו זיך אין דאָרף, בעגלייט פון דעם אידען, וועלכען ער האט בעפרייט פון זיינע פערפאָלגער אויף דעם אייגענעם שטייגער, ווי ער האט אמאָל בע־פרייט טיכאָן נעדאָפּיוסקין'ען.

IV.

אין עטליכע טעג ארום האט דער איינציגער דיענער, וואס איז ביי איהם פערבליעבען, דער אזוי גערופענער קאזאק'ל, איהם געמעלדעט, אז עפּעס א מאן איז געקומען צו רייטען און וויל איהם זעהן.

טשערטאָפּכאַנאָוו איז ארויס אויפ'ן גאַניק און דערזעהן: דער בעקאַנטער איד זיצט אויף א פּרעכטיגען פערד, וועלכער שטעהט שטאָלץ און אונבעוועגליך אין מיטען הויף.

דער איד איז געזעסען אָהן א היטעל; ער האט דאס היטעל געהאלטען אונטער דער פּאכווע, די פיס האט ער ניט געהאלטען אין די אייזענדלאך פון'ם זאָטעל, נור אין די רימענס פון די אייזענדלאך, די צוריסענע פּאָלעס פון זיין קאפּטען זיינען געהאנגען פוןביידע זייטען זאָטעל.

דערזעהן טשערטאָפּכאַנאָוו'ן, האט ער גענומען שמאָקצען מיט די ליפּען, האט מיט די עלענבויגענס גענומען ווארפען און מיט די פיס דריגעווען. אבער טשערטאָפּכאַנאָוו האט ניט נור ניט געענטפערט אויף זיין בעגריסונג, נור איז נאָך אויף איהם בייז געוואָרען, האט זיך אין גאַנצען אָנגעצונדען פלאַם־פייער: שטייטש, ווי וואגט דער שמוציגער איד צו זיצען אויף אזא פּרעכטיגען פערד.... וואס פאר א חוצפה!

— העי, דו, מיאוס'קייט! — האט ער גענומען שרייען — קריך גלייך ארונטער, אויב דו ווילסט ניט, מען זאָל דיך ארונטערשלעפּען אין בלאָטע!

דער איד האט איהם גלייך געפאָלגט, האט זיך ארונטערגעקייקעלט פון'ם זאָטעל, ווי א זאק, און, צוהאלטענדיג מיט איין האנד די צוים, שמייכלענדיג און נייגענדיג זיך, האט ער זיך צוגערוקט צו טשערטאָפּכאַנאָוו'ן.

— וואס פערלאַנגסטו? — האט שטאָלץ געפרעגט טשערטאָפּכאַנאָוו.

— פריץ'ל, טהוט א קוק, וואס פאר א פערדעלע? — האט זיך אָנגערופען דער איד, ניט אויפהערענדיג צו נייגען זיך.

— יא־א... א וואויל פערד. וואו האָסטו איהם געקראָגען? גע'גנב'עט, הפנים?

— וואס רעדט איהר, פריץ'ל! איך בין אַן עהרליכער איד, איך האב ניט גע'גנב'עט, נור איהם געקראָגען פאר אייך, פריץ'ל. און ווי איך האב זיך געסטארעט, געסטארעט. דערפאר אבער א פערד! נאָך אַזאַ פערד וועט איהר ערגעץ ניט געפינען! טהוט א קוק, פריץ'ל, וואס דאס איז פאר א פערד! זייט אזוי גוט, אהער!... טפרו... טפרו.... טהו זיך א קעהר, שטעל זיך מיט א זייט! און מיר וועלען דעם זאָטעל ארונטערנעהמען — נו, ווי געפעלט ער אייך, פריץ'ל?

— א וואויל פערד — האט טשערטאָפּכאַנאָוו ווידער געענט־פערט מיט געמאכטער גלייכגילטיגקייט, און אין דער אייגענער צייט האט דאס הארץ זיך גענומען אזוי צאַפּלען אין זיין ברוסט. ער איז געוועזן א ליידענשאפטליכער ליעבהאָבער פון פערד און איז געוועזן אויף זיי א גרויסער מבין.

— טהוט איהם א גלעט, פריץ'ל, איבער'ן האלז, טהוט איהם א גלעט.... אָט אזוי! כי! כי! כי!...

טשערטאָפּכאַנאָוו האט אזוי ווי ניט ווילענדיג ארויפגעלייגט די האנד דעם פערד אויפ'ן האלז, האט איהם א גלעט געטהאָן, דערנאָך האט ער איהם מיט די פינגער א פיהר געטהאָן איבער'ן רוקען און לייכט א דריק געטהאָן אויף א געוויסען פּלאַץ, מעשה מבין. דאס פערד האט גלייך אויסגעבויגט דעם רוקען און, א קוק געטהאָן פון דער זייט אויף טשערטאָפּכאַנאָוו'ן מיט זיין שטאָלצען שווארצען אויג, האט ער א פאָרשקע געטהאָן און זיך א וואָרף געטהאָן מיט די פאָדערשטע פיס.

דער איד האט זיך צולאכט און גענומען פאטשען אין די הענד.

— ער האט דערקאָנט זיין בעל הבית, פריץ'ל, זיין בעל הבית!

— נו, זאָג ניט קיין ליגען! — האט מיט פערדרוס איהם איבער־געשלאָגען טשערטאָפּכאַנאָוו — קויפען ביי דיר דעם פערד האב איך ניט מיט וואס.... און פרעזענטען האב איך קיינמאָל ניט גענומען ניט נור פון א אידען, נור אפילו פון גאָט אליין אויך ניט!

— ווי וואָג איך אייך עפּעס צו שענקען, פריץ'ל? — האט דער

איד אויסגעשריען — איהר קויפט, פריץ'ל, און דאס געלד וועל איך אייך ווארטען.

טשערטאָפּכאַנאָוו האט זיך פערטראַכט.

— און וואס ווילסטו פאר איהם? — האט ער, צום סוף, ארויס־גערעדט צווישען די צייהן.

דער איד האט א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען.

— פיעל איך האב אליין בעצאָהלט. צוויי הונדערט רובעל.

דאס פערד איז ווערטה געוועזן צוויי מאָל אזוי פיעל און אפשר דריי מאָל.

טשערטאָפּכאַנאָוו האט זיך אָפּגעקעהרט און פיעבריש א געגעץ געטהאָן.

— און ווען ווילסטו דאס געלד? — האט ער געפרעגט, מיט געוואלד אָנכמורענדיג זיינע ברעמען און ניט קוקענדיג אויפ'ן אידען.

— ווען איהר וועט האָבען, פריץ'ל.

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט פעררייסען דעם קאָפּ, אבער די אויגען האָט ער ניט אויפגעהויבען.

— דאס איז ניט קיין ענטפער. דו רייד צו דער זאך, דו טייפעל דו! וואס מיינסטו, איך וועל אָננעהמען פון דיר טובות, וואס?

— נו, מיר וועלען זאָגען אזוי — האט דער איד שנעל ארויס־גערעדט — אין א זעקס חדשים ארום... זייט איהר צופריעדען?

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט גאָר נישט געענטפערט.

דער איד האט זיך געסטאַרעט א קוק צו טהאָן איהם אין די אויגען אריין.

— זייט איהר צופריעדען? וועט איהר הייסען איהם אריינשטעלען אין שטאהל?

— דעם זאָטעל דארף איך ניט — האט טשערטאָפּכאַנאָוו ארויס־גערעדט — דו נעהם צו דעם זאָטעל, דו הערסט?

— ווי דען, ווי דען, איך וועל נעהמען, איך וועל נעהמען — האט געגומען ריידען דער דערפרעהטער איד און ארויפגעוואָרפען דעם זאָטעל צו זיך אויפ'ן אַקסעל.

— און געלד וועסטו קריגען אין זעקס חדשים ארום און ניט צוויי הונדערט, נור צוויי הונדערט און פונפציג — האט געזאָגט טשער־

טאַפּכאַנאַוו — שוויינ! צוויי הונדערט און פופציג, זאָג איך דיר! קום!

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט נאָך אַלץ ניט געוואַגט אויפצוהייבען די אויגען. נאָך קיינמאָל האָט זיין שטאָלץ אזוי שטארק ניט געליטען, ווי אין דער דאָזיגער מינוט.

— קלאָר ווי דער טאָג, אז דאס איז א פּרעזענט — האט ער גע־טראַכט — אוים דאנקבארקייט האָט ער, דער טייפעל, מיר דעם פּרע־זענט געבראַכט.

און בעת דעם האָט זיך איהם געגלוסט אי ארומנעהמען דעם אי־דען, אי שלאָגען איהם...

— העי, ווער איז דאָרט! נעהם דעם פערד און פיהר איהם אריין אין שטאַהל! און גיעב איהם האָבער. איך וועל באַלד אליין זיין, א קוק טהאָן. און זיי וויסען: זיין נאָמען איז — מאַלעק־אדעל!

טשערטאָפּכאַנאָוו איז געהאט שוין ארויפגעגאַנגען אויפ'ן גאַניק, אבער פּלוצים האָט ער זיך א דרעה געטהאָן אויף די קאָרקעס און, צולויפענדיג צו דעם אידען, האָט ער פעסט איהם א דריק געטהאָן די האנד. יענער האט זיך איינגעבויגט און שוין אָנגעשטעלט די ליפּען, אבער טשערטאָפּכאַנאָוו איז אָפּגעשפּרונגען אַהינטער און שטיל ארויסגערעדט:

— זאָלסט קיינעם ניט דערצעהלען!

און איז פערשוואונדען הינטער דער טהיר.

V.

זייט יענעם טאָג אָן איז דער הויפּט אינטערעס, די הויפּט פרייד אין טשערטאָפּכאַנאָוו'ס לעבען געוואָרען מאַלעק־אדעל. ער האט זיך אין איהם אזוי פערליעבט נאָך מעהר ווי אין מאשאַ'ן, האָט זיך צו־געבונדען צו איהם נאָך מעהר ווי צו נעדאָפּיוסקין'ען. און א פערד איז דאָס געוועזען, ממש פייער! האָט געהאט די טהייערסטע מעלות, האט געקענט אויסטראָגען א סך, איז קיינמאָל ניט מיעד געוואָרען, און שטאָלץ און וואזשנע האָט ער זיך געהאַלטען, ממש א וואונדער! און

קאַרמענען איהם האָט אויך געקאָסט גאָר נישט מיט גאָר נישט: איז ניט געווען וואָס אַנדערש צו קייען, האָט ער די ערד פון אונטער זיך געקייעט. פּאַהרסטו אויף איהם טריט ביי טריט, דאַכט זיך אויס, ווי מען וואָלט דיך אויף די הענד געטראָגען; לויפט ער שנעלער, דאַכט זיך אויס, ווי דו וואָלסט זיך אין א שיף געוויעגט; און צויאָגט ער זיך, וועט איהם אפילו דער ווינד ניט דעריאָגען! קיינמאָל ווערט ער ניט פערסאַפּעט, פיס האָט ער שטאָהלענע און וואָלט ער זיך כאָטש אמאָל אויסגעגליטשט, פערטשעפּעט, לויפענדיג! שפּרינגט איבער ראוום און גראבענס, איבער זומפּפען און בלאָטעס, און גאָר נישט... היינט קלוג איז ער, א חכם ממש! דערהערט ער, אַז מען רופט איהם, קומט ער צופליהען פעררייסען דעם קאָפּ; הייסט איהם שטעהן און דו אליין געהסט אוועק — וועט ער זיך פון'ם אָרט ניט ריהרען; קעהרסט זיך צוריק, נעהמט ער דיך אויף מיט א הירזשעריי, אַקוראַט ווי ער וואָלט דיר געזאָגט: „איך בין דאָ.‟ און קיין זאַך שרעקט איהם ניט: א שנעע־שטורם, א חושך — דעם וועג וועט ער קיינמאָל ניט פערלירען. און א פרעמדען וועט ער צו זיך נאָהענט ניט צולאָזען, מיט די צייהן וועט ער איהם צוגריזשען. און רוקט זיך צו צו איהם א הונד, איז באַלד א הייב געטהאָן א פּאָרדערשטען פוס און כליאָפּ איבער'ן שטערן און נאָך'ן הונד! א פערד מיט אַמביציאָן, מיט האָנער, א בייטשעל מאָגסטו האַלטען פון פּאָרמע וועגען, אבער זאָל דיך גאָט אויסהיטען, דו זאָלסט זיך צוריהרען צו איהם מיט'ן בייטשעל! אבער וואס איז דאָ צו ריידען: אַן אוצר און ניט קיין פערד!...

אָט אזוי פלעגט טשערטאָפּכאַנאָוו נעהמען שילדערען זיין מאַ־לעק־אדעל — פון וואַנען האָבען זיך ביי איהם גענומען די אלע רייד! און ווי ער האָט איהם געצערטעלט און געבאַלעוועט! די פעהל אויף איהם האָט געגלאַנצט, ווי זילבער, און ניט ווי אַלטער זילבער, נור ווי נייער, וואס איז מיט א דונקעלען גלאַנץ; און גלאַט איז זי געווען, ווי סאַמעט, און דער זאָטעל, און דער צוים אויף איהם זיינען געווען ריכטיגע און גלאַנציגע, כאָטש נעהם א פענזיל און מאָהל אָפּ! וואס דאַרפט איהר מעהר? טשערטאָפּכאַנאָוו אליין, מיט זיינע אייגענע הענד, האָט איהם די צעפּלאָך פערפלאָכטען ארום האַלז, און דעם עק מיט ביער געוואַשען, און אפילו די קאָפּיטעס ניט איין מאָל מיט שמי־רעכץ געשמירט...

עס האָט זיך געטראָפען, ער זעצט זיך ארויף אויף מאַלעק־אדעל און פאָהרט אוועק, ניט צו די שכנים — ער האָט זיי נאָך אַלץ ניט געוואָלט קאָנען — נור איבער זייערע פעלדער, פערביי זייערע גיטער... אָט זאָלען זיי זעהען פון דער וויטענס און צופויקעט ווערען! אדער דערהערט, אז ערגעץ געהט אָן א געיעג, אז אין דעם דערבייאיגען וואלד איז עפּעס א רייכער פריץ אויף געיעג געקומען, — פליהט ער גלייך אהין און טראָגט זיך אויף זיין פערדעל פון דער וויטענס אויפ'ן האָריזאָנט, ארויסרופענדיג די בעוואונדערונג ביי אַלעמען מיט די שנעלקייט און שעהנקייט פון זיין פערד און ניט צולאָזענדיג קיינעם נאָהענט צו זיך.

איינמאָל האָט עפּעס א יעגער זיך נאָכגעיאָגט נאָך איהם מיט זיין גאַנצער סוויטע; דערזעהן, אז טשערטאָפּכאַנאָוו'ן וועט ער ניט אָניאָגען, האָט ער גענומען שרייען צו איהם מיט אַלע קרעפטען:

— העי, דו! הער אוים! נעהם וואס דו ווילסט פאַר דיין פערד! טויזענדער וועל איך ניט זשאַלעווען! די פרוי וועל איך דיר אוועקגעבען, די קינדער! דאס לעצטע נעהם!

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט ראַפּטאָם אָפּגעשטעלט זיין פערד. דער יעגער איז צו איהם צוגעפלויגען.

— טאַטעלע — שרייט ער — זאָג, וואס ווילסטו פאַר איהם? זאָג, טאַטעלע טהייערינקער!

— אויב דו ביזט א קעניג — האָט לאַנגזאַם ארויסגערעדט טשערטאָפּכאַנאָוו — וועל איך אפילו דיין גאַנצע קעניגרייך אויך פאַר מיין פערד ניט נעהמען!

און געזאָגט עס, האָט ער זיך צולאַכט, אויפגעהויבען מאַלעק־אַדעל'ן אויף די פאָרדערשטע פיס, א דרעה געטהאָן זיך מיט איהם אין דער לופטען אויף די הינטערשטע פיס, און מארש!... אוועקגעטראָגען זיך פייל פון'ם בויגען איבער דעם אָפּגעשניטענעם פעלד. או דער יעגער (מען זאָגט, א פירסט, זעהר א רייכער) האָט דאן א שמייץ געטהאָן זיין היטעל אָן דר'ערד און אליין זיך א שליידער געטהאָן מיט'ן פנים אויפ'ן היטעל! העכער א האַלב שעה איז ער אזוי געלעגען.

ווי אזוי האָט טשערטאָפּכאַנאָוו ניט געזאָלט ציטערען איבער

זיין פערד, ווען מיט איהם האט ער זיך געקאנט גרויס האלטען געגען אלע, אלע שכנים גוטס־בעזיצער?

VI.

דערווייל איז די צייט געלאפען, עס איז אנגעלאפען דער סראק ווען טשערטאפכאנאוו האט געדארפט בעצאהלען דעם אידען פאר דעם פערד און ער האט ניט געהאט ניט נור קיין צוויי הונדערט און פונפציג, נור אפילו קיין פונפציג רובעל. וואס זאל ער טהאן? ווי אזוי העלפט מען זיך?

— מילא — האט ער, צום סוף, בעשלאסען — אויב דער איד וועט ניט רחמנות האבען און וועט ניט וועלען לענגער ווארטען, וועל איך איהם אפגעבען דאס הויז און די ערד און אליין וועל איך זיך ארויפזעצען אויפ'ן פערד, און וואו די אויגען טראגען! פאר הונגער וועל איך אויסגעהן, אבער מאלעק־אדעל'ן וועל איך ניט אפגעבען!

אבער דא האט דער שיקזאל אויף איהם רחמנות געקראגען — דעם ערשטען און לעצטען מאל: עפעס א וויטע קרובה זיינע איז געשטארבען און איהם איבערגעלאזט צוויי טויזענד רובעל. זעהר א גרויסע סוממע אין זיינע אויגען.

דאס געלד האט ער געקראגען פונקט אין דער צייט: א טאג, איידער דער איד האט געזאלט קומען נאך זיין געלד. טשערטאפכא־נאוו איז שיעור ניט משוגע געווארען פאר פרייד; ער האט זיך אבער ניט א כאפ געטהאן צום כוס: זייט מאלעק־אדעל איז ביי איהם געווען האט ער אפילו קיין טראפען שנאפס אין מויל ניט גענומען.

ער איז ארויסגעלאפען אין שטאהל, האט א קוש געטהאן זיין פריינד אין מאדרדע פון ביידע זייטען איבער די נאזלעכער, דארט אויף יענעם פלאץ, וואו די פעל ביי פערד איז זעהר צארט.

— איצט וועלען מיר זיך שוין מעהר ניט צושיידען! — האט ער אויסגעשריען, צערטלענדיג מאלעק־אדעל'ן איבער'ן האלז.

צוריק געקומען אין הויז, האט ער אפגעצעהלט און פער'חתמה'ט אין א קאנווערט צוויי הונדערט און פונפציג רובעל. דערנאך האט ער

זיך אוועקגעלייגט אויפ'ן רוקען און מים א פיפקע אין'ם מויל האט ער געגומען טרוימען, וואס ער וועט טהאן מיט דעם איבריגען געלד, וואס פאר א הינט ער וועט קריגען. ער האט זאגאר מיט זיין קאזאק'ל, מיט פערפישקא'ן, זיך דורכגעשמועסט, האט איהם צוגעזאגט א נייעם קאפטען מיט געלע לאמפאסען — און זיך אוועקגעלייגט שלאפען מיט זעהר א פרעהליכען הארצען.

ער האט געזעהן א שלעכטען חלום: ער איז ארויסגעפאהרען אויף געיעג, אבער ניט אויף מאלעק־אדעל'ן, נור עפעס ווי אויף א מין קעמעל; אנטקעגען איהם לויפט א ווייסער־ווייסער פוקס, ווי שנעע... ער וויל א פאך טהאן מיט זיין נאגאיקע, וויל אנרייצען אויף איהם זיינע הינט, אבער אנשטאט א נאגאיקע האלט ער אין די הענד א מאטשאלקע, און דער פוקס לויפט פאר איהם און רייצט איהם מיט דער צונג... ער שפרינגט ארונטער פון זיין קעמעל, גליטשט זיך אוים און פאלט... פאלט גלייך גלייך צו א זשאנדארם אין די הענד אריין, וועלכער רופט איהם צום גענעראל־גובערנאטאר און אין וועל־כען ער דערקענט יאפפ'ן...

טשערטאפכאנאוו האט זיך אויפגעכאפט. אין'ם צימער איז גע־ווען דונקעל; די הענער האבען נור־וואס צום צווייטען מאל גע־קרייהט...

ערגעץ ווייט־ווייט האט א פערד געהירזשעט.

טשערטאפכאנאוו האט דעם קאפ אויפגעהויבען... נאך אמאל האט זיך דערהערט א דינע־דינע הירזשעריי.

— מאלעק־אדעל הירזשעט דאס! — האט ער א טראכט געטהאן

— דאס איז זיין הירזשעריי!... אבער ווארום עפעס אזוי ווייט? טאטעלאך מיינע... עס קען ניט זיין.

טשערטאפכאנאוו איז פערציטערט געווארען, גלייך ארונטערגע־שפרונגען פון בעט, האט אין דער פינסטער אנגעטאפט זיינע שטיוועל, זיינע קליידער, האט זיך אנגעטהאן און, ארויסגעכאפט דעם שליסעל פון אונטער'ן צוקאפענס, איז ער ארויסגעלאפען אויפ'ן הויף.

VII.

דאס שטאהל האָט זיך געפונען אויפ'ן עק הויף; מיט איין וואנד איז עס ארויסגעטראָטען צום פעלד צו. טשערטאָפּכאַנאָוו האָט ניט גלייך געטראָפען מיט'ן שליסעל אין שלאָס — די הענד האָבען זיך ביי איהם געטרייסעלט — און עס האָט געדויערט ביז ער האָט א דרעה געטהאָן דעם שלאָס.... א ווייילע איז ער געשטאַנען אונבעוועגליך, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם: שטיל, ניט קיין ריהר הערט זיך פון'ם שטאַהל!

— מאַלעק! מאַלעשקאַ! — האָט ער שטיל גענומען רופען. עס ענטפערט איהם א טויטע שטילקייט!

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט ניט ווילענדיג א ריעס געטהאָן צו זיך דעם שליסעל, די טהיר האָט א סקריפּע געטהאָן און זיך געעפענט... הייסט עס, אז זי איז ניט געווען פערשלאָסען. ער האָט א טראָט גע־טהאָן איבער'ן שוועל און ווידער א רוף געטהאָן זיין פערד, דאס מאָל מיט'ן פולען נאָמען: מאַלעק־אַדל! אָבער דער געטרייער פריינד האָט זיך ניט אָפּגערופען, בלויז א מויז האָט א שאָרשקע געטהאָן אין די שטרוי.

דאַן האָט טשערטאָפּכאַנאָוו זיך א וואָרף געטהאָן אין איינעם פון יענע דריי חדרים, אין וועלכען מאַלעק־אַדעל פלעגט שטעהן. ער האָט גלייך געטראָפען אהין, כאָטש ארום איז געווען אזא חושך, אז מען האָט זיך די אויגען געקאָנט ארויסנעהמען...

לעדיג! ביי טשערטאָפּכאַנאָוו האָט זיך דער קאָפּ פערדרעהט און אזוי ווי א גלאָק וואָלט גענומען הודיען אונטער זיין שיידעל. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, האָט אבער בלויז עפּעס ארויסגעשיפּעט און, שאַרענדיג מיט די הענד אויבען, אונטען, ביי די ז'יטען, שטי־קענדיג זיך און מיט אונטערגעבויגטע קניע, איז ער געקראָכען פון איין חדר אין'ם שטאַהל אין דעם צווייטען... אין דעם דריטען, וועלכער איז געווען כמעט ביז'ן דאך אָנגעשטאָפּט מיט היי, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אַן איין וואַנד, אַן דער צווייטער, איז געפאַלען, האָט זיך איבערגעקוליעט איבער'ן קאָפּ, אויפגעהויבען זיך און איז פּלוצים

ראפטאם ארויסגעלאפען דורך דער האלב אפענער טהיר אויפ'ן הויף ארויס...

— גע'גנב'עט! פערפישקא! פערפישקא! גע'גנב'עט! — האט ער אויפגעהויבען א געוואלד, שרייענדיג ניט מיט זיין קול.

דער קאזאק'ל פערפישקא איז, ווי א קנויל, ארויסגעפלויגען אין איין העמד פון דעם קלייטעל, וואו ער האט געשלאפען...

אזוי ווי שכורים האבען זיי זיך אנגעשטויסען איינער אן דעם אנדערן אין מיטען הויף, דער פריץ און זיין איינציגער דיענער, און זיך גענומען דרעהען איינער ארום דעם אנדערן. דער פריץ איז ניט אימשטאנד געווען צו ערקלעהרען, וואס דא האט פאסירט, און דער דיענער האט ניט פערשטאנען, וואס דער פריץ וויל פון איהם.

— אן אונגליק! אן אונגליק! — האט טשערטאפכאנאוו בלויז געשטאמעלט — אן אונגליק!

— אן אונגליק! אן אונגליק! — האט איהם נאכגעזאגט דער קאזאק'ל.

— א לאנטערנע! דערלאנג, צינד אן א לאנטערנע! פייער! פייער! — האט זיך, צום סוף, ארויסגעריסען פון טשערטאפכאנאוו'ס פערשטארבענער ברוסט.

פערפישקא האט זיך א ווארף געטהאן אין הויז אריין.

אבער אנצינדען א לאנטערנע איז ניט געווען אזוי לייכט: צו יענער צייט זיינען שוועבעלאך געוועזען א זעלטענע זאך אין רוס־לאנד; אין דער קיך האבען די לעצטע קוילען שוין לאנג זיך אויסגע־לאשען און דעם פייער האט מען געדארפט אויסשלאגען, קלאפענדיג ברען־מאטעריאל אן קרעמען־שטיין.

סקריפענדיג מיט די צייהן, האט טשערטאפכאנאוו מיט די איי־גענע הענד גענומען אויסשלאגען דעם פייער: פונקען האבען זיך גע־שאטען לרוב, נאך מעהר זידלערייען און קללות און זאגאר קרעכצען, אבער דאס ברען־מאטעריאל האט זיך אדער ניט אזוי גיך אנגעכאפט, אדער איז באלד פערלאשען געווארען, ניט קוקענדיג, וואס אי טשער־טאפכאנאוו אי זיין קאזאק'ל האבען מיט אלע כוחות געארבייט מיט די באקען און ליפען, סטארענדיג זיך אויפצובלאזען דעם פייער. צום

סוף, נאָך א גוטע פינף מינוט שווערער ארבייט, האָט א שטיקעל אויס־געברענט ליכט׳ל גענומען ברענען אויפ׳ן דעק פון א צובראָכענער לאַנ־טערנע, און טשערטאָפּכאַנאָוו, בעגלייט פון פּערפישקא׳ן, האָט זיך א וואָרף געטהאָן ווידער אין שטאַהל אריין. האָט הויך איבער׳ן קאָפּ אויפגעהויבען די לאַנטערנע און אומגעקוקט זיך...

לעדיג!...

ער איז ארויסגעפלויגען אויפ׳ן הויף, איז איהם ארומגעלאָפען פון אלע זייטען — ניטאָ דער פערד! דער צוים, וואס האָט ארומגע־רינגעלט טשערטאָפּכאַנאָוו׳ס הויף, איז שוין לאַנג געוואָרען א חורבה און אין א סך פלעצער איז ער כמעט איינגעפאַלען... נאָהענט נעבען שטאַהל איז ער אין גאַנצען געווען איינגעפאַלען און דאָרט איז געווען א דורכגאַנג אויף אָן אַרשין אין דער ברייט... פּערפישקא האָט אָנ־געוויזען טשערטאָפּכאַנאָוו׳ן אויפ׳ן פּלאַץ.

— פּריץ! זעהט נור: דאס איז היינט ניט געווען... עמיצער האָט עס היינט איינגעבראָכען!

טשערטאָפּכאַנאָוו איז צוגעשפּרונגען מיט דער לאַנטערנע, האָט מיט איהר גענומען דרעהען איבער דער ערד...

— א קאָפּיטע, א קאָפּיטע, שפּורען פון פּאָדקאָוועס, שפּורען, פרישע שפּורען! — האָט ער ארויסגעמורמעלט אין איין אָטהעם — דאָ האָט מען איהם דורכגעפיהרט, דאָ, דאָ!...

ער איז גלייך אריבערגעשפּרונגען דעם צוים און מיט א געשריי: „מאַלעק־אדעל! מאַלעק־אדעל!" איז ער אוועקגעלאָפען איבער׳ן פעלד.

פּערפישקא איז א צומישטער געבליבען שטעהן נעבען צוים. דאס ליכטיג רעדעלע פון דער לאַנטערנע איז באַלד פערשוואונדען פון זיינע אויגען און איז פערשלונגען געוואָרען פון דער געדיכטער נאַכט־פינסטערניש...

שוואַכער און שוואַכער האָבען זיך אויך גענומען הערען די פער־צווייפעלטע געשרייען פון טשערטאָפּכאַנאָוו׳ן...

VIII.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, בעת ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים. ער האָט אויסגעזעהן, ווי א טייפעל, פערשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס מיט בלאָטע, דער פּנים האָט אויסגעזעהן ווילד און מורא'דיג, די אויגען האָבען געקוקט בייז און טעמפּ. מיט א הייזעריגען קול האָט ער ארויסגעטריבען פּערפישקאַ'ן און זיך פערשפּאַרט אין זיין צימער. ער האָט זיך קוים־קוים געהאַלטען אויף די פיס פאַר מיעדקייט, ער האָט זיך אבער אין בעט ניט געלייגט, נור געזעצט זיך אויף א שטוהל און אָנגעכאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ.

— גע'גנב'עט!... גע'גנב'עט!...

אבער ווי אזוי איז דעם גנב געלונגען ארויסצו'גנב'ענען אין מיטען נאכט פון דעם פערשלאָסענעם שטאַהל מאַלעק־אדעל'ן? מאַלעק־אדעל'ן, וועלכער האָט בייטאָג צו זיך קיין פרעמדען ניט צוגעלאָזט,— ארויס'גנב'ענען איהם אָהן רויש און אָהן געפּילדער? און ווי ערקלערט מען זיך דאס, וואס קיין איינער פון די הויף־הינט האָט ניט גענומען בילען? אמת טאקי, אזוינע הינט זיינען פאַרהאַן בלויז צוויי אויפ'ן הויף, צוויי יונגע הינטעלאך, און די האָבען זיך פאַר הונגער און קעלט איינגעקאָנורעט אין דר'ערד — דאָך פונדעסטוועגען!

— וואס וועל איך איצט טהאָן אָהן מאַלעק־אדעל'ן? — האָט געטראכט טשערטאָפּכאַנאָוו — די לעצטע פרייד מיינע האָב איך פערלאָרען, איצט דארף מען שטארבען. אמת אפילו, עס איז דאָ געלד אויף צו קויפען אַן אנדער פערד, אבער וואו קריגט מען אזא פערד ווי מאַלעק־אדעל?

— פּאַנטאַלעי יערעמעיאיטש! פּאַנטאַלעי יערעמעיאיטש! — האָט זיך דערהערט א ניט־דרייסטער קול פון אהינטער דער טהיר.

טשערטאָפּכאַנאָוו איז אויפגעשפּרונגען פון'ם אָרט.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער אויסגעשריען ניט מיט זיין קול.

— דאס בין איך, אייער קאָזאַק'ל פּערפישקאַ!

— וואס דארפסטו? מאַלעק־אדעל איז דאָ? געקומען צולויפען אהיים?

— ניין, פאנטאלעי יערעמעיאיטש, נור דער איד איז דא, וואס ער האט איהם פערקויפט.
— נו?
— ער איז געקומען צופאהרען.
— הא־הא־הא־הא־הא־הא! — האט טשערטאפכאנאוו גענומען ווילד שרייען און ראפטאם די טהיר געעפענט — שלעפ איהם אהער, שלעפ! שלעפ!
און דערזעהן דעם ווילדען אויסזעהן פון זיין „וואהלטהעטער," האט דער איד, וועלכער איז געשטאנען הינטער פערפישקא'ס רוקען, גענומען שטעלען פיס, אבער טשערטאפכאנאוו האט מיט צוויי שפרונ־גען איהם אנגעיאגט און, ווי א טיגער, איהם אנגעכאפט ביים האלז.
— אה, נאך געלד געקומען! נאך געלד! — האט ער ארויסגע־כריפעט, אזוי ווי געווארגען וואלט ניט ער, נור איהם — ביינאכט האסטו גע'גנב'עט און בייטאג ביזטו געקומען נאך געלד? אה? אה?
— גאט איז מיט אייך, פ־פ־ר־ר־ריצ־ל־ל! — האט ארויסגעקרעכצט דער איד.
— וואו איז מיין פערד, זאג? וואו האסטו איהם אהינגעטהאן? וועמען האסטו איהם פערקויפט? זאג, זאג, זאג!
דער איד האט שוין קרעכצען מעהר ניט געקענט; אפילו דער שפור פון שרעק איז שוין פערשוואונדען פון זיין בלויען פנים. די הענד האבען זיך ארונטערגעלאזט און געבליבען הענגען, זיין גאנצער קערפער, וואס טשערטאפכאנאוו האט ווילד געטרייסעלט, האט זיך געשאקעלט אהער און אהין, ווי א שוואכינקערביימעלע.
— איך וועל דיר בעצאהלען דאס געלד, איך וועל דיר בעצאהלען אין גאנצען, ביז איין קאפיקע — האט געשריען טשערטאפכאנאוו — נור איך וועל דיך דערווערגען, ווי א ציפליאניק'ל, אויב דו זאגסט מיר ניט גלייך, אט שוין אויפ'ן ארט...
— איהר האט דאך איהם שוין דערווארגען, פריץ'ל — האט רו־היג זיך אנגערופען דער קאזאק'ל פערפישקא.
דאן ערשט איז טשערטאפכאנאוו געקומען צו זיך.
ער האט ארויסגעלאזט דעם אידען'ס האלז, יענער איז אזוי א פאל געטהאן צו דר'ערד. טשערטאפכאנאוו האט איהם אונטערגע־כאפט, אוועקגעזעצט איהם אויף א בענקעל, ארייגעגאסען איהם אין

האלז אריין א גלאז שנאפס און איהם אפגעמינטערט. און דערנאך האט ער ווידער צו איהם גענומען טענה'ן.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער איד האט קיין אהנונג ניט געהאט וועגען דעם, אז מען האט ארויסגע'גנב'עט מאלעק'אדעל'ן.

דאן האט טשערטאפכאנאוו אוועקגעפיהרט איהם אין שטאהל. באנאנד האבען זיי ארומגעקוקט דעם שטאהל, דעם שלאס אויף דער טהיר, האבען געזוכט אין די היי, אין די שטרוי, און זיינען דערנאך ארויס אויפ'ן הויף; טשערטאפכאנאוו האט אנגעוויזען דעם אידען אויף די שפורען פון די קאפיטעס נעבען צוים און פלוצים האט ער זיך א פאטש געטהאן איבער די קניע.

— ווארט! — האט ער אויסגעשריען — וואו האסטו דעם פערד געקויפט?

דער איד האט איהם אנגערופען א יריד אין א געוויסער שטאדט.

— ביי וועמען האסטו איהם געקויפט?

— ביי א קאזאק — האט דער איד געענטפערט.

— ווארט! איז דער קאזאק געוועזען אן אלטער צו א יונגער?

— פון מיטעלע יאהרען, אזוי א שעהנער מאן.

— און ווי זעהט ער אויס? איך מיין זיין פנים? מסתמא א פנים ווי ביי א דורכגעטריבענעם זשוליק?

— מסתמא א זשוליק, פריץ'ל.

— און וואס האט ער דיר געזאגט, דער דאזיגער זשוליק — ער האט שוין לאנג געהאט דעם פערד?

— יא, ער האט געזאגט, אז לאנג.

— נו, איז דאס זיין ארבייט! קיין אנדערער האט איהם ניט געקענט גנב'ענען.... פערשטעה דאך, הער מיט קאפ, שטעל זיך דא אוועק!.. ווי רופט מען דיך?

דער איד האט זיך א צאפעל געטהאן און אנגעשטעלט אויף איהם זיינע שווארצע אויגען.

— ווי רופט מען מיך?

— נו, יא: ווי איז דיין נאמען?

— משה-לייב.

— נו, זאג אליין, לייבע, פריינד מיינער, דו ביזט דאך א קלוגער מענש, ווער, אויב ניט דער אלטער בעל הבית, וועט קאנען צוטרעטען

צו מאַלעק־אדעל'ן? יענער האָט דאָך איהם אי געזאָטעלט, אי גע־צוימט, אי די דעקע פון איהם ארונטערגענומען... אָט ליגט זי אויף די היי!... ער האָט זיך אויפגעפיהרט ווי ביי זיך אין דער היים!... דען יעדען איינעם, ניט זיין בעל הבית, וואָלט דאָך מאַלעק־אדעל אונ־טער זיינע פיס צוריבען! ער וואָלט אזא גוואַלד אויפגעהויבען, אז די גאַנצע דאָרף וואָלט זיך צונויפגעלאָפען! ניט אזוי, לייבע?

— יאָ, יאָ, אזוי, אזוי, פריץ'ל...

— הייסט עס, אז פריהער פאַר אַלסדיינג מוז מען אויפזוכען יע־נעם קאָזאַק!

— ווי אזוי אבער וועט מען איהם קענען זוכען, פריץ'ל? אין גאַנצען האָב איך איהם געזעהן בלויז איין מאָל אויף מיין לעבען, און וואו ער איז איצט, און ווי מען רופט איהם—אַי וועה! וועה!—האָט צוגעלייגט דער איד מיט צער, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— לייבע! — האָט פלוצים טשערטאָפּכאַנאָוו אויסגעשריען — לייבע, טהו א קוק אויף מיר! איך האָב זיך דאָך פון זינען געריהרט, איך בין אוים מענש! איך וועל זיך א מיתה אָנטהאָן, אויב דו וועסט מיר ניט העלפען!

— ווי קאָן איך...

— פאָהר מיט מיר און מיר וועלען דעם גנב זוכען!

— וואוהין וועלען מיר פאָהרען?

— איבער די יריד'ן, איבער די גרויסע שליאַכען, איבער די קליי־נע שליאַכען, איבער שטעדט און דערפער, איבער די פלעצער, וואו גנבים האַלטען זיך אויף — אומעדום, אומעדום! און מכוח געלד זאָלסטו ניט זאָרגען: איך האָב, ברודער מיינער, א ירושה געקראָגען, ביז דער לעצטער קאָפּיקע וועל איך אויסגעבען, אבער מיין פריינד מוז איך צוריק קריגען! און דער קאָזאַק, וואס האָט מיך אונגליקלאך גע־מאַכט, וועט זיך שוין פון מיינע הענד ניט ארויסדרעהען! — וואוהין ער, מיר גלייך נאָך איהם! ער אונטער דר'ערד — מיר אונטער דר'ערד! ער צום טייפעל, מיר צום טייפעל!

— וואָרום עפּעס צום טייפעל — האָט דער איד זיך אָנגערופען — מיר וועלען זיך בעגעהן אָהן איהם.

— לייבע! — האָט אונטערגעכאַפּט טשערטאָפּכאַנאָוו — לייבע, כאָטש דו ביזט א איד און האָסט א פּאַסקודנעם גלויבען, פונדעסטווע־

גען איז ביי דיר א נשמה א סך א בעסערע, ווי ביי מאנכע קריסטען! ערבארעם זיך איבער מיר! פאהרען אליין וועט זיין ארויסגעווארפען, אליין וועל איך גאר נישט מאכען. איך בין א היץ־קאפ און ביי דיר איז א קאפ א טהייערער, א גאלדענער! אזא פאלק זייט איהר שוין: אהן דער וויסענשאפט האט איהר אלסדינג דערגרייכט! אפשר גלויב־סטו מיר ניט, אז איך האב געלד? קום אריין מיט מיר אין צימער און איך וועל דיר דאס גאנצע געלד ווייזען. נעהם צו ביז א קאפיקע, דעם צלם פון מיין האלז נעהם צו, אבי גיעב מיר צוריק מיין מאלעק־אדעל'ן, גיעב איהם מיר צוריק, גיעב איהם מיר צוריק!

טשערטאפכאנאוו האט זיך געטרייסעלט, ווי אין א קדחת: גרויסע טראפענס שוויים האבען זיך געקייקעלט פון זיין פנים און, אויס־געמישט מיט טרערען, זיינען זיי פערשוואונדען הינטער זיינע וואנ־צעס. ער האט געדריקט לייבע'ס הענד, געבעטען זיך ביי איהם און שיעור־שיעור ניט געכאפט איהם קושען... ער האט ניט געוואוסט, אויף וואס פאר א וועלט ער איז.

דער איד האט געפרובט ענטפערן, טענה'ן, שווערען זיך, אז ער קאן מיט איהם ניט פאהרען, אז ער איז פערנומען... אבער וואר־ווען־וואס! טשערטאפכאנאוו האט איהם אפילו אויסהערען ניט גע־וואלט! דער ארימער לייבע האט זיך ניט געקענט העלפען און געמוזט מיט איהם פאהרען.

אויף מארגען איז טשערטאפכאנאוו צוזאמען מיט לייבע'ן ארויס־געפאהרען פון בעזסאנאווע אויף א פויערשען וואגען.

לייבע האט אויסגעקוקט אביסעל צומישט, האט זיך מיט איין האנד אנגעהאלטען אן א זייט פון'ם וואגען און זיך געהאטשקעט מיט זיין גאנצען מאגערען קערפער אויף א טרייסלענדיגען זיץ; די צווייטע האנד האט ער געהאלטען ביים בוזים, וואו עס איז געלעגען א פעקעל אסיגנאציעס, פערוויקעלט אין צייטונגס־פאפיר. טשערטאפכאנאוו איז געזעסען, ווי א גולם, האט בלויז די אויגען געגלאצט אויף אלע זייטען און געאטהעמט מיט דער גאנצער ברוסט. הינטער'ן גארטעל האט ביי איהם געשטעקט א קינזשאל.

— ווארט נור, רוצח־גנב, איצט זאלסטו זיך היטען! — האט ער ארויסגעמורמעלט, בעת דער וואגען איז ארויסגעפאהרען אויף'ן ברייטען שליאך.

זיין הויז האט ער איבערגעלאזט אויף פערפישקא'ן און אויף דער קעכין, די אלטע טויבע פרוי, וועלכע טשערטאפכאנאוו האט ביי זיך געהאלטען אוים רחמנות.

— איך וועל צוריק קומען אהיים אדער אויף מאלעק־אדעל'ן, אדער איך וועל אין גאנצען ניט קומען! — האט טשערטאפכאנאוו אויסגעשריען, בעת ער האט זיך געזעגענט מיט זיין דיענערשאפט.

— דו וואלסט כאטש מיט מיר חתונה געהאט, הא? — האט פערפישקא זיך געוויצעלט, א קיצעל טהאנדיג די אלטע אונטער'ן לעפעלע — אלע איינם וועט דער פריץ שוין אזוי גיך ניט צוריק קומען, אניט וויים איך גאר ניט וואס צו טהאן פאר לאנגווייליגקייט!

IX.

עס איז אוועק א יאהר... א גאנצער יאהר. פון טשערטאפכאנאוו'ן האט מען גאר נישט געהערט. די אלטע קעכין איז געשטארבען; פערפישקא אליין האט זיך שוין געהאט געקליבען צו ווארפען דאס הויז און אוועקגעהן אין שטאדט, וואוהין עס האט איהם גערופען זיינער א שוועסטערקינד, וועלכער האט געארבייט ביי א פארוק־מאכער — ערשט פלוצים האט זיך צוטראגען א קלאנג, אז דער פריץ קומט! דער דארפישער דיאקאן האט ערהאלטען א בריעף פון טשערטאפכאנאוו'ן, אז ער קומט צוריק אהיים, און מען זאל וועגען דעם אנזאגען די דיענערשאפט, בכדי זי זאל ווי געהעריג איז איהם בעגעגענען.

די דאזיגע ווערטער האט פערפישקא אזוי פערשטאנען, אז מען דארף, לכל הפחות, דעם שטויב אביסעלע אפראהמען. אגב, זעהר שטארק האט ער ניט געגלויבט אין דער ידיעה, אז זיין פריץ קומט; אין קורצען אבער האט ער געמוזט צוגעבען, אז דער דיאקאן האט קיין ליגען ניט געזאגט: אין עטליכע טעג שפעטער האט ער דערזעהן אויפ'ן הויף זיין פריץ, רייטענדיג אויף מאלעק־אדעל'ן.

פערפישקא האט זיך א ווארף געטהאן צום פריץ און, צוהאלטענדיג די אייזענדלאך פון'ם זאטעל, האט ער איהם געוואלט העלפען ארונטערקריכען פון'ם פערד; אבער יענער איז ארונטערגעשפרונגען

אליין און, ווארפענדיג ארום זיך א בליק, פול נצחון, האט ער אויסגע־שריען הויך, אויפ'ן קול:

— איך האב געזאגט, אז איך וועל אויפזוכען מאלעק־אדעל'ן און האב איהם אויפגעזוכט, מיינע שונאים און מיין שיקזאל אויף צו־פויקעניש!

פערפישקא איז צוגעפאלען צו זיין האנד, אבער טשערטאפכא־נאוו האט זיך ניט אומגעקוקט אויף איהם. פיהרענדיג נאך זיך מאלעק־אדעל'ן פאר'ן צוים, האט ער זיך מיט גרויסע טריט געלאזט געהן צום שטאהל צו.

פערפישקא האט זיך איינגעקוקט אין זיין פריץ און האט זיך דער־שראקען.

— אוי, ווי ער איז מאגער און אלט געווארען פאר דעם יאהר צייט! — האט ער א טראכט געטהאן — און וואס פאר א בייזען, שלעכטען פנים ער האט געקראגען!

און, דאכט זיך, טשערטאפכאנאוו האט זיך געדארפט פרעהען, וואס ער האט צוריק געקראגען זיינס; און ער האט זיך טאקי געפרעהט אויך... און דאך האט זיך פערפישקא פאר איהם דערשראקען, איהם איז זאגאר מורא'דיג געווארען פאר איהם.

טשערטאפכאנאוו האט אוועקגעשטעלט דעם פערד אויף זיין פריהערדיגען פלאץ, האט איהם א גלעט געטהאן און ארויסגעמור־מעלט:

— נו, אט ביזטו ווידער אין דער היים! זעה, געדענק!...

דעם אייגענעם טאג האט ער געדונגען א וועכטער, וואס זאל היטען זיין פערד, און ווידער גענומען לעבען ווי פריהער...

איבריגענס, ניט גאר אין גאנצען ווי פריהער... אבער וועגען דעם שפעטער.

אויף מארגען נאך זיין צוריקקעהרונג אהיים, האט טשערטאפכא־נאוו אריינגערופען צו זיך פערפישקא'ן און, ניט האבענדיג קיין אנ־דערן, וועמען צו דערצעהלען, האט ער גענומען דערצעהלען איהם, איינהאלטענדיג דערביי, נאטירליך, א טאן פון ווירדע, און אויף א באסאווער שטים, ווי אזוי איהם איז געלונגען צו געפינען מאלעק־אדעל'ן.

בשעת ער האט דערצעהלט, איז טשערטאפכאנאוו געזעסען מיט'ן

פנים צום פענסטער און גערויכערט א ליולקע פון א לאנגען ציביק און פערפישקא איז געשטאנען אויפ'ן שוועל אין דער טהיר, פערלייגט די הענד הינטער'ן רוקען און, קוקענדיג מיט דרך ארץ זיין פריץ אויף די פאטילניצע, האט ער געהערט די געשיכטע וועגען דעם, ווי נאך א צייט פון ארומרייזען און ארומרייזען אומזיסט, איז פאנטאלעי יע־רעמעיאיטש, צום סוף, אנגעקומען אין ראמנע אויפ'ן יריד, שוין אליין, אהן לייבע'ן, וועלכער האט ניט אויסגעהאלטען און איז אנטלאפען פון איהם; ווי אויפ'ן פינפטען טאג האט ער שוין, קלייבענדיג זיך צו פערלאזען ראמנע, — צום לעצטען מאל דורכגעגאנגען צווישען די רייהען וואגענס, ערשט פלוצים האט ער דערזעהן צווישען דריי אנ־דערע פערד זיין מאלעק־אדעל'ן! ווי ער האט איהם גלייך דערקאנט, און ווי מאלעק־אדעל האט איהם דערקאנט, ווי ער האט גענומען היר־זשען, רייסען זיך, קלאפען מיט די קאפיטעס און רייסען די ערד אונ־טער זיך. — און ניט ביי א קאזאק איז ער געווען — האט ווייטער דערצעהלט טשערטאפכאנאוו, ניט אפקעהר'ענדיג דעם קאפ פון'ם פענסטער און מיט דער אייגענער באסאווער שטים: — נור ביי א צי־ גיינער א פערד־הענדלער. פערשטעהט זיך, אז איך האב זיך באלד אנ־געכאפט אן איהם און מיט גוואלד איהם געוואלט אפנעהמען; אבער די בעסטיע דער ציגיינער האט אזא גוואלד אויפגעהויבען און גענומען זיך שווערען פאר דעם גאנצען עולם, אז דעם פערד האט ער געקויפט ביי א צווייטען ציגיינער און געוואלט עדות ברענגען... איך האב א שפיי געטהאן און איהם בעצאהלט דאס געלד. נעהם דיך דער טייפעל מיט דעם געלד! דער עיקר, וואס מיר איז טהייער איז ניט דאס געלד, נור דאס, וואס איך האב צוריק ביי זיך מיין פריינד און וואס איך האב איצט ווידער מיין רוה. אניט בין איך שיעור ניט משוגע געווארען. אויפ'ן וועג האב איך א געשיכטע געהאט מיט א קאזאק. לייבע האט מיר געזאגט, אז, דאכט זיך, דאס איז יענער, ביי וועמען ער האט דעם פערד געקויפט, האב איך איהם אנגענומען פאר דעם גנב און איך האב איהם צו'נהרג'עט, דעם גאנצען פנים איהם צוקאליעטשעט; ערשט דער קאזאק האט זיך ארויסגעוויזען איז גאר ניט קיין קאזאק, נור א גלח'ס א זוהן און פאר דער בעליידיגונג האב איך איהם געמוזט בע־צאהלען הונדערט און צוואנציג רובעל... אבער געלד קאן מען אנלע־בען, דער עיקר, מאלעק־אדעל איז ווידער ביי מיר! איצט בין איך

גליקלאַך, איצט קען איך הנאה האָבען פון מיין רוה... און דו, פערפישקאַ, הער אוים: ווען דו ווייסט, חלילה, בעמערקען דאָ ארום ערגעץ א קאָזאַק, זאָלסטו גלייך מיר אָנזאָגען... קיין וואָרט זאָלסטו ניט ריידען, נור ברענג מיר גלייך מיין ביקס און איך וועל שוין וויסען, וואס צו טהאָן!

אזוי האט גערעדט טשערטאָפכאַנאָוו צו פערפישקאַ'ן; אזוי האָבען זיך זיינע ליפּען אויסגעדריקט, אבער אויפ'ן הארצען איז ביי איהם גאָר ניט געווען אזוי רוהיג, ווי ער האָט געוואָלט איינרעדען.

אך! אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה איז ער ניט געווען גאָר זיכער, אז דאס פערד, וואס ער האָט געבראַכט, איז ווירקליך געווען מאַלעק-אַדעל.

X.

פאר טשערטאָפכאַנאָוו'ן איז א שווערע צייט אָנגעקומען. אָט יענע רוה, פון וועלכער ער האָט גערעדט, האָט ער געהאַט וועניגער ווי אַלסדינג. אמת, מאַנכע טעג האָט ער אויך געהאַט פרעהליכע, בעת דער פערדאַכט, אַז מאַלעק-אַדעל איז ניט מאַלעק-אַדעל, האָט זיך איהם אויסגעוויזען איז נאַריש, בעת ער האָט פערטריבען פון זיך דעם דאָזיגען פיינליכען געדאנק, ווי אַ דערעסענדיגע פליעג, און האָט זאָגאר געלאַכט פון זיך; דערפאַר אבער האָט ער אויך געהאַט שלעכטע טעג, שווערע טעג, בעת דער פערדאַכט האָט איהם ווידער גענומען מאַרטערען און נאָגען, ווי אַ מויז אונטער דער פּאָדלאָגע, — דאַן האָט ער שרעקליך געליטען און דאס הארץ זיך אויסגעגעסען.

אין דעם ערשטען טאָג, בעת ער האָט געפונען מאַלעק-אַדעל'ן, האָט טשערטאָפכאַנאָוו זיך געפיהלט אויפ'ן זיעבענטען הימעל.... אבער אויף מאָרגען אין דער פריה, בעת ער האָט גענומען זאָטלען אונטער'ן וועטער-דאַך זיין פערד, נעבען וועלכען ער האָט פערבראַכט די גאַנצע נאַכט, האָט איהם צום ערשטען מאָל א שטאָך געטהאָן... ער האָט בלויז א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, דאָך דער קערענדעל פון פערדאַכט איז שוין אריינגעפאַלען אין זיין נשמה אריין.

אויפ'ן וועג אהיים, וואס האט ביי איהם געדויערט א גאנצע וואך צייט, האט דער פערדאכט זעלטען ווען איהם געמארטערט; שווער מארטערען איהם האט ער ערשט אנגעהויבען, בעת טשערטאפכאנאוו האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים און אוועקגעשטעלט דעם פערד אויף דעם פלאץ, וואו עס איז פריהער געשטאנען דער ריכטיגער מאלעק־אדעל.

אויפ'ן וועג איז ער מעהרסטענטהייל געפאהרען טריט ביי טריט, וויגענדיג זיך אויפ'ן פערד, האט געקוקט אויף אלע זייטען, גערויכערט א קורצינקע פיפקע און וועגען גאר נישט געטראכט. צייטענווייז פלעגט ער בלויז א טראכט טהאן: „אויב טשערטאפכאנאוו וויל עפעס, וועט ער דאס שוין האבען, גישקשה!" און דערביי פלעגט ער צופריעדען א שמייכעל טהאן; אבער, געקומען אהיים, האט זיך אנגעהויבען אן אנדערע געשיכטע. נאטירליך, דאס אלעס האט ער געשטיקט אין זיך: זיין אייגענליעבע וואלט איהם ניט דערלאזט ארויסצואווייזען זיין חשד פאר וועמען ניט־איז. יעדען איינעם, וואס וואלט זאגאר מיט א מינע געוואגט צו געבען אנצוהערעניש, אז דאס פערד איז, דאכט זיך, ניט דער אלטער מאלעק־אדעל, וואלט ער ווי א הערינג צוריסען. ער האט נאכאנאנד עקזאמינירט מאלעק־אדעל'ן; פלעגט אוועקרייטען אויף איהם וואס ווייטער אין פעלד און אלץ איהם אויסגעפרובט; אדער ער פלעגט זיך ארייג'גנב'ענען שטילינקערהייט אין שטאהל אריין, פערמאכען די טהיר, אוועקשטעלען זיך פונקט גגנען דעם פערד'ס קאפ, ארייננקוקען איהם אין די אויגען אריין און שעפצען שטיל־שטיל:

— ביזטו דאס? ביזטו דאס? ביזטו דאס? ...

אניט פלעגט ער איהם שווייגענדיג בעטראכטען און אזוי שארף, און איינגעגעסען שעה'ן גאנצע נאכאנאנד, דא פרעהענדיג זיך און מורמלענדיג: — „יא, יא, דאס איז ער, געוויס ער!" דא וואונדערענדיג זיך און זאגאר שעהמענדיג זיך...

וואס טשערטאפכאנאוו'ן האט צומישט, איז געווען ניט אזוי פיעל דאס, וואס דער דאזיגער מאלעק־אדעל איז ניט עהנליך געווען צו יענעם פהיזיש.... אגב, פהיזיש האט זיך דער דאזיגער זעהר ווייניג אונטערשיידעט פון יענעם: ביי יענעם איז דער עק און גריווע, דאכט זיך, געווען אביסעלע אנדערש, און די אויערען שפיציגער, און די

אויגען העלער, אָבער דאָס האָט זיך געקאָנט אויך אויסדראַכטען; נור דער עיקר, וואס האָט איהם צומישט, איז געווען דאס, וואס גייסטיג, אזוי צו זאָגען, איז דער דאָזיגער מאַלעק־אַדעל ניט עהנליך געווען צו יענעם... יענער האָט געהאַט גאָר גאַנץ אַנדערע מאַניערען, די גאַנצע אויפפיהרונג ביי יענעם איז געווען אַן אַנדערע. צום ביישפּיעל: יענער מאַלעק־אַדעל האָט זיך יעדער מאָל אומגעקוקט און שטיל געהירזשעט, בעת טשערטאָפּכאַנאָוו איז אריינגעקומען אין שטאַהל אריין, און דער דאָזיגער האָט געקייהט די היי, אזוי ווי ניט איהם מיינט מען דאס; אדער האָט געדרימעלט, ארונטערלאָזענדיג דעם קאָפּ. ביידע האָבען זיך פון׳ם אָרט ניט געריהרט, בעת דער בעל הבית איז ארונטערגע־שפּרונגען פון׳ם זאָטעל; אבער יענער, אז מען האָט איהם א רוף גע־טהאָן, איז באַלד געגאַנגען אויפ׳ן רוף, און דער דאָזיגער בלייבט שטעהן ווי א גולם. יענער איז אויך געפלויגען אזוי שנעל, אָבער האָט געשפּרונגען העכער און ווייטער; דער דאָזיגער איז געגאַנגען פרייער, בעת ער איז געגאַנגען טריט ביי טריט, דערפאַר בעת ער איז געלאָפען שנעלער, האָט ער געטרייסעלט און אמאָל געקלאַפּט די פּאָדקאָוועס, די פאָדערשטע אָן דער הינטערשטער, וואס ביי יענעם האָט עס קיינ־מאָל ניט געטראָפען. דער דאָזיגער — האָט טשערטאָפּכאַנאָוו גע־טראַכט — שאָקעלט אויך מיט די אויערען, אזוי נאַריש, און יענער, פערקעהרט: פערוואָרפט איין אויער און האַלט איהם אזוי, און קוקט אויפ׳ן בעל הבית! יענער, ווי נור ער האָט בעמערקט, אז ארום איהם איז ניט ריין, אזוי גלייך האָט ער געקלאַפּט מיט׳ן הינטערשטען פוס אין וואַנד אריין פון׳ם שטאַהל, און דעם הארט ניט, ווען ער זאָל אפילו שטעהן ביז׳ן בויך אין שמוץ. יענער, ווען מען האט איהם אוועקגע־שטעלט געגען ווינד, האָט ער מיט זיין גאַנצען לונגען אויפגעאָטהעמט און זיך אויפגעטרייסעלט, און דער ווייסט נור איין זאַך — פּאָרש־קעט... יענער האָט ניט געקענט פערטראָגען קיין רעגען־פייכטקייט און דער — ניט זיין עסק... דער איז גרעבער, גרעבער! יענעם׳ס ליעבליכקייט האָט דער ניט, יענעם׳ס חן, וואס איז צו ריידען! — א ליעבער פערד איז געווען יענער און דער....

אָט אזוי האָט מאַנכעס מאָל געטראַכט טשערטאָפּכאַנאָוו, און ביטער און פינסטער איז איהם געוואָרען פון די דאָזיגע געדאַנקען. דערפאַר, אין אַן אַנדער צייט, צוואָגט ער דעם פערד אין זיין גאַנצען

אימפעט איבער דעם פריש־צואקערטען פעלד אדער צווינגט איהם ארונטערצושפרינגען אויפ'ן סאמען דעק פון א טיעפען ראוו און ארויס־שפרינגען פון דארט מיט איין שפרונג, דאן צאפּעלט זיך זיין הארץ פאר התפעלות, און פון זיינע ליפען רייסען זיך דאן ווילדע געשרייען פון בעגייסטערונג, און ער וויים, ווייס דאן אויף געוויס, אז דאס איז דער ריכטיגער, דער אמת'ער מאלעק־אדעל, דען וועלכער אנדערער פערד וואלט אימשטאנד געווען צו בעווייזען דאס, וואס ער בע־ווייזט? ....

פאסירט איין מאל אין א אין־דער־פריה, אז טשערטאפּכאנאוו, רייטענדיג אויף זיין פערד, שטויסט זיך אן א פינף וויארסט פון בעז־סאנאוואַ אן דעם אייגענעם פירסט, וואס ער האט געטראפען מיט אנדערטהאלבען יאהר צוריק אויף געיעג, וועלכער איז דאמאלט אזוי נתפעל געווארען פון מאלעק־אדעל'ן, אז ער האט פאר איהם אנגעבאָ־טען זיין גאנץ פערמעגען, און פונקט ווי דעמאלט, איז פון אונטער די הענד ארויסגעשפּרונגען א האז און געגומען זיך יאגען אונטער'ן בארג! האטו! האטו! אלעס האט זיך אוועקגעיאגט נאך איהם און טשערטאפּכאנאוו אויך, אבער ניט צוזאמען מיט זיי, נור א צוויי הונ־דערט טריט אן א זייט, פונקט ווי דעמאלט.

א מורא'דיג־גרויסע בלאטע האט זיך צוגאסען אין דער קרום אונטער'ן בארג און זיך געהייבען אלץ העכער און העכער, איבער־שניידענדיג טשערטאפּכאנאוו'ן דעם וועג. דארט, וואו איהם איז אויס־געקומען זי אריבערצושפּרינגען, און וואו ער איז מיט אנדערטהאלבען יאהר צוריק טאקי אריבערגעשפּרונגען, — איז זי געווען א טריט אכט די ברייט און א צוויי קלאפטער די טיעף. פיהלענדיג אין פאראויס זיין טריאומף, האט טשערטאפּכאנאוו ארויסגעלאזט געשרייען פול נצחון, און א פאך געטהאן מיט דער נאגאיקע. די יעגערס זיינען אויך געפלויגען און האבען די אויגען ניט ארונטערגענומען פון דעם קונ־ציגען רייטער. זיין פערד איז געפלויגען ווי א פייל פון א בויגען — אט איז שוין דער טיעפער גראבען מיט וואסער אונטער דער נאז — נו, נו, א שפרונג, א שפרונג, ווי דעמאלט!...

אבער מאלעק־אדעל האט זיך ראפּטאם אבגעשטעלט, איינגע־שפּארט זיך, א כאפּ געטהאן זיך לינקס און זיך אוועקגעיאגט ארום

גראבען; ווי טשערטאָפּכאַנאָוו האָט ניט געריסען איהם דעם קאָפּ אַן א זייט, צום גראבען צו...

האָט זיך דערשראָקען, הייסט עס, קיין מוטה ניט געהאט צו שפּרינגען!...

דאַן האָט טשערטאָפּכאַנאָוו אין גאַנצען ברענענדיג פאַר כעס און שאַנד, שיעור־שיעור ניט וויינענדיג, ארונטערגעלאָזט די לייצעס און טרייב געטהאָן דעם פערד גלייך אין פאַראויס, בארג אַרויף, וואָס וויי־טער, ווייטער פון די יעגערס; אום ניט צו הערען, ווי זיי לאַכען פון איהם, אום וואס גיכער צו פערשווינדען פון זייערע פערדאַמטע אוי־גען!....

מיט צוקלאַפּטע זייטען, אין גאַנצען אָבגעגאָסען מיט ווייסען שוים, איז מאַלעק־אַדעל געקומען צופליהען אהיים, און טשערטאָפּכאַ־נאָוו האָט זיך באַלד פערשפּאַרט ביי זיך אין'ם צימער.

— ניין, דאס איז ניט ער, ניט מיין פריינד! יענער וואָלט זיך האַלז און נאַקען צובראָכען און וואָלט מיך ניט פערשעהמט!

XI.

דעם לעצטען „קלאָפּ," וואס מען רופט, האָט טשערטאָפּכאַנאָוו איינמאָל געקראָגען אויף אַזא אופן: פערבייפאָהרענדיג איינמאָל פער־ביי דעם דאָרפישען קלויסטער אין א שלעכטען מוטה, האָט ער פּלוצים דערהערט, אז עמיצער האָט איהם אָנגערופען.

ער האָט אָפּגעשטעלט דעם פערד, זיך אומגעקוקט און דערזעהן זיין בעקאַנטען דיאַקאָן. מיט א דונקעל־גרויען היטעל אויף די דונקעל־גרויע פערפלאָכטענע האָאַר, אין א געלבליכען ביליגען קאַפּטען, אונ־טערגעגאַרטעלט טיעף אונטער דער טאַליע מיט א בלויאינקען שנירעל, איז דער דיענער פון גאָט געגאַנגען און, דערזעהן טשערטאָפּכאַנאָוו'ן, האָט ער געהאַלטען פאַר זיין חוב, אויסצודריקען איהם זיין רעספּעקט און, אגב טאַקי, עפּעס ביי איהם ארויסצוזייסען. אָהן אַזא מין הינטער געדאַנק, ווי בעוואוסט, ווענדען זיך ניט די הייליגע פּאַרשוינען צו די וועלטליכע...

אבער טשערטאָפּכאַנאָוו איז ניט געווען אויפגעלייגט פאַר דעם דיאַקאָן; ער האָט קוים געענטפערט אויף יענעם'ס בעגריסונג, און, ארויסגעברומט עפּעס דורך די צייהן, האָט ער שוין געוועזט א הייב טהאָן די נאַגאַיקע....

— וואס פאַר א שעהנער פערד איז ביי איך! — האָט דער דיאַקאָן זיך מיט אמאָל א כאַפּ געטהאָן — כ'לעבען איהר פערדיענט, מען זאָל איך עהרען. כ'לעבען איהר זייט א מענש מיט גרוים שכל, ממש, שכל, ווי ביי א ליוב! (דער דיאַקאָן האט גע'שם'ט מיט זיין רעדנער־קראַפט, וואס עס האָט זעהר געקרענקט דעם גלח, וועלכער איז ניט געווען שטאַרק קרעפטיג אויפ'ן לשון, אפילו דאַן, ווען ער האָט ארייננגעשנאַפּסקעט) — איין פערד האָבען שלעכטע מענשען ביי איך אוועקגע'גזל'ט — האָט דער דיאַקאָן גערעדט ווייטער — האָט איהר, פונדעסטוועגען, ניט געזאָרגט און, „פערלאָזענדיג זיך אויף גאָט'ס גוטסקייט," האָט איהר זיך ערוואָרבען אַן אַנדערען, ניט קיין ערגערען, חלילה, כמעט נאָך א בעסערען... ווארום....

— וואס זאָגסטו ליגען? — האָט איהם טשערטאָפּכאַנאָוו איי־בערגעשלאָגען מיט א פינסטערע מינע — וואס פאַר אַן אַנדער פערד? דאס איז דער אייגענער... דאס איז מאַלעק־אַדעל... איך האָב איהם אויפגעזוכט.... רעדט סתם אין ד'ער וועלט אריין...

— ע!—ע!—ע!—ע! — האָט ארויסגערעדט דער דיאַקאָן מיט א צוצויגענעם טאָן, ארייגלאָזענדיג די פינגער אין באָרד אריין און קוקענדיג אויף טשערטאָפּכאַנאָוו'ן מיט זיינע העלע, גיריגע אויגען— ווי אזוי איז עס, מיין הערר? אייער פערד האָט מען דאָך גע'גנב'עט פאַר א יאָהרען צוויי טעג נאָך פּאָקראָווע און היינט האָבען מיר, דאַנ־קען גאָט, שוין באַלד סוף פון'ם חודש נאָוועמבער.

— נו, איז וואָס?

דער דיאַקאָן האָט נאָך אַלץ געהאַלטען די פינגער אין דער באָרד.

— הייסט עס — האָט ער געזאָגט — שוין העכער א יאָהר אוועק זייט יענער מעשה, און אייער פערד, אזוי ווי ער איז דעמאָלט געווען א גרויער אין עפּעלס, אזוי איז ער היינט; זאָגאַר ער איז נאָך דונקעלער געוואָרען. ווי קען עס געמאָהלט זיין? גרויע פערד ווערען דאָך אין פערלויף פון א יאָהר א סך ווייסער.

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן... אַזוי ווי איי־נער וואָלט איהם אַ שניט געטהאָן אונטער'ן סאַמע הארצען. און אין אמת'ן, די גרויע פערד בייטען דאָך זייער פאַרב! ווי איז עס איהם אַזאַ איינפאַכער געדאַנק ביז אַהער ניט איינגעפאַלען?

— אַנשיקעניש דו! טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! — האָט ער פּלו־צים אַ געשריי געטהאָן און ווילד אַ גלאָץ געטהאָן מיט די אויגען — און איז גלייך פערשוואונדען פון דעם צומישטען דיאַקאָן'ס אויגען.

נאָך אַלעמען!

אַ סוף צו אַלעם, אַלסדינג האָט געפּלאַצט, די לעצטע קאָרט איז געשלאָגען! אַלסדינג איז מיט אַמאָל איינגעפאַלען, חרוב געוואָרען פון דעם איינציגען וואָרט „ווייסער"...

גרויע פערד ווערען דאָך אין פערלויף פון אַ יאָהר אַ סך ווייסער!....

פליה, יאָג זיך, אונגליקליכער, פון די דאָזיגע ווערטער וועסטו ניט אנטלויפען!

טשערטאָפּכאַנאָוו איז געקומען צופליהען אהיים און האָט זיך ווידער פערשפּאַרט אין זיין צימער.

XII.

אַז די דאָזיגע ניט געראָטענע שקאַפּע איז ניט מאַלעק־אַדעל, אַז צווישען איהר און יענעם איז די מינדעסטע עהנליכקייט ניט געווען; אַז יעדער מענש מיט וויפיעל ניט איז שכל האָט עס באַלד געקאָנט בעמערקען; אַז ער פאַנטאַלעי טשערטאָפּכאַנאָוו האָט אויף דעם נאַ־רישסטען אופן זיך אָפּגענאַרט — ניין! אַז ער האָט אומיסטנע, מיט אַ כיוון זיך אָפּגענאַרט, געשאָטען זיך אַליין זאַמד אין די אויגען, — וועגען דעם אַלעם איז שוין מעהר קיין שום ספק ניט פערבליעבען!

טשערטאָפּכאַנאָוו איז ארומגעלאָפען איבער'ן צימער הין און צו־ריק, אויסדרעהענדיג זיך אויף די אָפּזאַצען נעבען יעדער וואַנד, — איז ארומגעלאָפען ווי אַ חיה אין אַ שטייג. זיין אייגענליעבע האָט

מורא'דיג געליטען, ער איז געווען פערצווייפעלט, דער כעס האָט איהם נעשטיקט, דאס געפיהל פון נקמה האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען.

אבער אָן וועמען? אָן וועמען נקמה נעהמען? אָן דעם אידען, אָן יאַפּ'ן, אָן מאשא'ן, אָן דעם דיאַקאָן, אָן דעם גנב דעם קאָזאַק, אָן אלע שכנים, אָן דער גאַנצער וועלט, שליסליך, אָן זיך אליין?

ער האָט געפיהלט, אז אין'ם מוח מישט זיך ביי איהם. די לעצטע קאָרט איז געשלאָגען! (דער דאָזיגער פערגלייך איז איהם זעהר געפעלען געווען.) און ווידער איז ער דער ניכטסווירדיגער, דער פעראַכטעטסטער צווישען מענשען, א נאַרישער לץ, איינער, פון וועמען דער דיאַקאָן וועט קאָנען שפּאָטען!!...

ער האָט זיך קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי דער דיאַקאָן דערצעהלט אלעמען וועגען דער גרויער שקאַפּע און וועגען דעם נאַרישען פריץ.... אָה, פלוך!!... אומזיסט האָט זיך טשערטאָפּכאַנאָוו געסטאַרעט צו בערוהיגען זיין צוקאָכטע גאַל, אומזיסט האָט ער געפּרובט זיך איינ־ריידען, אז די דאָזיגע... שקאַפּע, כאָטש זי איז ניט מאַלעק־אדעל, פונדעסטוועגען איז זי פּאָרט א וואוילע און קאָן איהם א סך יאָהרען דיענען....

אבער גלייך האָט ער מיט כעס פערטריבען פון זיך דעם דאָזיגען געדאַנק, אזוי ווי דער דאָזיגער געדאַנק אליין וואָלט שוין געווען א בעליידיגונג פאַר יענעם מאַלעק־אדעל'ן, געגען וועמען ער האָט אָהן דעם אויך זיך געפיהלט שטאַרק שולדיג... און נאָך ווי שולדיג! ער האָט דאָך די דאָזיגע שלימזל'דיגע שקאַפּע, ווי א בלינדער, ווי א גולם, צוגעגליכען צו מאַלעק־אדעל'ן!.... און מכוח דעם, וואס זי קאָן איהם נאָך דיענען א סך יאָהרען... ער וועט זיך דען אַמאָל ווי־דער זעצען אויף איהר רייטענדיג? בשום אופן ניט! קיינמאָל ניט!!.. א טאָטער זי אָפּגעבען, די הינט אויף צו פרעסען — מעהר איז זי ניט ווערטה... יאָ! דאס איז דאס בעסטע!

העכער צוויי שעה איז טשערטאָפּכאַנאָוו אזוי ארומגעלאָפען איי־בער זיין צימער.

— פּערפישקא! — האָט ער פּלוצים א קאָמאַנדעווע געטהאָן — שוין גאה אריבער אין שענק און ברענג מיר פון דאָרט א האַלבען עמער בראַנפען! דו הערסט? א האַלבען עמער, און שנעל! גלייך זאָל עס ביי מיר שטעהען אויפ'ן טיש!

באַלד איז דאס בראַנפּען געשטאַנען פאַר איהם אויפ׳ן טיש, און ער האָט גענומען טרינקען!...

XIII.

דער וואס וואָלט דעמאָלט א קוק געטהאָן אויף טשערטאָפּכאַ־נאָוו׳ן, דער, וואס וואָלט געזעהן, מיט וואס פאַר א ווילדקייט ער האָט געגאָסען אין זיך איין גלאָז בראַנפּען נאָך׳ן אַנדערן, — יענער וואָלט זיך געוויס דערשראָקען.

די נאַכט איז צוגעפאַלען; א חלב׳נע ליכטעל האָט דונקעל גע־ברענט אויפ׳ן טיש. טשערטאָפּכאַנאָוו האָט אויפגעהערט זיך ארומ־צודרעהען פון איין ווינקעל אין דעם אַנדערן; ער איז געזעסען, אין גאַנצען רויט, מיט מוטנע אויגען, וועלכע ער האָט דאָ ארונטערגע־לאָזט צו דער פּאָדלאָגע און דאָ געגלאָצט אויף דעם דונקעלען פענ־סטער; האָט זיך אויפגעהויבען, אָנגעגאָסען זיך בראַנפּען, אויסגע־טרונקען עס, ווידער זיך אַנידערגעזעצט, ווידער געקוקט אין איין ריכ־טונג און זיך ניט א ריהר געטהאָן — בלויז ער האָט געאָטהעמט שנע־לער, און זיין פּנים איז אַלץ רויטער און רויטער געוואָרען.

עס האָט אויסגעזעהן, אז ער האָט געפּאַסט א געוויסען בעשלוס, וועלכער האָט איהם אַליין געשראָקען, נור צו וועלכען ער האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוועהנט; איין און דער זעלביגער געדאַנק האָט אָהן אויפהער און עקשנות׳דיג געקראָכען צו איהם אַלץ נעהענטער און נע־הענטער; איין און דאס זעלביגע בילד האָט זיך געטראָגען פאַר איהם אַלץ קלאָרער און בולט׳ער, און אין׳ם הארצען, אונטער דעם פייערדי־גען דרוק פון דעם אויסגעטרונקענעם שנאַפּס, האָט זיך דער אויפגע־רעגטער צאָרן פערוואַנדעלט אין א געפיהל פון בלוטדורשטיגקייט, און א ווילדער שמייכעל האָט גענומען שפּיעלען אויף זיינע ליפּען.

— נו, שוין צייט! — האָט ער ארויסגעמורמעלט מיט א מין געשעפטליכען, כמעט לאַנגוויילינגען טאָן — גענוג צו קיהלען זיך!

ער האָט אויסגעטרונקען דאס גלאָז שנאַפּס, האָט ארונ־טערגענומען פון איבער־בעט א פּיסטאָלעט, דעם אייגענעם, מיט וועל־

כען ער האָט אויסגעשאָסען אין מאַשאַ'ן, האָט איהם אָנגעלאָדען, אריינגעלעגט עטליכע פיסטאָנעס אין קעשענע, אויף א פאַל, טאָמער וועט מען זיי דאַרפען, און איז אוועק צום שמאַהל.

דער וועכטער איז געוועזט צוגעלאָפען צו איהם, בעת ער האָט גענומען עפענען די טהיר, אבער ער האָט א געשריי געטהאָן אויף יענעם:

— דאס בין איך! זעהסט דען ניט? אוועק!

דער וועכטער איז אָפּגעטראָטען אביסעל אָן א זייט.

— געה שלאָפען! — האָט אויף איהם ווידער א געשריי געטהאָן טשערטאָפּכאַנאָוו — דו האָסט דאָ ניט וואס צו היטען! א טהייערע מציאה, האָסטו געזעהן!...

ער איז אריין אין שטאַהל. מאַלעק־אדעל.... דער פאַלשער מאַלעק־אדעל איז געלעגען אונטערגעבעט מיט שטרוי.

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט איהם א שטויס געטהאָן מיט א פוס און ארויסגערעדט:

— שטעה אויף, וואָראָנע דו!

דערנאָך האָט ער ארונטערגענומען פון איהם די דעקע, א שלייער געטהאָן זי אָן דר'ערד און, גראָב א שלעפּ טהאָנדיג די געהאָרכזאַמע שקאַפּע, האָט ער זי ארויסגעפיהרט פון'ם שטאַהל אויפ'ן הויף ארויס און פון'ם הויף אויפ'ן פעלד, צו דעם גרויס וואונדער פון דעם וועכטער, וועלכער האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואוהין שלעפּט זיך דער פריץ ביינאַכט מיט א ניט־פערצוימטען פערד?

פרעגען איהם, האָט ער, פערשטעהט זיך, מורא געהאַט, האָט נור בעגלייט איהם מיט די אויגען, ביז ער איז ניט פערשוואונדען אויפ'ן וועג, וואס האָט געפיהרט צום וואַלד צו.

XIV.

טשערטאָפּכאַנאָוו איז געגאַנגען מיט גרויסע טריט, ניט אָפּשטעלענדיג זיך און ניט אומקוקענדיג זיך; מאַלעק־אדעל — מיר וועלען איהם רופען מיט דעם דאָזיגען נאָמען ביז'ן סוף — הינטער איהם.

די נאַכט איז געווען א גאַנץ ליכטיגע; טשערטאָפּכאַנאָוו האָט געקאָנט אונטערשיידען דעם וואַלד אין פאָראויס, וועלכער האָט גע־דונקעלט פון ווייטען ווי א שוואַרצער, געדיכטער פלעק.

דערפיהלט די ביינאַכטיגע קעלט, וואָלט ער זיך זיכער אויסגע־ניכטערט פון דעם אויסגעטרונקענעם שנאַפּס, ווען ניט... ווען ניט אַן אנדערע, נאָך א שטאַרקערע שכרות, וועלכע האָט איהם אין גאַנ־צען בערוישט. דער קאָפּ איז ביי איהם געווען שווער, אין'ם האַלז און אין די אויערען האָט הילכיג געקלאַפּט דאס בלוט, אבער ער איז גע־גאַנגען פעסט און האָט געוואוסט, וואוהין ער איז געגאַנגען.

ער האָט בעשלאָסען צו טויטען מאַלעק־אַדעל'ן; א גאַנצען טאָג האָט ער בלויז וועגען דעם געטראַכט.... איצט האָט ער בעשלאָסען!

ער איז געגאַנגען אויף דעם מיט אַזאַ געפיהל, ווי איינער וואס געהט טהאָן א „מוז־זאַך,“ וואס געהט ערפילען א פפליכט. די דאָזיגע „זאַך“ האָט זיך איהם אויסגעוויזען גאַנץ „פּשוט“: פּטור געוואָרען פון דעם פאַלשען מאַלעק־אַדעל'ן, איז ער פּטור געוואָרען פון אַלסדינגג און האָט זיך אַליין אויך בעשטראָפט פאַר זיין נאַרישקייט, און פאַר זיין אמת'ן פריינד, דעם ריכטיגען מאַלעק־אַדעל'ן, וועט ער גערעכט בלייבען, און דער גאַנצער וועלט וועט ער בעווייזען (טשערטאָפּכאַ־נאָוו האָט זיך זעהר געזאָרגט וועגען דער „גאַנצער וועלט“), אז מיט איהם קען מען זיך ניט שפּיעלען... און דער עיקר: זיך אַליין וועט ער פּטור'ן צוזאַמען מיט דעם פאַלשען מאַלעק־אַדעל'ן, דען צו־וואָס טויג איהם דאס לעבען?

ווי אַזוי דאס אַלעס האָט זיך אויסגעאַרבייט אין זיין קאָפּ און וואָרום דאס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַזוי פּשוט, איז ניט לייכט צו ערקלערען, הגם ניט גאַנץ אונמעגליך: א בעליידיגטער, אַן עלענ־דער, אָהן איין פריינדליכער זעעלע נעבען זיך, אָהן א גראָשען ביי דער נשמה, און דערצו נאָך מיט בלוט, וואס איז אַנגעצונדען געווען פון'ם שנאַפּס, איז ער געווען אין א צושטאַנד, נאָהענט צו משוגעת, און דאס איז א זיכערע זאַך, אז צומישטע מענשען זעהען לאָגיק און זאַגאַר רעכט אין די ווילדעסטע מעשים זייערע.

אין זיין רעכט איז טשערטאָפּכאַנאָוו איבערצייגט געווען יעדענ־פאַלס; ער האָט זיך ניט געקווענקעלט, ער האָט זיך געאיילט אויסצו־פיהרען זיין משפּט איבער דעם שולדיגען, ניט אָפּגעבענדיג זיך, אגב,

קיין קלארע רעכנונג: ווער, אייגענטליך, איז דער שולדיגער?... דעם אמת זאגענדיג, האט ער וועניג געטראכט וועגען דעם, וואס ער איז נעגאנגען טהאן.

— מען דארף מאכען א סוף! מען דארף, מען דארף! — אט דאס האט ער גערעדט צו זיך איינגעשפארט און שטרענג — מען דארף מאכען א סוף!

און דער אונשולדיגער שולדיגער איז, נעבאך, אונטערטהעניגסט נאכגעגאנגען איהם הינטער'ן רוקען... אבער אין טשערטאפכאנאוו'ס הארצען איז קיין רחמנות ניט געווען.

XV.

אונטער'ן וואלד, וואוהין טשערטאפכאנאוו האט געבראכט צו־פיהרען דעם פערד, האט זיך געצויגען ניט קיין גרויסער ראוו, אויף העלפט פערוואקסען מיט דעמבען־בוימער. טשערטאפכאנאוו האט זיך ארונטערגעלאזט אהין... מאלעק־אדעל האט זיך אן עפעס אויסגע־גליטשט און איז שיעור ניט געפאלען אויף איהם.

— ווילסט מיך דערשטיקען, טייפעל! — האט אויסגעשריען טשערטאפכאנאוו, און אזוי ווי ער וואלט זיך וועלען פערטהיידיגען, האט ער ארויסגעכאפט דעם פיסטאלעט פון קעשענע. שוין ניט קיין צורייצטע בייזקייט האט ער געפיהלט, נור יענע געפיהללאזינקייט, וואס, מען זאגט, כאפט ארום א מענשען, איידער ער בעגעהט דאס פערברעכען. אבער זיין אייגענער קול האט איהם איבערגעשראקען — אזוי ווילד האט ער אפגעהילכט אונטער דעם אפדאך פון די דונקעלע צווייגען, אין דער פערשימעלטער און געפרעסטער פייכטקייט פון דעם ראוו! דערצו, האט עפעס א גרויסער פויגעל, פון זיין געשריי דער־שראקען, זיך גענומען צאפלען אויף א שפיץ בוים איבער זיין קאפ... טשערטאפכאנאוו האט זיך א צאפעל געטהאן. אזוי ווי ער וואלט אויפ־געוועקט אן עדות פאר זיין מארד — און וואו נאך? אין דעם דאזיגען ווייטען ווינקעלע, וואו ער האט ניט געדארפט טרעפען קיין לעבעדיג וועזען...

— געה, טייפעל, אויף אלע פיער זייטען, וואוהין דו ווילסט אליין — האָט ער ארויסגערעדט צווישען די צייהן, און, ארויסלאָזענ־דיג דאס שטריקעל, פאר וועלכע ער האָט געפיהרט דעם פערד, האָט ער א זעץ געטהאָן מיט׳ן הענטעל פון׳ם פיסטאָלעט דעם פערד איבער׳ן פלייצע. מאַלעק־אַדעל האָט זיך גלייך א קעהר געטהאָן צוריק, ארויס־געקראָכען פון׳ם ראָוו... און איז אוועקגעלאָפען. אבער ניט לאַנג האָט זיך געהערט דאס קלאַפּען פון זיינע קאָפּיטעס. דער ווינד, וואס האָט זיך אויפגעהויבען, האָט געשטערט און פערשטיקט אלע קלאַנגען.

טשערטאָפּכאַנאָוו איז אויך ארויסגעקראָכען פון׳ם ראָוו און זיך אוועקגעשלעפּט איבער׳ן וועג אהיים.

ער איז געווען אונצופריעדען מיט זיך: די שווערקייט, וואס ער האָט געפיהלט אין׳ם קאָפּ, אין׳ם הארצען, האָט זיך צושפּרייט איבער אלע זיינע גליעדער; ער איז געגאַנגען א בייזער, א פינסטערער, אַן אונבעפריעדיגטער, א הונגעריגער, אזוי ווי עמיצער וואָלט איהם בע־גזל׳ט...

דעם זעלבסטמערדער, וועלכער איז געשטערט געוואָרען אויסצוּ־פיהרען זיין זעלבסטמאָרד, זיינען בעקאַנט די דאָזיגע געפיהלען.

פלוצים האָט עפּעס איהם א זעץ געטהאָן פון הינטען, צווישען די אַקסלען. ער האָט זיך אומגעקוקט... מאַלעק־אַדעל איז געשטאַנען אין מיטען וועג. ער איז נאָכגעלאָפען נאָך זיין בעל הבית, האָט איהם אָנגעריהרט מיט דער מאָרדע... געלאָזט וועגען זיך מעלדען....

— אַ! — האָט טשערטאָפּכאַנאָוו אויסגעשריען — דו ביזט אליין, אליין געקומען נאָך דעם טויט! טאַ נאַ דיר!

און אין א הרף עין האָט ער ארויסגעכאַפּט דעם פיסטאָלעט, צו־געשטעלט איהם צו מאַלעק־אַדעל׳ס שטערן, אויסגעשאָסען...

די אונגליקליכע שקאַפּע האָט זיך א וואָרף געטהאָן אַן א זייט, האָט א הייב געטהאָן די פאָרדערשטע פיס אין דער הויך, איז אָפּגעשפּרונגען אויף א טריט צעהן און איז פלוצים שווער א פאַל געטהאָן און האָט גענומען כריפּען, וואַרפענדיג זיך קרעמפּהאַפט איבער דער ערד....

טשערטאָפּכאַנאָוו האָט זיך פערשטעלט די אויערען מיט ביידע הענד און זיך געלאָזט לויפען. די קניע האָבען זיך געבויגט אונטער איהם. אי די שכרות, אי דער צאָרן, אי די איינגעשפּאַרטקייט, אלעס

איז מיט אמאל ארויסגעפלויגען. עס האט זיך נור אפגעשטעלט א גע־פיהל פון שאנד און העסליכקייט און דאס בעוואוסטזיין נאך, דאס זיכערע בעוואוסטזיין, אז דאס מאל האט ער מיט זיך אליין אויך אן ענד געמאכט.

XVI.

אין זעקס וואכען שפעטער האט דער קאזאק'ל פערפישקא געפו־נען פאר נויטיג אפצושטעלען דעם סטאנאוואי פריסטאוו, וועלכער איז געהאט דורכגעפאהרען בעזסאנאווע.

— וואס איז דער מעהר? — האט געפרעגט דער ארדנונגס־וועכטער.

— זייט אזוי גוט, פריץ'ל, און קומט אריין צו אונז אין הויז — האט געענטפערט דער קאזאק'ל מיט א טיעפען פערנייג — פאנטאלעי יערעמעיאיטש קליינט זיך, דאכט זיך, צו שטארבען, האב איך, הייסט עס, מורא.

— וואס הייסט שטארבען? — האט דער סטאנאוואי איבערגע־פרעגט.

— אט אזוי ווי איהר הערט. אפריהער האבען זיי יעדען טאג גע־טרונקען בראנפען און איצט ליגען זיי צו בעט און זעהן אוים זעהר שלעכט. איך רעכען, אז זיי האבען דעם פערשטאנד פערלארען און דעם לשון האבען זיי אויך אין גאנצען אנגעוואָרען.

דער סטאנאוואי איז אראפגעקראכען פון'ם וואגען.

דו וואלסט אריבערגעלאפען נאך א גלח — האט דער סטאנאוואי זיך אנגערופען — האט דיין פריץ שוין ווידוי געזאגט?

— ניין.

דער סטאנאוואי האט זיך אנגעבלאזען.

— ווי אזוי האסטו ניט גערופען א גלח? שטייטש שטארבען אהן ווידוי? ווייסטו כאטש, אז פאר אזא זאך קומט א שווערע שטראף, הא?...

— איך האב זיי געפרעגט אי נעכטען, אי א פאאר טעג צוריק—

האָט ארויסגעשטאַמעלט דער צושראָקענער קאָזאַק'ל — וועט איהר ניט הייסען, פאַנטאַלעי יערעמעיאיטש, זאָג איך, רופען א גלח? — שווייג, זאָגט ער, גולם, ניט דיין זאַך! און היינט, אז איך האָב צו זיי גענומען ריידען, האָבען זיי בלויז א קוק געטהאָן אויף מיר און מיט די וואָנצעס א מאַך געטהאָן.

— און ער האָט א סך בראַנפען געטרונקען? — האָט דער סטאַנאָוואָי געפרעגט.

— זעהר א סך! טהוט א טובה, פריץ'ל, געהט אריין צו איהם אין צימער.

— נו, פיהר מיך צו איהם! — האָט דער סטאַנאָוואָי א בורטשע געטהאָן און איז אוועק נאָך פערפישקא'ן.

א מערקווירדיג בילד האָט איהם ערוואַרטעט.

אין'ם הינטערשטען צימער פון'ם הויז, א פינסטערען און א פייכטען, איז אויף אַן אָרימער בעט געלעגען טשערטאָפּכאַנאָוו, צוגעדעקט מיט א פערדישער דעקע און מיט א האָאָריגען רעקעל אונטער'ן צוקאָפּענס. דער פּנים איז ביי איהם געווען גרין־געל, ווי ביי א בר מנין, מיט איינגעפאַלענע אויגען אונטער די גלאַנציגע אויגען־לעדלאַך, מיט א פערשפּיצטער, נאָך אַלץ רויטליכער נאָז איבער די צוקודלעטע וואָנצעס.

ער איז געלעגען אָנגעטהאָן אין זיין שטענדיגען קאָזאַקישען קאַפּטען מיט פּאַטראָנעס אויף דער ברוסט און אין בלויע טשערקעסישע הויזען. דאס הויכע היטעל מיט דעם דונקעל־רויטען שפּיץ האָט איהם פערדעקט דעם שטערן ביז די סאַמע ברעמען. אין איין האַנד האָט ער געהאַלטען א יאַגד־נאַגאַיקע, אין דער צווייטער — אַן אויסגענייהט בייטעלע, מאַשאַ'ס לעצטען פּרעזענט. אויפ'ן טיש נעבען דער בעט איז געשטאַנען א לעדיגע כלי פון בראַנפען, און אין די קעפּ, וואס זיינען צוגעשפּילעט געווען צו דער וואַנד מיט שפּילקעס, האָבען זיך געזעהן צוויי אַקוואַרעל געמאָהלעכצען: אין איינעם, ווי ווייט מען האָט זיך געקאָנט אָנשטויסען, איז געווען פאַרגעשטעלט א דיקער מאַן מיט א גיטאַרע אין די הענד — מסתמא נעדאָפּיוסקין; אין דעם צווייטען איז פאַרגעשטעלט געווען א פליהענדיגער רייטער... דאס פערד איז עהנליך געווען צו יענע פערדלאַך, וואס קינדער מאָהלען אויס אויף

די וואַנד און אויף די פּאַרקאַנעס; אָבער די דייטליך אויסגעאַרבייטע
עפּעלס אויף דעם פערד'ס פעל און די פאַטראָנעס אויף דער ברוסט
פון דעם רייטער, די שפּיציגע נעזלאַך פון זיינע שטיוועל און די זעהר
לאַנגע וואָנצעס האָבען קלאָהר אָנגעדייטעט, אַז דאָס דאָזיגע בילד
האָט געזאָלט פאָרשטעלען טשערטאָפּכאַנאָוו'ן רייטענדיג אויף מאַלעק־
אַדעל'ן.

דער צומישטער סטאַנאָוואָי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן.
איבער'ן צימער האָט געשוועבט א טויטע שטילקייט.

— ער איז שוין טויט! — האָט ער א טראַכט געטהאָן און הויך
אויפ'ן קול אויסגערופען:

— פּאַנטעלעי יערעמעאיטש! פּאַנטעלעי יעמעאיטש!

דאַן איז פאָרגעקומען עטוואָס אונגעוועהנליכעס. טשערטאָפּכאַ־
נאָוו'ס אויגען האָבען זיך לאַנגזאַם געעפענט, די פערלאָשענע שוואַרץ־
אַפּלען האָבען זיך א רוק געטהאָן אַפריהער פון רעכטס אויף לינקס,
דערנאָך פון לינקס אויף רעכטס, האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם
סטאַנאָוואָי און איהם דערזעהן... עפּעס האָט א גלאַנץ געטהאָן אין
די דונקעלע ווייסלאַך, עפּעס, עהנליך צו א בליק, האָט אין זיי א לייכט
געטהאָן; די בלוי־געוואָרענע ליפּען האָבען זיך ביסלעכוויז פונאַנ־
דערגעקלעבט און עס האָט זיך דערהערט א הייזעריגער קול, ווי פון
א קבר ארויס:

— דער אַדעליגער פּאַנטעלעי טשערטאָפּכאַנאָוו שטאַרבט; ווער
קאָן עס איהם פערוועהרען? ער איז קיינעם גאָר נישט שולדיג, פער־
לאַנגט גאָר נישט... לאָזט איהם צורוה, מענשען! געהט!

די האַנד מיט דער נאַהאַיקע האָט געפּרובט זיך אויפהויבען...
אומזיסט! די ליפּען האָבען זיך ווידער פערקלעבט, די אויגען האָבען
זיך צוגעמאַכט און ווידער איז טשערטאָפּכאַנאָוו געלעגען, ווי פריהער,
אויף זיין האַרטער בעט, אויסגעצויגען, ווי א קלאָץ, די אָפּזאַצען פון
די שטיוועל פון דער בעט אַרונטערגערוקט.

— לאָז מיר וויסען, ווען ער וועט זיך ענדיגען! — האָט ארויס־
געשעפּצעט דער סטאַנאָוואָי צו פּערפישקאַ'ן, ארויסגעהענדיג פונ'ם
צימער: — און נאָכ'ן גלח, גלויב איך, קאָן מען איצט אויך אַריבער־
געהן. מען מוז די אָרדנונג אָבהיטען, ער זאָל שטאַרבען ווי א קריסט.

אין דעם אייגענעם טאָג האָט פערפישקאַ גערופען דעם גלח, און אויף מאָרגען האָט ער געלאָזט וויסען דעם סטאַנאָוואָי: פאַנטע־לעי יערעמעאיטש איז די פאָריגע נאַכט געשטאָרבען.

ביי זיין לויה האָבען איהם בעגלייט צוויי מענשען: דער קאָ־זאַק'ל פערפישקאַ און משה־לייב, וועלכער, דערהערענדיג, אַז טשער־טאָפּכאַנאָוו איז געשטאָרבען, האָט ניט פערפעהלט, אָפּצוגעבען דעם לעצטען כבוד זיין וואָהלטהעטער.



דער הונד

דער הונד

— אבער, אויב מען זאָל צוגעבען די מעגליכקייט פון איבערנאַ־טירליכע זאכען, די מעגליכקייט, אז די דאָזיגע איבערנאַטירליכקייט, לאָמיר זאָגען, קען זיך ארייננמישען אין אונזער ווירקליכען לעבען — טאָ, ערלויבט מיר צו פרעגען, וואס פאר א ראָלע דארף דאן שפּיעלען דער קלאָרער פערשטאנד? — האט אויסגערופען אנטאָן סטעפּאניטש און צוזאמענגעלייגט די הענד אויפ'ן בויך.

אנטאָן סטעפּאניטש האט געהאט דעם טיטול פון א שטאאטס־ראטה, געדיענט אין עפּעס א מאָדנעם דעפּארטמענט און, ריידענדיג לאנגזאם, שטרענג און מיט א באַס, האט ער ארויסגערופען אכטונג ביי אלעמען. ניט לאנג צוריק האט ער זאָגאר געקריעגען אן אָרדען, וואס זיינע פריינד האבען איהם שטארק מקנא געווען.

— דאס איז זעהר ריכטיג — האט בעמערקט סקוואָרעוויטש.

— וועגען דעם וועט זיך קיינער ניט שפּארען אפילו — האט צו־געזעצט קינאַרעוויטש.

— און איך בין אויך איינפערשטאנדען — האט פון א ווינקעל צוגעבאמקעט מיט א דין קול'כעל דער בעל הבית פון הויז, העררר פינאָ־פּלענטאָוו.

— און איך בין זיך מודה, אז איך קען מיט אייך ניט זיין איינ־פערשטאנדען, ווייל מיט מיר אליין האט פּאסירט עטוואס איבערנאַ־טירליכעס — האט ארויסגערעדט א מאן פון מיטעל וואוקס אין מי־טעלע יאָהרען, מיט א בייכעל און א געזונדען פּליך, וועלכער איז ביז אהער געזעסען שטום הינטער'ן אויווען.

די בליקען פון אלע אנוועזענדע אין צימער, האבען זיך מיט ניי־געריגקייט און פערוואונדערונג געווענדעט צו איהם — און עס איז איינגעטראָטען א שטילקייט.

דער דאָזיגער מאַנספאַרשוין איז געווען א ניט קיין רייכער גוטס־בעזיצער פון קאַלוגע, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק געקומען קיין פּעטערסבורג. ער האָט אַמאָל געדיענט אַלס גוסאַר, האָט פערשפּיעלט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, איז ארוים פון מיליטער און זיך בעזעצט אין דאָרף. די נייעסטע ווירטשאַפטליכע פערענדערונגען האָבען פערקלענערט זיינע איינקינפטע און ער איז אוועק אין שטאָדט אריין זוכען עפּעס א גוטע שטעלע. ער האָט ניט בעזעסען קיין שום פעהיגקייטען און ניט געהאַט קיין שום פערבינדונגען; נור ער האָט שטאַרק געהאָפט אויף דער פריינדשאַפט פון אַן אַלטען פריינד, מיט וועמען ער האָט אַמאָל צוזאַמען געדיענט און וועלכען ער האָט אַמאָל אויך געהאָלפען אָנברעכען די ביינער א געוויסען קאָרטען־שפּיעלער, א שולער. דער דאָזיגער פריינד זיינער איז פּלוצים ארויסגעשפּרונגען און געוואָרען א גרויסער לייט. אויסער דעם האָט ער געהאָפט אויף זיין אייגענעם גליק — און ער האָט זיך טאַקע ניט אָבגענאַרט: אין א פּאָאָר טעג ארום האָט ער געקראָגען א פּלאַץ אַלס אויפזעהער פון די שטאָדטישע מאַגאַזינען, א פּלאַץ א גוטען, זאָגאָר א בכבוד'יגען און וועלכער האָט ניט געפאָדערט קיין בעזונדערע פעהיגקייטען: די מאַגאַזינען אליין האָבען עקזיסטירט בלויז אין די געדאַנקען און עס איז נאָך אפילו בעשטימט ניט געווען בעוואוסט, מיט וואָס מען וועט די דאָזיגע מאַגאַזינען אָנפילען — און אויסגעטראַכט האָט מען זיי בלויז פון קעניגליכער עקאָנאָמיע וועגען.

אַנטאָן סטעפּאַניטש האָט דער ערשטער איבערגעריסען די אַלגעמיינע שטילקייט.

— ווי, גנעדיגער הערר מיינער? — האָט ער אָנגעהויבען — איהר בעהויפּטעט ניט אויף שפּאַס, אַז מיט אייך האָט פּאַסירט עטוואָס איבערנאַטירליכעס — איך מיין: עטוואָס, וואָס קען ניט ערקלעהרט ווערען מיט די געזעצען פון דער נאַטור?

— איך בעהויפּטע — האָט געענטפערט דער „גנעדיגער הערר,” וועמעס ריכטיגער נאָמען איז געווען פּאָרפירי קאַפּיטאָניטש.

— עטוואָס, וואָס שטימט ניט איין מיט די געזעצען פון דער נאַטור! — האָט מיט הארץ ווידערהאָלט אַנטאָן סטעפּאַניטש, וועלכען דיעזע פראַזע איז, ווי עס שיינט, שטאַרק געפעלען.

— גראַדע אזוינס.... יאָ; אָט גראַדע אזוינס, ווי איהר זאָגט.

— דאס איז א וואונדער! ווי דענקט איהר, מיינע הערען? — אנטאָן סטעפּאניטש האט זיך געסטאַרעט צו מאַכען א איראָנישע מינע — אפשר וואָלט איהר, גנעדיגער הערר, זיך בעמיהט — האט ער ווייטער גערעדט, ווענדענדיג זיך צום קאַלוגער גוטסבעזיצער — אונז איבערגעבען די איינצעלהייטען פון אזא מערקווירדיגען צופאל?

— פאַרוואָס ניט? מען קען דאס טהאָן! — האט געענטפערט דער גוטסבעזיצער און זיך צוגערוקט צום מיטען פון צימער, האט ער גענומען דערצעהלען:

—ווי איך איז, וואַהרשיינליך, בעוואוסט, מיינע הערען, און אפשר איז אייך ניט בעוואוסט, אַז אין קאָזעלסקען בעצירק געפינט זיך מיינע א גוט. פריהער האב איך פון איהם ארויסגעצויגען געוויסע נוצען — אבער איצט איז, אויסער אונאַנגענעהמליכקייטען, קען מען פון איהם גאָרנישט ערוואַרטען. נור פּאָליטיק אָן א זייט! נו, אַלזאָ, אין דעם דאָזיגען גוט געפינט זיך א פריץ'אישער הויף, „א קליינטשינקער, א ברעקעלע": פאַראַן א גערטעל, ווי עס פיהרט זיך, א טייכעלע מיט קאָראַשלאַך, א פּאָאַר געביידען, — נו, און א קליין פליגעל פאַר דעם אייגענעם זינדיגען גוף... מען איז דאָך ניט מעהר, ווי א בחור... פּאַסירט א מאָל — מיט א יאָהר זעקס צוריק — איך קעהר זיך אום צו זיך אַהיים שפּעט ביינאַכט: געמאַכט א קערטעל ביי א שכן, אבער גאָרנישט; איך האב זיך מיר אויסגעטהאָן, געלייגט, פערלאָשען די ליכט. און שטעלט זיך פאָר, מיינע הערען: ווי נור איך האָב פאַרלאָשען די ליכט, ערשט ביי מיר אונטער'ן בעט ריהרט זיך עפּעס! טראַכט איך מיר: אודאי א מויז? ניין, ניט קיין מויז: דראַפּעט זיך דאָרטען, גראַבעלט, קראַצט זיך... צום סוף האָט עס גענומען מאַכען מיט די אויערען!

פארשטעהט זיך שוין איצט: דאָס איז א הונד. אָבער פון וואַנען האָט זיך גענומען אַ הונד? אליין האַלט איך ניט; סיידען, טראַכט איך מיר, עס איז אריינגעלאָפען פון ערגעץ־וואו א פרעמדער הונד.

איך האָב א רוף געטהאָן מיין דיענער; פילקא, האָט מען איהם גערופען. איז אריין דער דיענער מיט א ליכטעל.

— וואָס איז דאָס — זאָג איך — ברודער פילקאַ, ביי דיר פאָר א אונאָרדנונג! א הונד איז צו מיר אונטער דער בעט פערקראָכען.

— וואָס — זאָגט ער — פּאַר אַ הונד?

— וואָס ווייס איך? — זאָג איך — דאָס איז דיין עסק ניט צו דערלאָזען קיינעם בעאונרוהיגען דעם פּריץ.

בויגט זיך מיין פילקא איין, נעהמט זוכען מיט דער ליכט אונטער דער בעט.

— אָבער דאָ — זאָגט ער — איז דאָך קיין הונד נישטאָ.

בויג איך זיך אויך איין: טאַקע אמת, נישטאָ קיין הונד — וואָס טהוט זיך דאָ! — גלאָץ איך אויס די אויגען אויף פילקאַ'ן און ער שמייכעלט.

— גולם — זאָג איך צו איהם — וואָס שצירעסט דו מיט די צייהן? דער הונד האָט מסתמא, ווען דו האָסט געעפענט די טהיר גע־נומען און אַ שפּרונג געטהאָן אין פיהר־הויז. און דו פוילענצער, האָסט גאָרנישט בעמערקט, ווייל דו האַלסט אין איין שלאָפען. וואָס דענקסטו זיך, איך בין שיכור, צו וואָס?

ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער איך האָב איהם ארויסגע־טריבען, האָב זיך צוזאַמענגעדרעהט, ווי אַ בייגעל און אין יענער נאַכט האָב איך שוין מעהר גאָרנישט געהערט.

נור אויף דער צווייטער נאַכט — שטעלט זיך פּאָר! — די זעל־ביגע מעשה האָט זיך ווידערהאָלט: ווי נור איך האָב אויסגעלאָשען די ליכט, ווידער אַ דראַפּען אַ קלאַפּען מיט די אויערען. האָב איך ווידער גערופען פילקאַ'ן, ווידער האָט ער געקוקט אונטער דער בעט — ווידער גאָר נישט! האָב איך איהם אוועקגעשיקט און פאַרלאָשען די ליכט — פוי טייפעל! דער הונד איז דאָ. און אַ אמת'ער הונד: עס הערט זיך אַזוי קלאָהר, ווי ער אָטהעמט, ווי ער בעוועגט מיט די צייהן אי־בער'ן פעל, זוכט וואַנצען... אַזוי דייטליך!

— פילקאַ! — זאָג איך — קום אַקאָרשט אריין אָהן אַ ליכט!

— יענער איז אריינגעקומען — נו, וואָס — זאָג איך — הערסטו?

— איך הער! — זאָגט ער.

איהם אליין זעה איך ניט אין דער פינסטער, אָבער פיהלען, פיהל איך, אַז מיין יונג האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען.

— וואָס — פרעג איך — דענקסטו דערפון?

— וואָס זאָל איך דערפון דענקען, פּאַרפירי קאַפּיטאָניטש? דאָס איז אַ בייזע אָנשיקעניש!

— דו — זאָג איך — ביזט אַ נאַרר, שווייג בעסער מיט דיין אָנשיקענעש . . . און דערביי זיינען די שטימען ביי אונז ביידען, עפּעס, ווי פויגעלשע, און עס טרייסעלט אונז, ווי אין אַ קדחת — אין דער פינסטערניש. האָב איך אָנגעצונדען אַ ליכטעל: נישטאָ קיין הונד, קיין שום געראויש — און נאָר איך מיט פילקאַ׳ן — ביידע זיינען מיר וויים, ווי קאַלך. אַזוי האָט דאָס ליכטעל ביי מיר געברענט ביז אין דער פריה. און אַזוי, מיינע העררן, — איהר וועט מיר גלויבען צו ניט — נור פון יענער נאַכט אָן, אין פערלויף פון גאַנצע זעקס וואָכען, האָט זיך די אייגענע געשיכטע מיט מיר ווידערהאָלט יעדע נאַכט. צום סוף בין איך שוין צוגעוואוינט געוואָרען און האָב זאָגאַר די ליכט אויך ניט געלאָזען ברענען, ווייל פאַר פייער שלאָפט זיך מיר ניט. זאָל ער זיך דאָרטען טהאָן, וואָס ער וויל! קיין שלעכטס טהוט ער מיר דאָך ניט.

— ווי איך זעה, זייט איהר נישט פון די שרעקעדיגע — האָט מיט אַ האַלב פערעכטליכען, האַלב לייטזעליגען געלעכטער אויסגערופען אַנטאָן סטעפּאַניטש — מען דערקענט גלייך אַ הוזאַר!

— פאַר אייך וואָלט איך זיך זיכער ניט דערשראָקען — האָט געענטפערט פּאָרפירי קאַפּיטאָניטש און אויף איין אויגענבליק האָט ער ווירקליך אויסגעזעהן, ווי אַ הוזאַר. — נור הערט ווייטער. קומט צו מיר צו פאָהרען איינער אַ שכן, דער זעלביגער, מיט וועמען איך האָב געמאַכט אַ קערטעל. האָט ער אָבגעגעסען ביי מיר מיטאָג, וואָס גאָט האָט געגעבען, געלאָזען ביי מיר אַ רובעל פופציג פאַר׳ן וויזיט; דערווייל איז נאַכט געוואָרען — צייט אַהיים. אָבער איך האָב זיך מיינע רעכענונגען: — בלייב, זאָג איך, ביי מיר נעכטיגען, וואַסילי וואַסיליטש; מאָרגען וועסטו, מיט גאָט׳ס הילף, צוריק אָבגעווינען דיין געלד. האָט אַ טראַכט געטהאָן מיין וואַסילי וואַסיליטש, אַ טראַכט געטהאָן — און איז געבליבען. איך האָב געהייסען אַוועקשטעלען פאַר איהם אַ בעט ביי מיר אין שלאָף־צימער . . . נו, איז, האָבען מיר זיך געלייגט, אַ ווייל גערויכערט, געפּלוידערט — מעהרסטענס וועגען דער ווייבערשער פּאָראָדע, ווי עס פּאַסט זיך פאַר בחורים, האָבען זיך, זעלבסטפערשטענדליך, אַביסעל אָנגעלאַכט; איך זעה; וואַסילי וואַסיליטש האָט פערלאָשען זיין ליכטעל און זיך אומגעקעהרט צו מיר מיט׳ן רוקען; ווי איינער זאָגט: „שלאָפען זי וואָהל". איך האָב

אפגעוואָרט א וויילינקע און אויך פערלאָשען די ליכט. און שטעלט זיך פאַר: איך האָב נאָך ניט בעוויזען א טראַכט צו טהאָן, אז איצט, הייסט עס, וועט ווערען לעבעדיג! ערשט מיין הינטעל האָט שוין גענוד־מען אָנגעבען. און אַלץ הייסט אָנגעבען: איז ארויסגעקראָכען פון אונטער דער בעט, איז אוועק איבער'ן גאַנצען צימער, קלאַפּט מיט די נעגעל איבער'ן פּאָדלאָגע, מאַכט מיט די אויערען און פלוצים גיט ער גאָר א שטויס דעם שטול, וואָס שטעהט נעבען וואַסילי'ס בעט!

— פּאָרפירי קאַפּיטאָניטש — זאָגט יענער, און זאָגען זאָגט ער עס מיט אזא גלייכגילטיגען קול: — איך האָב גאַרנישט געוואוסט, אז דו האָסט זיך פערשאַפט א הונד. וואָס איז דאָס עפּעס א גוטער הונד, וואָס?

— ביי מיר — זאָג איך — איז קיין הונד נישטאָ און איז קיין מאָל ניט געווען!

— וואָס הייסט נישטאָ? און וואָס איז דאָס?

— דאָס איז? — זאָג איך: — אַט, צינד אָן א ליכט וועסטו אליין זעהן.

— דאָס איז ניט קיין הונד?

— ניין.

וואַסילי וואַסיליטש האָט זיך אומגעקעהרט אין בעט.

— דו מאַכסט שפּאַס, טייפעל?

— ניין, איך שפּאַס ניט. — זאָג איך און הער, ווי ער: צשירק, צשירק, מיט א שוועבעלע, און יענער, יענער שווייגט ניט, קראַצט זיך מיט א גערויש א זייט... עס האָט זיך אָנגעצונדען א פייערל... און באַסטאַ! אפילו קיין סימן נישטאָ!

קוקט אויף מיר וואַסילי וואַסיליטש און איך קוק אויף איהם.

— וואָס — זאָגט ער — איז דאָס פאַר א פּאָקוס?

— דאָס זאָג איך — איז אזא מין סאָרט קונץ, וואָס כאָטש זעץ אוועק פון איין זייט סאָקראַט'ן אליין, און פון דער אנדער זייט פרידריך דעם גרויסען, וועלען זיי אפילו, אויך גאַרנישט פערשטעהן. — און דערביי האָב איך דערצעהלט אַלעס מיט אַלע אייניצעלהייטען. ערשט מיין וואַסילי וואַסיליטש טהוט א שפּרונג אויף! ווי אָן אָבגע־ברענטער!

— די פערד! — שרייט ער — גלייך די פערד!

האָב איך איהם גענומען בעטען, איינריידען, עס העלפט גאָר־נישט! יענער וויל אפילו ניט הערען!

— איך וועל דאָ ניט בלייבען — שרייט ער — קיין איין מינוט! דו, הייסט עס, האָסט צו טהאָן מיט ניט גוטע, ביזט אַ פערשאָלטענער מענש! די פערד!...

דאָך האָב איך איהם ווי עס איז איינגעבראָכען. בלויז זיין בעט האָט מען אריבערגעשלעפּט אין אַן אַנדער צימער — און אומעדום האָט מען אָנגעצונדען נאַכט לעמפּלאָך.

אין דער פריה, ביים טהעע איז ער געקומען אביסעל צו זיך; גע־נומען מיר געבען עצות.

— דו — זאָגט ער — פּאַרפירי קאַפּיטאָניטש, וואָלסט פּרובען אויף עטליכע טעג אַוועקפאָהרען פון דער היים: אפשר וואָלט דאָס אָנשיקעניש פון דיר אָבגעשטאַנען. — און איהר מעגט וויסען, אז אַ מענש איז מיין שכן געווען, גאָר אַ קלוגער, מיט אַ גרויסען פערשטאַנד! די שוויגער זיינע, האט ער אזוי קונציג בעאַרבייט, אז איינפּאָך אויפ'ן וואונדער: האָט איהר אונטערגערוקט אַ וועקסעל, עס הייסט, ער האָט אויסגעקליבען אַ ריכטיגע שעה... און זי איז געוואָרען גאָר אַ זיידע־נע: האָט איהם געזעגנט איבערגעגעבען די פערוואַלטונג פון איהר גאַנצען גוט — דאַרף מען מעהר? און דאָס איז דאָך עפּעס ניט קיין קלייניגקייט — אַ שוויגער אַזוי איינבייסען — אה? ווי זאָגט איהר? דאָך, אַוועקגעפאָהרען איז ער פון מיר אביסעל אונצופריעדען; איך האָב ביי איהם ווידער געוואונען אַ רובעל הונדערט. ער האָט מיך זאָגאָר אויסגעזידעלט. איך בין ניט דאַנקבאַר, איך האָב ניט קיין גע־פיהלען — האָט ער געזאָגט: אָבער וואָס בין איך דאָ שולדיג? נו, מילא דאָס איז זיך אַ בעזונדערע זאַך — אָבער זיין עצה האָב איך גע־פאָלגט: אין דעם זעלבען טאָג בין איך אַוועק אין שטאָדט און זיך בעזעצט אין אַ איינפאָהר־הויז ביי אַ בעקאַנטען אַלטען מאַן פון די ראַסקאָל'ניקעס. אַ בכבוד'איגער אַלטיטשקער איז דאס געווען, כאָטש אביסעלע צו הארט צוליעב זיין איינזאַמקייט: די גאַנצע פאַמיליע איז ביי איהם אויסגעשטאָרבען. טאַבאַק האָט ער פיינט געהאַט און צו הינט האָט ער געפיהלט אַ גרויסען עקעל; דאַכט זיך, אז איידער אריינלאָזען אַ הונט צו זיך אין שטוב אריין, וואָלט ער זיך אליין בע־סער אויף צווייען צוריסען! ווייל — זאָגט ער — ווי קען דאָס גאָר

געמאָלט זיין! דאָ, ביי מיר אין צימער, אויפ'ן וואַנט געפינט זיך די היילינע מאַמע אליין, און דאָ, דערביי וועט א פערפלוכטער כלב זיין אונריינעם פיסק אויסשטעלען. עס פערשטעהט זיך — די אונוויסענ־הייט, און אייגענטליך איז מיין מיינונג אזא: יעדער האָט זיך זיין אייגענעם שכל און דארף זיך לעבען, ווי ער פערשטעהט!

— ווי איך זעה, זייט איהר גאָר א גרויסער פילאָזאָף — האָט איהם נאָך אמאָל מיט דעם זעלבען אָבלאַכענדיגען שמייכעל אונ־טערבראָכען אַנטאָן סטעפּאַניטש.

דיעזען מאָל האָט פּאָרפירי קאַפּיטאָניטש זיך זאָגאַר אָנגעכמור־רעט.

— וואָס פאַר א פילאָזאָף איך בין — איז נאָך ניט בעוואוסט — האָט ער ארויסגערעדט און בייז א דרעה געטהאָן מיט די וואָנצעס — נור אייך וואָלט איך גערן געגומען אויף דער לעהרע.

מיר האָבען זיך אַלע איינגעגעסען מיט די אויגען אין אַנטאָן סטעפּאַניטש'ן: יעדער פון אונז האָט ערוואַרטעט א שטאָלצען ענט־פער אָדער כאָטש א פערניכטענדען בליק... אָבער דער הערר שטאַטס־ראַטה האָט נור אומגעביטען זיין אָבלאַכענדיגען שמייכעל אויף א פער־עכטליכען, דערנאָך א געגעץ געטהאָן, א מאַך געטהאָן מיט דער פיסעל — און גאָר!

— אָט, ביי דעם דאָזיגען אַלטעטשקען האָב איך זיך באַזעצט — האָט ווייטער דערצעהלט פּאָרפירי קאַפּיטאָניטש — א צימער האָט ער מיר אָבגעגעבען, פון בעקאַנטשאַפט וועגען, ניט פון די בעסטע; אליין איז ער געשלאָפען דאָ, דערביי הינטער דער וועגטעל — און דאָס איז מיר געוועזן, ווי געוואונשען אָבער האָב איך דאָן אויף זיך גענומען א פּע־קעל צרות! דאָס צימערעל א קליינס, א היץ, אַ שטיקעניש, פליעגען אָהן א שיער, און דערצו נאָך אַזעלכע קלעפּעדיגע; אין ווינקעל הענגען פּאַרצייטיגע היילינע־בילדער; די פריסטערשע קליידער אויף זיי זייי־נען דונקעלע און אָנגעבלאָזענע; עס שמעקט מיט אויל און נאָך עפּעס א מאַכעריי; אויפ'ן בעט ליגען צוויי פּערענעס; גיסט א ריהר די קישען, בעווייזען זיך פון אונטער איהר פרייסען און נעהמען לויי־פען... פון לאַנגווייליגקייט האָב איך זיך אָנגעטרונקען מיט טהעע וויפיעל עס איז נור אין מיר אריין — קוים זיך געקענט ריהרען! איך האָב זיך געלייגט; שלאָפען איז אונמעגליך — הינטער'ן וועגטעל

ליעגט דער בעל הבית, זיפצט, אָכצט, זאָגט תפילות. נור דאָך איז ער צום סוף אנשוויגען געוואָרען. איך הער: ער האָט אָנגעהויבען כראָפּען — אָט אזוי ביסלאַך וויז, אויף דעם אַלטען שטייגער, העפּ־ליך אזוי. דאָס ליכט האָב איך שוין לאַנג אויסגעלאָשען — נור דאָס לעמפּעל פאר די הייליגע ברענט נאָך... אַ שטערונג, הייסט עס! נעהם איך מיר שטילינקערהייד, שטעה אויף, קריך אראָב אַ באָרפוסער: רוק זיך צו צום לעמפּעלע און טהו אַ בלאָז אויף איהם... גאָרנישט. שטיל. אהאַ! — טראַכט איך: הפּנים אין דער פרעמד האָט עס קיין שליטה ניט... אָבער ווי נור איך האָב זיך געלייגט אין בעט — איז גלייך געוואָרען אַ מהומה! ער גראַבעלט שוין ווידער און קראַצט זיך, און קלאַפּט מיט די אויערען... אָט אזוי, ווי עס בעדאַרף צו זיין! גוט. לייג איך מיר און וואַרט, וואָס וועט דאָ זיין? הער איך, דער אַלטער כאַפּט זיך אויף.

— פריץ — זאָגט ער — הער פריץ!

— וואָס איז?

— דאָס האָסטו דעם לעמפּעל אויסגעלאָשען? — און ניט דער־וואַרט זיך אויף מיין ענטפער, האָט ער פּלוצים גענומען געוואַלדע־ווען — וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? אַ הונד? אַ הונד! אַך, דו, גאָט'ס לעסטערער פערפלוכטער!

— וואַרט אוים — זאָג איך — אַלטער, אייל זיך ניט צו זידלען... דו בעסער קום אריין אהער. דאָ — זאָג איך — געשעהן זאַכען, וואָס זיינען אַן אמת'ער וואונדער.

האָט זיך דער אַלטער אַרומגעדרעהט אַ ווײַלע הינטער דער ווענ־טעל און איז אריין צו מיר מיט אַ דינינקע, דינינקע ליכטעל פון גע־לען וואקס; און איך האָב זיך פערוואונדערט אויף איהם קוקענדיג! אַליין אין גאַנצען אַ בעוואַקסענער, אויערען האָאָריגע, אויגען בייזע, ווי ביי אַ חיה, אויף'ן קאָפּ אַ היטעלע אַ ווייסע, אַ פילצענע. אַ באָרד ביז'ן גאַרטעל, אויך אַ ווייסע, און אַ וועסט מיט מעשענע קנעפּ, און אויף די פיס פוטערנע שטיוועל — און עס שמעקט פון איהם עפּעס אַ מאָדנער גערוך. אזוי אָנגעטהאָן, איז ער צוגעגאַנגען צו די הייליגע בילדער, האָט זיך איבערגע'צלם'ט דריי מאָל, אָנגעצונדען דעם לעמפּעל, ווידער איבערגע'צלם'ט זיך — און אומגעקעהרט זיך צו מיר, האָט ער נור אַ הוקע געטהאָן: ערקלעהר, הייסט עס!

דאָ האָב איך איהם גלייך אויפ'ן אָרט אַלעס גענוי דערצעהלט. האָט ער אויסגעהערט מיין גאַנצע ערקלעהרונג, דער אַלטער און זאָל כאָטש זאָגען א וואָרט: שאָקעלט נור מיט דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט צו מיר אויפ'ן בעט — און שווייגט. קראַצט זיך די ברוסט, דעם נאַקען וכדומה — און שווייגט.

— וואָס זשע דענקסטו, פעדול איוואַניטש — מאַך איך — איז דאָס טאַקע עפּעס א אָנשיקעניש, וואָס?

דער אַלטער האָט אויף מיר א קוק געטהאָן.

וואָס האָסטו אויסגעטראַכט? א אָנשיקעניש! האָסט געזעהן אביסעל? מילא, ביי דיר אין דער היים, אזא הולטיי, ווי דו ביזט — אָבער דאָ! דו בעגרייף נור: דאָ געפינען זיך דאָך הייליגקייטען! אַן אָנשיקעניש האָט זיך איהם פערוואָלט!...

— אויב דאָס איז ניט קיין אָנשיקעניש פון ניט גוטע, הייסט וואָס־זשע דען איז דאָס?

דער אַלטער האָט ווידער געשוויגען, האָט זיך ווידער געקראַצט, און צום סוף, געזאָגט, אָבער אזוי הייזעריג, ווייל די וואָנצעס זיינען איהם אין מויל געקראָכען:

— דו פאָהר אוועק אין דער שטאָדט ביעלעוו. אויסער איין מענשען, קען דיר קיינער ניט העלפען. און דער דאָזיגער מענש וואָהנט אין ביעלעוו: ער איז פון אונזערע. וועט ער דיר וועלען העלפען — איז דיין גליק; וועט ער ניט וועלען — איז פאַרפאַלען.

— און ווי אזוי קען איך איהם געפינען, דעם דאָזיגען מענשען? — זאָג איך.

— אין דעם קענען מיר דיר שוין העלפען — זאָגט ער — אָבער קיין אָנשיקעניש איז דאָס געווים ניט! דאָס איז עפּעס א צייכען אָדער א אָנזאָג; אָבער דו וועסט עס ניט בעגרייפען: ניט פאַר דיין שכל. לייג זיך אַקאָרשט, אַצינדערט, שלאָפען; איך וועל אויסרויבערען מיט ווייהרויך; אין דער פריה וועלען מיר וועגען דעם איבערשמועסען. דער פריהמאָרגען, ווייסטו, איז קליגער פון דער נאַכט.

נו, אזוי איז געווען, אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען מיר וועגען דעם געשמועסט — נור פון זיין ווייהרויך בין איך שיער ניט דערשטיקט געוואָרען. און דער אַלטער האָט מיר געהייסען אזוי טהאָן: קומענדיג אין ביעלעוו זאָל איך געהן אויפ'ן סקווער און אין דער

צווייטער קראַם פון דער רעכטער זייט זאָל איך פרעגען אויף אַ געוויסען פּראַכאַריטש'ן, און אויסגעפינען דעם דאָזיגען פּראַכאַריטש'ען, זאָל איך איהם איבערגעבען אַ צעטעלע. און דער גאַנצער צעטעלע איז בעשטאַנען פון אַ קליין שטיקעל פּאַפּיר, אויף וועלכער עס איז געווען געשריעבען פאָלגענדעס: „אין נאָמען פון פאָטער און זוהן און הייליגען גייסט. אמן. צו סערגעי פּראָכאָראָוויטש פּערוואושין. גלויב אין דעם. פעאָדולי איוואַנאָוויטש.” און אונטען: „קרויט שיק. פאַר גאָט.”

איך האָב בעדאַנקט דעם אַלטען און אָהן אַלע ווייטערדיגע טענות געהייסען שפּאַנען די פערד און בין אוועק קיין ביעלעוו. איך האָב מיר אַזוי געטראַכט: „כאָטש, פון מיין בייגאַכטיגען בעזוכער האָב איך אפילו קיין גרויסע צרות ניט, פון דעסטוועגען איז עס פאָרט מורא'דיג און, שליסליך, איז עס ניט גאָר אנשטענדיג פאַר אַן אדעליגען און אָפיציער. ווי מיינט איהר?

— און שוין־זשע זייט איהר טאַקע געפאָהרען אין ביעלעוו? — האָט ארויסגעמורמעלט העררּ פינאָפּליענטאָוו.

— גלייך אין ביעלעוו. בין אוועק אויפ'ן סקווער, געפרעגט. אין דער צווייטער קראָם רעכטס אויף פּראָכאָריטש'ן.

— איז פאַראַן — פרעג איך — אַזאַ מענש?

— פאַראַן — ענטפערט מען.

— און וואו וואוינט ער?

— אויף אָקע, הינטער די גאָרטענס.

— אין וועמעס הויז?

— אין זיין אייגענעם.

— בין איך אוועק אויף אָקע, אויסגעזוכט זיין הויז, דאָס הייסט, אייגענטליך, ניט קיין הויז, נור אַ קאָנורע. זעה איך: אַ מענש אין אַ בלויי קאַפּטעל פול לאַטעס און אין אַ צעריסען קאַרטוזעל, אַ קליין־בירגער אויפ'ן אויסזעהן, שטעהט צו מיר מיט'ן רוקען און גריבעלט זיך ארום די קרויט. איך בין צו איהם צוגעגאַנגען.

— איהר זייט עס דער און דער? — ער האָט זיך אומגעקעהרט — און איך מוז זאָגען דעם אמת, אַזעלכע דורכדרינגענדע אויגען האָב איך נאָך זייט איך לעב ניט געזעהן. דאָס גאַנץ פּנים'ל, ווי אַ קולאַק

די גרויס, א בערדעל א שפּיציגעס און די ליפּען איינגעפאַלען: אַן אַלטער מענש.

— איך בין דאס דער און דער — זאָגט ער — וואס דאַרפט איהר?

— אַט וואס איך דאַרף — זאָג איך און שפּאַר איהם אריין דעם צעטעל אין האַנד.

ער האט אויף מיר א קוק געטהאָן, אבער אזוי שאַרף, און זאָגט:

— קומט, זייט זיך מטריח, צו מיר אין צימער, איך קען אָהן ברילען ניט לעזען.

נו, זיינען מיר אוועק מיט איהם אין זיין קעמערל — איז דאס אַן אמת'ע לאָך: אָרעם, נאַקעט, קרום; א וואונדער, אז עס האַלט זיך. אויפ'ן וואַנט אַן אַלט־פּריינקיש הייליגען בילד, שוואַרץ ווי קויל: נור די ווייסלאַך פון די אויגען זעהן זיך אָן און בלישצען. ער האט ארויסגענומען פון טישעל אייזערנע, קיילעכדיגע ברילען, זיי אָנגעטהאָן אויף דער נאָז, איבערגעלעזען דאס צעטעלע, און איבער די ברילען ווידער אויף מיר א קוק געטהאָן.

— איהר דאַרפט מיך עפּעס האבען?

— יאָ, איך דאַרף.

— נו, אויב איהר דאַרפט, טאָ רעדט, און מיר וועלען זיך צור־הערען.

און שטעלט אייך פאָר: אליין האט ער זיך געזעצט, און א טיכעל, א קעסטעלדיגען, פון קעשענע ארויסגענומען און ביי זיך אויף די קניע אויסגעשפּרייט — און דאס טיכעל איז א לאָך אויף א לאָך — און קוקט אויף מיר אזוי וויכטיג, אזוי וואזשנע, אם ווייניגסטען, ווי א סענאַטאָר אדער א מיניסטער, און בעט מיר ניט זיצען. און וואס איז נאָך מעהר וואונדער: איך פיהל פּלוצים, אז איך שרעק זיך, שרעק זיך אזוי.... אז די נשמה גֶעהט מיר אוים. ער שטעכט מיך דורך מיט די אויגען און גאָר! דאָך בין איך געקומען אביסעל צו זיך און איהם דערצעהלט מיין גאַנצע געשיכטע. ער האט א ווילע געשוויגען, א קיי געטהאָן מיט די ליפּען און גענומען מיך אויספרעגען מיט אזא מין גרויסקייט, ניט געאיילט, ווידער ווי א סענאַטאָר. פרעגט מיין נאָמען, די יאָהרען? ווער זיינען געווען די קרובים? צו א בחור, צו א פערהייראַטער? דערנאָך האט ער ווידער גענומען סמאָקטשען מיט

די ליפּען, האָט זיך אָנגעכמורעט, אויסגעשטעלט א פינגער און זאָגט:
— פאַר דעם הייליגען בילד פון די הייליגע פּריסטער זאַסים און סאַוואַטי זאָלט איהר זיך בוקען.

איך האָב זיך דערנייגט ביז דר׳ערד און ליעג, הייב זיך גאָרניט אויף; אַזאַ שרעק, אַזאַ אונטערטהעניגקייט פיהל איך אין זיך צו דעם דאָזיגען מענשען, און עס דאַכט זיך מיר, אז וואס ער זאָל מיר ניט בעפעהלען, וועל איך גלייך, די אייגענע מינוט, איהם פאָלגען!... אָט איהר, מיינע הערען, שמייכעלט זיך אונטער און מיר איז דאָן גאָרניט געוועזען צום לאַכען, אויף מיין וואָרט.

— שטעהט אויף, הערר — האָט ער צום סוף ארויסגערעדט — מען קען אייך העלפען. דאס איז אייך ניט אלס שטראָף געשיקט געוואָרען, נור אלס וואָרנונג. דאס הייסט, אז אימיצער מיהעט זיך דאָרט פאַר אייך; זאָגט תפלה פאַר אייך. געהט איהר איצט אויף דעם מאַרק אוועק און קויפט זיך א הינטעל, וועלכען איהר זאָלט שטענדיג האַלטען נעבען זיך — בייטאָג און ביינאַכט. אייערע בייזע חלומות וועלען אויפהערען און, אויסער דעם, וועט אייך דער הונד אמאָל צוניץ קומען.

מיר איז גלייך ליכטיג געוואָרען אין קאָפּ, אַזוי שטאַרק זיינען מיר זיינע ווערטער געפעלען! איך האָב זיך פערנייגט פאַר פּראָכאָריטש׳ען און שוין געהאט געוואָלט אוועקגעהן, אבער דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אז מען מוז דאָך איהם אָבדאַנקען: האָב איך ארויסגענומען פון קעשענע א דריי־רובעלדיגע. ער האָט אבער מיין האַנד אָבגעשטופּט פון זיך און זאָגט צו מיר: „גיט אוועק — זאָגט ער — דאס געלד אויף אונזער קלויסטער אָדער אָרעמע לייט, איך נעהם פאַר א טובה קיין געלד ניט.״ איך האָב זיך פאַר איהם פערנייגט נידעריג, נידעריג — און גלייך מאַרש אויפ׳ן מאַרק! און שטעלט זיך פאָר: איך נעהם נור־וואָס צוגעהן צו די קראָמען — ערשט מיר אַנטקעגען קריכט עפּעס אַן אַלטע שינעל און אונטער׳ן פּאַכווע טראָגט ער א קליין הינטעל, א מאַנאַטען צוויי אַלט, מיט א ברוינער פעל, ווייסע ליפּען און ווייסע פאָדערשטע לאַפּקעס.

— שטעה! — זאָג איך צום שינעל — וויפיעל ווילסטו פאַר דעם הינטעל?

— צוויי רובעל.

— נעהם דריי ! — זאָג איך.

יענער האט זיך פערוואונדערט. דער פריץ איז, הפנים, משוגע געוואָרען, טראַכט ער זיך — אבער איך שטופּ איהם אריין די דריי־רובעלדיגע אין די ציינער, כאַפּ דעם הינטעל אין ביידע הענד און גלייך אין קאַוויטש אריין ! דער קוטשער האט גלייך איינגעשפּאַנט די פערד, און נאָך אין דעמזעלבען אָבענד בין איך געווען אין דערהיים. דער הינטעל איז די גאַנצע וועג געלעגען ביי מיר אונטער'ן בוזעם — און זאָל ער כאָטש א פּיפּס טהאָן : און איך רייד אַלץ צו איהם : טרעזאָ־רושקא ! טרעזאָרושקא !

געקומען אהיים, האב איך איהם גלייך אָנגעקאָרמעט, געגעבען טרינקען, געהייסען ברייננגען שטרוי, איהם אוועקגעלייגט, און אליין גלייך אין בעט אריין !

געטהאָן א בלאָז אויס דאס ליכטעל : עס איז געוואָרען א פינ־סטערניש. נו, זאָג איך צו מיינעם אונטער'ן בעט, הייב אָן ! שווייגט ער. הייב שוין אָן, זאָג איך, דו אַזעלכע און אזעלכע ! אבער עס ריהרט זיך ניט פון אָרט. איך בין ביי זיך געוואָרען גאַנץ תקיף. טאָ, הייב־זשע אָן אמאָל, נו, דו אזוינע און אזוינע און... אבער עס הייבט זיך גאָר ניט אָן, שטיל — און שאַבאַש ! עס הערט זיך נור, ווי דאס קליין הינטעל סאָפּעט.

— פילקא ! — שריי איך — פילקא ! קום אהער, נארישער מענש דו ! — יענער איז אריינגעקומען. — הערסטו דעם הונד ?

— ניין, פריץ — זאָגט ער — איך הער ניט — און דערביי שטעהט ער און לאַכט.

— און דו וועסט איהם שוין מעהר ניט הערען — זאָג איך — קיין מאָל ניט ! אָט האָסטו א האַלבען רובעל אויף בראַנפען !

— גיט מיר אייער הענטעל — מאַכט דער שוטה און קריכט אין דער פינסטער מיך קושען...

אונזער שמחה איז געווען גרויס, אָהן א שיעור.

— און אזוי האט זיך אַלעס געענדיגט ? — האט געפרעגט אַנ־טאָן סטעפּאַניטש שוין אָהן איראָניע.

— די בייזע חלומות האבען זיך טאַקע געענדיגט און קיין זאַך האט מיך שוין מעהר ניט בעאונרוהיגט — אבער וואַרט אויס, די גאַנצע מעשה האט זיך נאָך ניט געענדיגט. מיין טרעזאָרושקא האט

גענומען וואַקסען און פון איהם איז ארויסגעקומען א געראַטענע שטי־קעל סחורה. א שווערער, מיט א שווערען עק, מיט לאַנגע, אראָבגעהאַנ־גענע אויערען, א חברה־מאַן, א וואונדער. מיט איין וואָרט, א הונד אַן אַנטיקעל. און אויסער דעם, האט ער זיך צו מיר זעהר שטאַרק צו־געבונדען. צו געהן אויף געיעג איז אין אונזערע מקומות גאָרנישט ווערטה — נור דאָך, אַז איך האב זיך שוין איינגעשאַפּט א הונד — האב איך שוין געמוזט קריעגען א ביקס אויך. און איך האב זיך גענו־מען מיט מיין טרעזאָר'ן ארומשלעפּען אין דער אומגעגענד: אַמאָל טרעפט, דו פאַצאַפּעסט א האָז (און מיין גאָט, ווי מיינער האט זיך דאס געיאָגט נאָך די האָזען), און אַמאָל א וואַכטעל־פויגעל אדער אַן ענטעל. אבער די הויפּטזאַך: טרעזאָר טרעט פון מיר ניט אָב אויף קיין איין טריט. וואו איך — דאָרט איז ער; אפילו אין באָד האב איך איהם אויך מיט זיך געפיהרט — אויף מיין וואָרט! איינע, א פּריצטע האט מיר אַמאָל געהייסען ארויספיהרען פון איהר גאַסטצי־מער צוליעב דעמזעלביגען טרעזאָר, אבער איך האב דאָרט געמאַכט אַזאַ ליאַרעם: אַלע שויבען האב איך איהר צובראָכען! טרעפט אַמאָל, דאס איז געווען זומער צייט.... און, זאָגען מוז איך אייך, עס איז דאַן געווען אַזאַ טרוקענעש, אז קיינער גערענקט גאָר ניט אַזוינס; די לופט איז פול צו מיט רויך, צו מיט נעבעל, עס שמעקט מיט פער־ברענטעס, א טומאַן, די זונן ברענט פלאַם־פייער, אין שטוב — כאָטש הער ניט אויף צו ניסען! מענשען געהען ארום מיט אָפענע מיילער, ווי די וואָראָנעס. איז מיר מיאוס געוואָרען צו זיצען אַזוי אין דער־היים, אין גאַנצען נעגליזשע, הינטער פערמאַכטע לאָדענס; גראדע האט די היץ אויף גענומען נאָכלאָזען.... און איך בין אוועק, מיינע הערערען, צו איינער, מיינער א בעקאַנטער שכנה. געוואוינט האט די דאָזיגע שכנה א וויאָרסט פון מיר און געווען איז זי אַן אמת וואָהל־טהעטיגע דאַמע. נאָך גאָר א יונגע, אין די סאַמע בליהענדע יאָהרען, און א גאַנץ צוציהענדע מיט איהר אויסזעהן; נור א כאראַקטער האט זי געהאַט ניט קיין פעסטגעשטעלטען. אבער ביי ווייבער איז דאס ניט קיין חסרון; אדרבה, דאס פערשאַפּט נאָך פערגעניגען... אָט האב איך זיך שוין דערשלעפּט צו איהר גאַנעקל — און מיט גאָל איז מיר אָנגעקומען די רייזע! נו, טראַכט איך מיר, דערפאַר וועט נימ־פאָדאָרא סעמיאָנאָוונא מיך איצט מכבד זיין מיט ברוסניצע־וואַסער,

און מיט נאָך אזוינע קאַלטע מאכלים — און איך האב זיך שוין גענומען פאר'ן הענטעל פון טהיר, ערשט פּלוצים, האט זיך פון דעם ווינקעל, וואו עס געפינט זיך די שטוב פאר די דיענער, אויפגעהויבען א טומעל, א ליארעם, קוויטשען, א געשריי פון אינגלאָך — איך קוק זיך ארום. גאָטוניו, פּאָטערל! גלייך אויף מיר טראָגט זיך א גרויסע, געלע חיה, וועלכע איך האב אין דער ערשטער מינוט גאָרניט אָנגענומען פאר קיין הונד; אַן אָפענער פּיסק, ווילדע, מיט בלוט פערלאָפענע אויגען, די האָאר שטעהען דיבאָם.... איך האב ניט בעוויזען אָבצוציהען דעם אָטהעם, ווי די דאָזיגע חיה רעה איז ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן גאַנעק, האט זיך אויפגעהויבען אויף די הינטערשטע לאַפּעם און גלייך צו מיר אויף דער ברוסט... וואס זאָגט איהר צו אזא לאַגע? איך בין א פערשטאָרבענער געוואָרען פאר שרעק, און קען ניט ריהרען מיט א האַנד, בין אין גאַנצען צומישט געוואָרען... איך זעה נור מורא'דיגע ווייסע צייהן פאר מיין סאַמע נאָז, א רויטע צונג, אין גאַנצען אין שוים. אבער אין דעמזעלבען מאָמענט האט אַן אַנדער דונקעלער קערפּער זיך א וואָרף געטהאָן פאר מיר, ווי א פּילקע — דאס האט מיין טייבעלע, מיין טרעזאָר זיך פאר מיר אָנגענומען; און ווי א פּיאַווקע זיך איינגעגעסען אין יענער חיה רעה אין האַלז אריין! יענער האט גענומען כריפּען, סקריען מיט די צייהן, איז אָבגעשפּרונגען צוריק... איך האב א ריס געטהאָן די טהיר און אריינגעלאָפען אין פּירהויז. איך שטעה, ניט טויט, ניט לעבעדיג, מיט'ן גאַנצען קערפּער אָנגעלייגט אויפ'ן טהיר, און אויפ'ן גאַנעק, הער איך, קומט פאָר א פערצווייפעלטע מלחמה. איך האב גענומען שרייען, רופען צו הילף; אלע אין הויז זיינען געוואָרען צורודערט. נימפאָדאָראַ סעמיאָנאָווגאַ איז געקומען צולויפען מיט צופּלאָכטענע צעפּ; אויפ'ן הויף האט זיך געטומעלט — און פּלוצים האט זיך דערהערט: „האַלט, האַלט, פערשפּאַר די טויערען!" איך האב געעפענט די טהיר — א קליין ביסעלע — קוק ארויס: די חיה רעה איז שוין אויפ'ן גאַנעק נישטאָ, מענשען פליהען ארום אין אונאָרדנונג איבער'ן הויף; מאַכען מיט די הענד, כאַפּען פון דר'ערד שייטלאָך האָלץ — אָט אזוי ווי איהר זעהט פערריקטע. „אין דאָרף! אין דאָרף אַנטלאָפען!" קוויטשעט עפּעס אַן אַלטע, ארויסרוקענדיג דעם קאָפּ פון א פענסטער. איך בין ארויס פון הויז — א קוק טהאָן, וואו איז מיין טרעזאָר? — און

דאָ האב איך גלייך דערזעהן מיין רעטער. ער איז געגאנגען פון די טויערען, א הינקעדיגער, אין גאנצען צוביסען, פערבלוטיגט...

— אבער וואס טהוט זיך דאָ, וואס איז דאָ אזוינס? — פרעג איך ביי די מענשען, און זיי דרעהען זיך ארום איבער'ן הויף, ווי משוגעים.

— א משוגענער הונד! — ענטפערט מען מיר — דעם גראף'ס א הונד; פון נעכטען אָן טראָגט ער זיך דאָ ארום.

ביי אונז איז געווען א שכן, א גראף. יענער האט אָנגעבראכט א ים הינד, מורא'דיגע, שרעקליכע. די הויט האט אויף מיר גענומען ציטערען; איך האב זיך א וואָרף געטהאָן צום שפיעגעל, זעהן, צו בין איך ניט צוביסען? ניין, גאָט צו דאנקען, מען זעהט גאָרנישט; נור דאס פנים מיינס איז, נאטירליך, גרין, ווי גראָז; און נימפאָדאָרא סעמיאָנאָווגא ליעגט אויף דער זאָפע און קוואָקטשעט, ווי א הוהן. נו, עס פערשטעהט זיך: ערשטענס, די נערוועז, און, צווייטענס, די געפיהלעכצען. נור, דאָך, איז זי געקומען צו זיך און פרעגט מיך: צו איך לעב נאָך? איך ענטפער, אז איך לעב און טרעזאָר איז מיין רעטער.

— אָך — זאָגט זי — וואס פאר א גרויסמוטהיגקייט! און דער משוגענער הונד האט איהם אודאי דערוואָרגען?

— ניין — זאָג איך — ניט דערוואָרגען, נור שווער פער־וואונדעט.

— אָך — זאָגט זי — אויב אזוי, דארף מען איהם די מינוט דערשיסען!

— נו, דאס וועל איך ניט דערלאָזען — זאָג איך — איך וועל פריהער פרובען איהם אויסהיילען...

אין דערזעלבער צייט האט טרעזאָר זיך גענומען גראבלען אין טהיר. איך האב געהאט גענומען געהן איהם עפענען.

— אָך — שרייט זי — וואס טהוט איהר? ער וועט דאָך אונז אלעמען צובייסען!

— וואס רעדט איהר? — זאָג איך — דער גיפט ווירקט ניט אזוי שנעל.

— אָך — זאָגט זי — ווי איז דאס מעגליך! איהר זייט משוגע געוואָרען!

— נימפאַטשקאַ — זאָג איך — בערוהיג זיך, גיב א טראַכט... ערשט מיינע טהוט פּלוצים א געשריי:

— געהט אוועק, געהט גלייך אוועק מיט אייער העסליכען הונד!

— נו, וועל איך אוועקגעהן — זאָג איך.

— גלייך — זאָגט זי — די מינוט! אוועק פון דאַנען! — זאָגט זי — מערדער, און זאָלסט זיך מעהר ניט דערוועגען ווייזען אויף מיינע אויגען! דו קענסט נאָך אליין משוגע ווערען!

— זעהר גוט — זאָג איך — נור גיט מיר א קאַוטש, ווייל געהן צופוס האב איך איצט מורא.

זי האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר א פּאָאָר אויגען.

— גיט איהם, גיט איהם א קאַוטש, א קאַרעטע, דראָשקע, וואס ער וויל — האט זי געגומען שרייען — אבי ער זאָל נור וואס גיכער אוועק פון דאַנען... אָך, וואס פאַר א אויגען! אָך, וואס פאַר א אויגען ער האט!... און מיט די דאָזיגע ווערטער איז זי ארויסגע־לאָפען פון צימער, האט דערלאַנגט אין באַק א דיענסטמיידעל, וואס איז איהר אַנגעגאַנגען אַנטקעגען — און פון וויַיטען הער איך, זי האט שוין ווידער געקראָגען אַן אַנפאַל. — און איהר וועט מיר גלוי־בען, מיינע הערען, צו ניט, נור פון יענעם טאָג אָן, האב איך איבער־געריסען יעדע פריינדשאַפט מיט נימפאָדאָראַ סעמיאָנאָוונאַ און בין מיט איהר געוואָרען אין גאַנצען אויס מחותן; און ווען איך טהו וועגען דעם גוט א טראַכט, מוז איך צוגעבען, אז אויף פאַר דעם דאָזיגע; צופאַל האב איך צו פערדאַנקען מיין פריינד מרעזאָר, אזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבען.

נו, האב איך געהייסען איינשפּאַנען א קאַוטש, אריינגעזעצט מיין טרעזאָר און אוועקגעפאָהרען צו זיך אַהיים. אין דערהיים דאַ איך איהם ארומגעקוקט, אַבגעוואַשען זיינע וואונדען און טראַכט מיר: מאָרגען גאַנץ פריה וועל איך איהם אוועקפיהרען אין יעפרעמאָוו־סקען בעצירק צו א געוויסער אַלטער פּויערטע. און די דאָזיגע פּויער־טע, דאַרפט איהר וויסען, איז א וואונדערליכער מענש: זי טהוט עפּעס א מורמעל איבער דאס וואַסער — אַנדערע זאָגען, אז דאס טהוט זי דאַרט אריין שפּייעכץ פון שלאַנגען — גיט עס אויסטרינקען — און ווי מיט דער האַנד צוגענומען. דערביי, טראַכט איך, וועל איך שוין פאַר איין וועגס מיר לאָזען אַבציהען בלוט אין יעפרעמאָוו: דאס איז

זעהר גוט אַנטקעגען שרעק; זעלבסטפערשטענדליך, ניט פון האַנד, נור פון אַן אַנדער פּלאַץ.

— און וואו געפינט זיך יענער פּלאַץ? — האָט מיט א 'שעה־מעוודיגער נייגעריגקייט געפרעגט הערר פינאָפּלענטאָוו.

— ווי, איהר ווייסט גאָרניט? אָט, דאָ איז דער פּלאַץ, אין קולאַק, נעבען גרויסען פינגער, וואו מען שיט אויס דאס טאַבאַק פון פּיפּקע — אָט דאָ! פאַר צו לאָזען בלוט איז דאס דער בעסטער פּונקט; ווייל, איהר פערשטעהט דאָך אַליין: פון האַנד געהט דאס בלוט פון די אָדערען, און דאָ איז עס — געוואוגענע בלוט. די דאָקטוירים ווייסען דאס ניט און פערשטעהען ניט; פון וואַנען זאָלען זיי וויסען, די אומזיסטע פרעסער, די דייטשוקעס! מעהרסטענס פערנעהמען זיך דערמיט די שמיעדען, און ווי פלינק זיי טהוען עס אָב! אָנגעשט ·ט די דלאָטע, א זעץ געטהאָן מיט'ן אייזען — און פאַרטיג!... אַלזאָ, בעת איך האב אזוי געטראַכט, איז אויף דרויסען אין גאַנצען פינסטער געוואָרען, שוין צייט שלאָפען. האב איך זיך געלייגט אין בעט — און טרעזאָר איז, זעלבסטפערשטענדליך, דאָ דערביי. אבער צו פון שרעק, פון שטיקעניש, צו פון די וואַנצען אדער די געדאַנקען — נור איך קען ניט איינשלאָפען, כאָטש טהו וואס דו ווילסט! אזא אומעט איז אויף מיר אָנגעפאַלען, אז עס איז גאָרנישט צו בעשרייבען; איך האב זיך שוין אָנגעטרונקען מיט וואַסער, און דאס פענסטער געע־פענט, אי געשפּיעלט „א קאַמארינסקע" אויף א גיטאַרע מיט איטאַ־ליענישע וואַריאַציאָנען... ניין! עס העלפט גאָרניט! עס טרייבט מיך פון צימער ארויס — און גאָר! צום סוף, האב איך גענומען א קישען, א קאָלדרע, א ליילאַך, און בין אוועק איבער'ן גאָרטען אין הייה־שטאַהל; האב מיר צורעכט געמאַכט א געלעגער און זיך דאָרט אוועקגעלייגט. און מיר איז מיט אַמאָל געוואָרען אזוי גוט, אזוי אַנ־גענעהם: די נאַכט—א רוהיגע, א שטילע, נור ווען ניט ווען גיט א ווינטעל א וועהע, ווי א ווייבערשע הענטעל וואָלט דיך איבער'ן באַק א גלעט געטהאָן. עס איז אזוי פריש: די היי שמעקט, ווי גוטער טהעע, אויף די עפּעל־בוימער זשומען די פליעגעלאַך; א וואַכטעל־פויגעל צולאָזט זיך פּלוצים אויפ'ן קול — און דו פיהלסט, אז אויך איהם, דעם ממזר, איז גוט, זיצענדיג מיט א חבר'טע אין פרישען, פייכטען גראָז... און אויף דעם הימעל איז אזא חיות: די שטערענדלאַך לייכטען, א

וואָלקענדעל קומט צו שווימען, א ווייסער ווי וואַטע — און דאס אויך קוים, קוים, וואס ער בעוועגט זיך....

אויף דיעזען פּלאַץ פון דער ערצעהלונג האט סקוואָרעוויטש א נים געטהאָן; עס האט אויך א נים געטהאָן קינאַרעוויטש, וועלכער איז קיין מאָל ניט אָבגעשטאַנען פון זיין חבר. אנטאָן סטעפּאַניטש האט אויף זיי ביידע צופריעדען א קוק געטהאָן.

— אלזאָ — האט ווייטער דערצעהלט פּאָרפירי קאַפּיטאָניטש— ליעג איך מיר אזוי און קען פּאָרט ניט איינשלאָפען. עס זיינען מיר אַלץ געקראָכען געדאַנקען אין קאָפּ; און געטראַכט האב איך אַלץ וועגען הויכע ענינים. אז אָט, ווי ריכטיג, הייסט עס, האט מיר פּראָ־כאָריטש דאָן ערקלערט וועגען הונד, אז דאס איז מיר געשיקט געוואָ־רען אלס אַ ווארנונג — און פאַרוואָס עפּעס גראָד מיט מיר געשעהן אזעלכע נסים?... איך וואונדער זיך און קען עס ניט בעגרייפען — און טרעזאָרושקא, איינגעקנורעט אין די היי, סקאַוואוטשעט שטיל: עס טהוט איהם נעבאך וועה פון די וואונדען. און נאָך וועל איך אייך זאָגען, וואס עס האט מיר געשטערט צו שלאָפען — איהר וועט דאָך אודאי ניט גלויבען: די לבנה! זי האָט זיך אוועקגעשטעלט גלייך פאר מיר, אזא רונדע, א גרויסע, א געלע, א פלאַטשיגע, און עס דאכט זיך מיר, אז זי קוקט מיך אָן, ביי גאָט, און אזוי איינגעשפּאַרט, אזוי פרעך... איך האב איהר צום סוף אזש די צונג ארויסגעשטעלט, אויף מיין וואָרט. נו וואס, טראַכט איך, האָסטו דאָ דערזעהן, וואס ביזטו אזוי נייגעריג? איך קעהר זיך אָב פון איהר — און זי קריכט מיר אין אויער אריין, בעלייכט מיר דעם נאַקען, וואַרפט אויף מיר איהרע שטראַהלען, ווי א רעגענדעל וואָלט אויף מיר געקאַפּעט. עפען איך אויף די אויגען: ערשט יעדער שטויבעלע, יעדער צווייגעלע אין׳ם היי, יעדער ברעקעל שפּינוועבס — בעלייכט און בעשיינט און בעזיל־בערט זי! ווי איינער זאָגט: נאַ, קוק! קען איך זיך ניט העלפען: שפּאַר איך אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנד און נעהם קוקען. און אויגען זיינען ביי מיר, ווי ביי א האָז, רק זיי גלאָטצען אלעס אָן, רק זיי עפע־נען זיך ברייט פאַנאַנדער, ווי אויף א בייז וואונדער. אָט, דאַכט זיך, וואָלט איך אַלסדינג אויפגעגעסען מיט די דאָזיגע אויגען. די טויערען פון שייער זיינען ברייט אָפען; אויף א וויאָרסטע פינף ארום זעהט זיך דאס פעלד; אי דייטליך, אי ניט, ווי עס איז געוועהנליך אין א לבנה

נאכט. קוק איך אזוי און קוק — טהו אפילו מיט אן אויג ניט א פינ־טעל... און פּלוצים האט זיך מיר אויסגעוויזען, אזוי ווי עפּעס וואָלט זיך א טראָג געטהאָן — ווייט, ווייט... אזוי ווי עס וואָלט זיך עפּעס א מיניע געטהאָן. עס איז אוועק אביסעל צייט: ווידער איז א שאָטען פערבייגעשפּרונגען — שוין אביסעל נעהנטער; דערנאָך ווידער, נאָך נעהנטער. וואס, דענק איך, איז דאס אזוינס? א האָז, צו וואס? ניין, טראַכט איך, דאס וועט זיין גרעסער פון א האָז — און דער אַרט לויפען איז אויך אן אנדערער. איך זעה: דער שאָטען האט זיך בע־וויזען און בעוועגט זיך שוין איצט איבער'ן לאָנקע (און די לאָנקע איז ווייס פון דער לבנה) אָט ווי א גרויסער פלעק; עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז א חיה, א פוקס אדער א וואָלף. אין הארצען האט מיר א זעץ געטהאָן.... און וואס, דאכט זיך, האָב איך זיך דאָ דערשראָ־קען? וויניג פערשיעדענע חיות לויפען ארום ביינאַכט איבער'ן פעלד? אבער די נייגעריגקייט איז נאָך גרעסער פון'ם שרעק; האָב איך זיך אביסעלע אויפגעהויבען, אויסגעשצירעט די אויגען און בין גלייך א פערציטערטער געוואָרען, ווי מען וואָלט מיר ביז איבער די אויערען אין אייז בעגראָבען, און פון וואס? איין גאָט ווייסט! און איך זעה: דער שאָטען וואקסט, וואקסט, ער טראָגט זיך, הייסט עס, גלייך אויפ'ן שייער... און אָט, ווערט מיר שוין קלאָר, אז דאס איז ווירקליך א חיה, א גרויסע, מיט א מורא'דיגען קאָפּ... טראָגט זיך, ווי א שטורעם, ווי א פייל פון בויגען... טאַטעלאָך! וואס איז דאס? זי האט זיך מיט אמאָל אָבגעשטעלט, ווי זי וואָלט עפּעס דערשמעקט... דאס איז דאָך... דאס איז דער היינטיגער משוגענער הונד! ער... ער! גאָטוניו! און איך קען זיך ניט א ריהר טהאָן, קען ניט א געשריי טהאָן... ער איז צוגעשפּרונגען צו די טויערען, א בליץ געטהאָן מיט די אויגען, א רעווע געטהאָן — און איבער'ן היי גלייך אויף מיר!

און פון דעם היי איז ווי א לייב ארויסגעשפּרונגען מיין טרעזאָר! זיך איינגעגעסען איינער דעם צווייטען אין פּיסק... און זיך א וואָרף געטהאָן אָן דר'ערד! וואס דאָרטען איז ווייטער פאָרגעקומען — גע־דענק איך ניט; איך געדענק נור, אז איך האָב זיך א וואָרף געטהאָן איבער זיי, און זיך א לאָז געטהאָן אין גאָרטען, אהיים, צו זיך, אין שלאָף־צימער!... איך בין שיעור אונטער'ן בעט ניט פערקראָכען— וואס זאָל איך דאָ לייקענען? און ווי איך בין געשפּרונגען איבער'ן

גארטען! דאכט זיך, אז די סאמע בעסטע טענצערקע, וועלכע טאנצט פאר נאפאלעאן'ען אין דעם טאג פון זיין געבורטסטאג, אפילו זי וואלט מיך ניט געקענט דעריאגען. דאך, ווען איך בין געקומען אביסעל צו זיך, האב איך גלייך אויפגעהויבען דאס גאנצע הויז אויף די פיס; האב געהייסען אלעמען זיך בעוואפענען, האב אליין גענומען א שווערד און א רעוואלווער. (איך מוז זיך מודה זיין, אז דעם דאזיגען רעוואל־ווער האב איך געקויפט גלייך נאך דער עמאנציפאציאן, ווייסט איהר, אזוי זיך, אויף יעדען פאל — אבער דער הענדלער, דער זשוליק, האט מיר אריינגעשפארט אזא שטיקעל סחורה, אז פון דריי מאל שיסען וועט צוויי מאל זיכער ניט אויסשיסען.) נו, אלזא, האב איך דאס אלעס גענומען און אויף אזא שטייגער זיינען מיר אלע אין א גאנצער באנדע, מיט פלעקער, מיט לאמטערנעס אוועק אין שייער... און וואס זעהען מיר דארט? עס ליעגט מיין ארעמער טרעזארושקא א טויטער, מיט אן איבערגעריסענעם האלז — און פון יענעם פערפלוכטען הונד איז אפילו קיין סימן ניט פערבליעבען.

— און דא האב איך, מיינע העררען, גענומען וואיען, ווי א קעלבעל און איך שעהם זיך ניט צו זאגען: איך בין צוגעפאלען צו מיין צווייענדיגען רעטער, און האב לאנג געקושט זיין קאפ. אין אזא לאנג בין איך געבליעבען ליעגען, ביז וואנען מיין אויפזעהערין פראס־קאוויא האט מיר אבגעמינטערט און געבראכט צו זיך. (זי איז אויך געקומען צולויפען אויף דעם געוואלד.)

— וואס איז מיט אייך, פארפירי קאפיטאניטש? — האט זי געזאגט — איהר נעהמט זיך אזוי דאס לעבען צוליעב א כלב? איהר וועט זיך נאך פערקיהלען, בעהיטע גאט! (איך בין געווען זעהר לייכט אנגעטהאן) און ווען דער כלב האט פערלארען זיין לעבען, ראטעוועג־דיג אייערען, דארף דאס פאר איהם זיין א גרויסער כבוד!

איך בין אפילו ניט געווען איינפערשטאנדען מיט איהר, דאך בין איך אוועק אהיים. און דעם משוגענעם הונד האט אויפ'ן צווייטען טאג א סאלדאט דערשאסען. הפנים, אז אזוי איז דאס נאך פריהער בעשטימט געווארען: דעם ערשטען מאל אין זיין לעבען האט יענער סאלדאט אויסגעשאסען פון א ביקס, כאטש ער האט געהאט א מעדאל פאר דעם צוועלפטען יאהר. אט דאס, מיינע העררען, איז דער איבער־נאטירליכער צופאל, וואס מיט מיר האט פאסירט.

דער דערצעהלער איז אנשוויגען געוואָרען און גענומען אָנשטאָ־פען זיין ליולקע. און מיר אלע האָבען זיך פערוואונדערט איבערגע־קוקט.

— איהר פיהרט פיליכט א זעהר הייליגען לעבען — האט אָנ־געהויבען הערר פינאָפּלענטאָוו — איז אייך דערפאַר געשיקט גע־וואָרען א זכות.... — אבער ביי דיעזען וואָרט האט ער זיך פער־כאַפּט, ווייל ער האט דערזעהן, ווי די באַקען ביי פּאָרפירי קאַפּיטאָ־ניטש'ען האבען זיך אָנגעבלאָזען, זיינען רויט געוואָרען, די אויגען האבען זיך צוזאַמענגעצויגען — אָט, אָט, און ער פּלאַצט ארויס אין א געלעכטער...

— אבער אויב מען זאָל צוגעבען די מעגליכקייט פון איבערנאַ־טירליכע זאַכען, די מעגליכקייט, אז די דאָזיגע איבערנאַטירליכקייט קען זיך אריינמישען, אזוי צו זאָגען, אין אונזער ווירקליכען, אַלטעג־ליכען לעבען — האט ווידער אָנגעהויבען אַנטאָן סטעפּאַניטש — טאָ וואס פאַר א ראָלע קען דאַן שפּיעלען דער קלאָרער פערשטאַנד?

קיינער פון אונז האט ניט געפונען וואס צו ענטפערן — און מיר זיינען געבליעבען פערוואונדערט, ווי פריהער.

א הפקר מענש

א הפקר־מענש

I.

מיר זיינען געזעסען אונזערע אכט מענשען אינ'ם צימער — און האבען גערעדט וועגען היינטיגע פאסירונגען און היינטיגע מענשען.

— איך פערשטעה ניט די דאזיגע העררן! — האט בעמערקט א. — זיי זיינען עפעס אזעלכע הפקר־יונגען... אט טאקע אמת'ע הפקר־יונגען... עטוואס עהנליכעס איז נאך קיין מאל ניט געווען.

— ניין, עס איז יא געווען — האט זיך ארייגעמישט פ. שוין אן עלטערער מענש מיט גרויע האאר, וועלכער איז געבארען געווארען ארום די צוואנציגער יאהרען פון דעם היינטיגען יאהר הונדערט: — הפקר מענשען האבען זיך פריהער אויך געפונען, זיי זיינען נור ניט עהנליך געווען צו די היינטיגע הפקר־מענשען. וועגען דעם פאעט יאזיקאוו'ן האט עפעס אימעצער געזאגט, אז ער האט זיך געקאנט בעגייסטערען גלאט אין דער וועלט אריין, גאר אהן א פארוואס; אזוי איז אויך ביי יענע מענשען — די הפקרות געווען אהן א פארוואס. אט, אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך אייך דערצעהלען די געשיכטע פון מיין פלימעניק'ס א זוהן, מישא פאלטעוו. די דאזיגע געשיכטע קאן דיענען אלס א מוסטער פון דער דעמאלטדיגער הפקרות.

געבארען געווארען אויף גאט'ס וועלט איז ער, געדענק איך, אין 1828 יאהר, אין זיין פאטער'ס אלטען מאיאנטעק, אין איינעם פון די פערווארפענסטע ווינקעלאך פון די ווייטעסטע גובערניעס אין דער סטעפע. מישא'ס פאטער, אנדרעי ניקאלאאיטש פאלטעוו'ן, געדענק איך נאך גאנץ גוט. דאס איז געווען אן אמת'ער אלט־פרענקישער גוטס־בעזיצער, א גאטספארכטיגער, א געזעצטער מענש, און — פאר זיין צייט — א גאנץ געבילדעטער, כאטש ניט קיין גרויסער חכם

און דערצו האט ער נאך געהאט די פאליגע... דאס איז אויך אן אלטפרענקישע, פריצישע קראנקהייט . . . די אנפעלע זיינען ביי אנדרעי ניקאלאיעוויטש'ן געווען שטילע, רוהיגע און פלעגען זיך גע־וועהנליך ענדיגען מיט א טיעפען שלאף און א מרה שחורה. א הארץ האט ער געהאט א גוטע, מיט מענשען האט ער זיך געהאלטען פריינדליך, ניט אהן א געוויסער זעלבסטווירדע. אט אזוי האב איך זיך שטענדיג פארגעשטעלט דעם קייזער מיכאיל פעדאראוויטש'ן. דעם גאנצען לעבען האט אנדרעי ניקאלאיעוויטש אפגעהיט שטרענג אלע אלטע, פעסטגעשטעלטע מנהגים פון דעם אלט־פרענקיש פרא־וואסלאוונעם, הייליג־רוסישען ביט. ער איז אויפגעשטאנען און געלייגט זיך, געגעסען און אין באד געגאנגען, זיך געפרעהט און געבייזערט (אי דאס ערשטע אי דאס צווייטע זעהר זעלטען), אפילו די פיפקע האט ער געררויכערט, אפילו אין קארטען געשפיעלט (צוויי גרויסע נייעסען!) ניט אזוי, ווי איהם וואלט זיך געגלוסט, ניט אויף זיין איי־גענעם שטייגער — נור אזוי, ווי די אור־עלטערן אין די פריהערדיגע צייטען האבען עס געטהאן — פארקאכט און וואזשנע, מיט ווירדע.

אליין איז ער געווען הויך געוואקסען, אן אסאבע א מענש, א קול האט ער געהאט א שטילען און אביסעל א הייזעריגען, ווי עס טרעפט אפט ביי רוסישע וואהלטהעטיגע מענשען; זיינע וועש און קליידער האט ער געהאלטען ריין, האט געטראגען ווייטע האלזטיכער און רעק, מיט לאנגע פאלעס פון טאבאק־קאליר, און דאך האט זיך דאס פריצישע בלוט אין איהם אימער אנגעזעהען; פאר א גלח אדער א סוחר וואלט איהם קיינער ניט אנגענומען! שטענדיג, ביי אלע מעגליכע צופאלען און בעגעגענישען, האט אנדרעי ניקאלאיעוויטש אויף זיכער געוואוסט, ווי מען דארף זיך בעגעהן, וואס מען דארף ריידען, און וואס פאר א אויסדריקע מען דארף געברויכען; האט געוואוסט ווען מען דארף זיך קורירען און מיט וואס מען קאן זיך אויסהיילען, אין וועלכע סמנים מען דארף גלויבען און אויף וועלכע מען דארף זיך אפילו ניט אומקוקען... מיט איינעם ווארט, ער האט געוואוסט אלסדינג, וואס מען דארף טהאן... ווייל אלסדינג האבען די אור־עלטערן פאראויס־געזעהען און אונז איבערגעלאזען א סדר, ווי צו געהן אויף דעם ריכ־טיגען וועג — טראכט נור ניט אוים מיט דיין אייגענעם שכל... און דער עיקר: אהן גאט ניט א טראט!.. מען מוז צוגעבען, אז א שרעק־

ליכע לאנגוויילינקייט האט געהערשט אין זיין הויז, אין די דאזיגע נידעריגע, ווארימע און פינסטערע צימערן, אין וועלכע עס האט אפט אבגעהילכט דער געזאנג פון פערשיעדענע געבעטען און גאטעס־דיענסטע און עס האט זיך געטראגען אן אייביגער גערוך פון ווייהרויך און פארעווע עסענווארג!

חתונה געהאט האט אנדרעי ניקאלאיעוויטש שוין ניט גאר יונג מיט אן ארימער פרייליין, זעהר א נערוועזער און קרענקליכער פער־זאן, א געוועזענע אינסטיטוטקע. זי האט ניט שלעכט געשפיעלט פיאנא, האט גערעדט פראנצויזיש אויף דעם אינסטיטוטישען שטייגער, איז לייכט בעגייסטערט געווארען און נאך לייכטער געווארען מעלאנכא־ליש און זאגאר פערגאסען טרעהרען... מיט איינעם ווארט, א כא־ראקטער אן אונרוהיגער. קוקענדיג אויף איהר לעבען, ווי אויף אן איבערגעפיהרטען, האט זי ניט געקענט ליעבען איהר מאן, וועלכער האט איהר „געווים" ניט פערשטאנען; זי האט איהם אבער געאכ־טעט... האט איהם פערטראגען; און זייענדיג א זעהר עהרליכע און קאלטע בעשעפעניש, האט זי קיין מאל ניט אפילו א טראכט גע־טהאן וועגען אן אנדער מאן א געליעבטען. דערצו איז זי שטענדיג געוועזען פערזארגט, ערשטענס, וועגען איהר אייגענעם, טאקע אויף אן אמת שוואכען געזונד; צווייטענס, וועגען דעם מאן'ס געזונד, וועמענס אנפעלע האבען זי זעהר שטארק געשראקען און דערצו נאך אויך וועגען איהר איינציגען זוהן מישא, וועלכען זי האט אליין מיט גרויס אייפער ערצויגען. אנדרעי ניקאלאיעוויטש האט ניט געשטערט זיין ווייב זיך צו פערנעהמען מיט מישא'ן, — אבער מיט דעם בעדינג: אונטער קיינע אומשטענדען ניט אבצוטרעטען פון די איין מאל פאר אלע מאל פעסטגעשטעלטע רעגלען, אין וועלכע עס האט זיך געמוזט פיהרען אלסדינג ביי איהם אין הויז! אט אזוי, צום ביישפיעל: ניי־יאהר און אנדערע יום טובים האט מען מישא'ן ערלויבט זיך אויסצו־פוצען צוזאמען מיט די איבעריגע פויערשע קינדער, און ניט נור האט מען איהם דאס ערלויבט, נור עס איז איהם זאגאר פערעכענט געווא־רען אלס פפליכט... דערפאר — זאל איהם גאט בעהיטען, אז ער זאל דאס טהאן אין אן אנדער צייט!... און אזוי ווייטער.

II.

איך געדענק דעם דאָזיגען מישאַ'ן, ווען ער איז געווען אַ יאָהר דרייציעהן אַלט. — דאָס איז געווען זעהר אַ ליעבער אינגעל מיט ראָזע־ווע בעקעלאַך און ווייכינקע ליפּעלאַך (ער איז איבערהויפּט אין גאַנ־צען געווען אַ ווייכינקער און אַ פּוכלינקער) מיט עטוואָס אויסגעקאָ־טשעטע, פייכטע אויגען, זאָרגפעלטיג פערבאַרשטען און פערקאַמט, אַ פריינדליכער און שעהמעוודיגער — אַ ריכטיגע מיידעלע! איין זאַך בלויז איז מיר אין איהם ניט געפעלען: געלאַכט האָט ער זעלטען; אָבער ווען ער האָט געלאַכט — האָבען זיינע גרויסע, ווייסע, ווי ביי אַ חיה, שפּיציגע צייהן, זיך אונאַנגענעהם אויסגעשצירעט — און דער געלעכטער אליין האָט געקלונגען שאַרף, הארט און זאָגאַר ווילד — כמעט טהיריש — און אין די אויגען האָבען אויפגעבליצט בייזע פייערלאַך. די מוטער האָט איהם אַלץ געליובט דערפאַר, וואָס ער איז אַזאַ געהאָרכזאַמער און העפליכער — און מיט די אינגלאַך — די שטי־פער וויל ער זיך גאָר ניט קענען, און קלעבט זיך אַלץ נור צו דער פרויען־געזעלשאַפט.

— דער מאַמעס אַ זוהן, אַ פערצערטעלטער — האָט וועגען איהם אמאָל געזאָגט זיין פאָטער, אַנדרעי ניקאָלאַיעוויטש: — אָבער דער־פאַר געהט ער גערן אין גאָט'ס טעמפּעל... און דאָס פרעהט מיך.

און איין אַלטער — אַ שכן, אַ געוועזענער איספּראַווניק, האָט אמאָל אין מיין געגענוואַרט געזאָגט וועגען מישאַ'ן: — „איהר וועט זעהען, ער וועט זיין אַ בונטאָוושציק (אַ ריבעל)" און דאָס דאָ־זיגע וואָרט, געדענק איך, האָט מיך דאַן זעהר פערוואונדערט. אמת, דער געוועזענער איספּראַווניק האָט אפילו איבעראַל געזעהען בונ־טאָוושציקעס.

און גראַדע אַזוי גוט און אַנשטענדיג איז מישאַ געבליבען ביז זיין 18טען יאָהר, ביז'ן סאַמע טויט פון זיינע עלטערן, וועלכע ער האָט פערלאָרען כמעט אין איין טאָג.

וואָהנענדיג שטענדיג אין מאָסקווע, האָב איך גאָרניט געהערט פון מיין יונגען קרוב. אמת, איינער, וואָס איז געקומען פון זיין גובערניע, האָט מיר דערצעהלט, אַז מישאַ זאָל האָבען פערקויפט זיינע

על־טערן׳ס מאַיאָנטעק פאַר האַלב אומזיסט; אָבער די דאָזיגע נאַכריכט האָט מיר אויסגעוויזען צו משונה׳דיג! און אָט, פלוצים, אין אַ געוויסען יעסענדיגען פריה־מאָרגען, פליהט אריין צו מיר אין הויף אַ קויטש, איינגעשפּאַנט מיט אַ פּאָאַר אויסגעצייכענטע פערד, מיט אַ משונה׳דיגען קוטשער אויף דער קעלניע. און אינ׳ם קאַוטש — אָנגעטהאָן אין אַ שינעל פון מיליטערישען שניט, מיט אַ צוויי ארשין לאַנגען פוטער־נעם קראַגען, מיט אַ היטעלע אויף אַ זייט זיצט... מישאַ!

דער זעהען מיך (איך בין געשטאַנען ביים פענסטער פון גאַסט־צימער און מיט פערוואונדערונג געקוקט אויף דעם אריינגעפלויגענעם קאַוטש), האָט ער זיך צולאַכט מיט זיין שניידענדען געלעכטער, און, אַ טרייסעל געטהאָן מיט זיין לאַנגען קאָלנער, איז ארויסגעשפּרונגען פון קאַוטש און אריינגעלאַפען אין הויז אריין.

— מישאַ! מיכאַאיל אַנדרעיעוויטש! — האָב איך געהאַט אָנגעהויבען... איהר זייט עס?

— זאָגט מיר: „דו" און „מישאַ" — האָט ער מיך אונטערבראָכען

— איך בין דאָס... איך, מיט מיין אייגענעם כבוד... בין געקומען אין מאָסקווע... אויף מענשען אַ קוק טהאָן... און זיך ווייזען. נו, בין איך צו אייך אויך פערפאָהרען. — וואָס זאָגט איהר צו די פערד־לאַך?... פיין, האַ? — און ער האָט זיך ווידער צולאַכט.

כאָטש עס זיינען אַוועק אַ יאָהר זיעבען, זייט איך האָב מישאַ׳ן געזעהען צום לעצטען מאָל, דאָך האָב איך איהם גלייך דערקענט. דאָס פּנים איז ביי איהם פערבליבען נאָך גאָר יונג און ווי פריהער ליעבליך, — אפילו קיין וואָנצעס האָבען נאָך ניט ארויסגעשפּראָצט; בלויז אונטער די אויגען אויף די באַקען האָבען זיך בעוויזען עפּעס אַזעלכע וואָליעס, און פון מויל ביי איהם האָט געשמעקט מיט וויין.

— ביזטו שוין לאַנג אין מאָסקווע? — האָב איך געפרעגט. — און איך האָב געדענקט, אַז דו ביזט דאָרט, אינ׳ם דאָרף, פערנעהמסט זיך מיט דער ווירטהשאַפט...

— עט! דעם דאָרף האָב איך גלייך געגעבען אין קאַריק! ווי נור די על־טערן, אַ ליכטיגען גן עדן זאָלען זיי האָבען, זיינען געשטאָרבען, (מישאַ האָט זיך איבערגע׳צלם׳ט, ערנסט אָהן געמאַכטקייט) — האָב איך גלייך, גאָרניט וואַרטענדיג... איינס, צוויי, דריי! כאַ־כאַ! אומזיסט אַוועקגעגעבען, זאָל עס געהן! האָט זיך אונטערגערוקט אַזאַ

שורקע! נו, מילא, אלץ איינס! אם וויינינגסטענס, וועל איך א לעב טהאן פאר מיין אייגענעם פערגעניגען — און אנדערע וועלען פון מיר אויך הנאה האבען. — אבער וואס קוקט איהר מיך אזוי אן? שוין זשע האב איך ווירקליך געדארפט שלעפען אויף זיך יענעם לעבען?.. טאטעלע, טהייערינקער, טאמער קאנט איהר מיר געבען א גלעזעלע?

מישא האט גערעדט שרעקליך שנעל, געאיילט און, אין דערזועל־בער צייט, ווי פערשלאפען.

— מישא, וואס רעדסטו! — האב איך גענומען קלאגען: — האב גאט אין הארצען! ווי זעהסטו אויס, וואס פאר א פנים האסטו? אין וואס פאר א צושטאנד ביזטו? און בעט נאך א גלעזעלע! און נעה־מען און פערקויפען אזא גוטען מאיאנטעק פאר א גארנישט, פאר א קלייניגקייט....

— גאט האב איך אימער אינ'ם הארצען, איך האב פאר איהם מורא און געדענק איהם — האט ער אונטערגעכאפט — אבער ער איז דאך א גוטער גאט — הייסט עס... וועט ער מיר מוחל זיין! און איך בין אויך א גוטער... איך האב נאך אין מיין לעבען קיינעם קיין עולה ניט געטהאן. און ס'גלעזעלע בראנפען איז אויך א גוטס, און בעליידיגען... בעליידיגט עס אויך קיינעם ניט. און א פנים האב איך א ריכטיגען, ווי עס בעדארף צו זיין... פעטער'ל, ווילט איהר, וועל איך אייך ווייזען וואס פאר א קונצען איך קאן מאכען? אדער איך'ל גאר אביסעל א טאנץ טהאן.

— אך, לאז צופריעדען, איך בעט דיך! וואס פאר א טאנצען? דו זעץ זיך בעסער.

— זעצען וועל איך זיך... אבער וואס זאגט איהר מיר עפעס גארנישט וועגען מיינע פערדלאך? איהר טהוט אקארש א קוק, דאס זיינען דאך לייבען! דערוואייל דינג איך זיי, אבער איך וועל זיי קויפען, אונבעדינגט... צוזאמען מיט'ן קוטשער. אייגענע פערד זיינען א סך ביליגער. און איך האב געהאט געלד אויך, אבער איך האב זיי פערלא־רען נעכטען, א קערטעל געמאכט. מילא, עס מאכט נישט, מארגען וועלען מיר עס צוריק אבגעווינען. פעטער'ל... איז וואס, וועגען א גלעזעלע?

איך האב נאך אלץ ניט געקענט קומען צו זיך.

— גאט איז מיט דיר, מישא, ווי אלט ביזטו דען? ניט מיט

פערד און ניט מיט שפּיעלען אין קאָרטען האָסטו זיך געדאַרפט פער־נעהמען... דו האָסט געדאַרפט אַריינטרעטען אין אוניווערסיטעט אָדער אין דיענסט.

מישאַ האָט זיך אַפריהער צולאַכט, דערנאָך האָט ער אַ לאַנגען פייף געטהאָן.

— נו, פעטער׳ל, ווי איך זעה, זייט איהר איצט אין אַ מעלאַנ־כאָלישער שטימונג. איך׳ל בעסער קומען אַן אַנדערש מאָל. — און איהר טהוט אַט וואָס: פאָהרט אַקאָרשט אַריבער אין אַבענד אין סאָ־קאָלניק. דאָרט האָב איך אויפגעשלאָגען אַביידעל. ציגיינער זינגען... פרעהליך, לעבעדיג! און איבער דער ביידעל הייננט אַ שילד, און אויפ׳ן שילד איז מיט גרויסע, גרויסע בוכשטאַבען אָנגעשריעבען „דער כאָר פון פאָלטעוו׳ס ציגיינער". ווי אַ שלאַנג דרעהט זיך דער שילד אין לופטען, די בוכשטאַבען זיינען גאָלדענע, יעדער מעג זיי לע־זען. און כיבוד לרוב — ווער עס וועט נור וועלען!.. מיר זאָגען קיי־נעם ניט אָב... עס האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין גאַנץ מאָסקווע... אויף מיין וואָרט... איז וואָס? וועט איהר צו פאָהרען? הייננט איז ביי מיר דאָרט פאַראַן איינע... אַן אמת׳ער טייפעל! שוואַרץ, ווי אַ שטיוועל, בייז, ווי אַ הונד, און אויגען... ברענענדיגע קוילען! מען קען בשום אופן ניט וויסען: צו דאָר קושט זי אַזוי צו זי בייסט?... וועט איהר צופאָהרען פעטער׳ל?... נו, אויף ווידערזעהן!

און מיך פלוצים אַרומגענומען און אַ סמאָקטשע געטהאָן אין פלייצע, איז מישאַ אַרויסגעשפּרונגען אויפ׳ן הויף אַרויס, אַריין אין קאַרעטע, אַ מאַך געטהאָן איבער׳ן קאָפּ מיט׳ן היטעלע, אַ הוקע גע־טהאָן — דער משונה׳דיגער קוטשער האָט אויף איהם קרום אַ קוק געטהאָן איבער דער באָרד, די פערד האָבען זיך אַ ריס געטהאָן, און אַלסדינג איז פערשוואונדען!

אויף מאָרגען בין איך, זינדיגער מענש, טאַקע צוגעפאָהרען אין סאָקאָלניק און האָב ווירקליך דערזעהן די ביידעל מיט דעם שילד און דעם אויפשריפט. דער לייוונט איבער דער ביידעל איז געווען עטוואָס אויפגעהויבען: אַ טומעל, אַ קלאַפּען, אַ בראַזגעריי און קוויטשעריי האָט זיך געטראָגען פון אינעווייניג. אַן עולם איז געשטאַנען אַרום אויף דער ערד, אויף אַ אויסגעשפּרייטען טעפּיך זיינען געזעסען ציגיינער, ציגיינערקעס, האָבען געזונגען, געקלאַפּט אין טאַמבורינס, און צווישען

זיי אין מיטען, מיט א גיטארע אין די הענד, אין א רייטען זיידענעם העמד און סאמעטענע תחתונים, האט זיך, ווי א קנויל ארומגעדרעהט מישא.

— ווערטהע הערדן! ביטטע! ביטטע! די פארשטעלונג ווערט זיך גלייך אנפאנגען! אן אומזיסטע! — האט ער געשריען מיט א הייזעריגער שטימע — „העי! שאמפאניער! אהער! קלאפ! אין שטערן! אין באלקען! אין קאפ! אך דו שורקע, פאל דעי קאק!" צום גליק האט ער מיך ניט געזעהען און איך האב זיך געאיילט אבצוטראגען וואס גיכער.

מיינע הערדן, איך וועל זיך ניט פערשפרייטען לאנג וועגען דעם ווי איך האב געפיהלט, זעהענדיג אזא ענדערונג אין איהם. און, אין אמת'ן, ווי האט געקאנט דער דאזיגער רוהיגער, שעהמעוודיגער איינגעל זיך פלוצים פערוואנדלען אין א שיכור'ן שארלאטאן?... שוין־זשע איז דאס אלעס געווען פערבארגען אין איהם נאך פון זיין קינדהייט, און עס איז גלייך ארויף פון אויבען, ווי נור ער האט זיך בעפרייט פון די עלטערן'ס דרוק? — און, אז ער האט אנגעמאכט א רושם אין גאנץ מאסקווע, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט, — אין דעם איז קיין שום צווייפעל ניט געבליעבען. איך האב אויף מיין לעבען געזעהען גענוג פערשווענדער; אבער דא האט זיך עס אויסגעדריקט אין עפעס א מאדנעם מין פייער, א מין משוגעת פון זעלבסטפערניכטונג, א מין פערצווייפלונג!

III.

א מאנאטען צוויי האט אנגעהאלטען די דאזיגע הוליאנקע...

און אט שטעה איך איין מאל ביים פענסטער פון דעם גאסט צימער און קוק אויף'ן הויף ארויס... פלוצים — וואס איז דאס פאר א וואונדער! ?... מיט א שטילען טראט געהט אין טויער אריין א פרוש... דאס היטעלע גלייך אויף'ן שטערן אראבגערוקט, די הערע־לאך אונטער איהם פערקאמט גלאט אויף רעכטס און אויף לינקס... א לאנגער פריסטער־מאנטעל, א לעדערנער גארטעל... שוין־זשע איז דאס מישא? יא, טאקי ער אליין!

איך בין ארויס צו איהם אויפ'ן גאַנעק...

— וואָס איז דאָס פאַר א מאַסקאַראַד? — פרעג איך.

— ניט קיין מאַסקאַראַד, פּעטער'ל — ענטפערט מיר מישא מיט א טיעפען זיפץ — אָבער אזוי ווי איך האָב מיין גאַנץ פערמעגען ביז א קאָפּיקע פערהוליעט — און אזוי ווי מיך מאַטערט שטאַרק די חרטה — האָב איך בעשלאָסען אוועקצוגעהן אין קלויסטער, תשובה טהאָן פאַר מיינע זינד. — ווייל וואו איז מיר איצט פאַרבליבען זיך אהינצוטהאָן?... איז אָט, בין איך געקומען צו אייך זיך זעגענען, פּעטער'ל, ווי א פערבלאָנדזשעטער זוהן...

איך האָב א קוק געטהאָן שאַרף אויף מישא'ן. דאָס פּנים איז נאָך דער אייגענער, א ראָזאָווער, א פרישער (אייגענטליך האָט זיך זיין פּנים ניט געענדערט ביז'ן סאַמע סוף) — און די אויגען פייכטע, פריינדליכע לייכט פערצוויגענע — און העכטעלאָך וויסינקע... און עס שמעקט פון איהם מיט וויין.

— מילא! — האָב איך צום סוף, ארויסגערעדט: — דאָס איז א גוטע זאַך — ווען עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג. אָבער פאַר־וואָס הערט זיך פון דיר וויין?

— די אַלטע געוואָהנהייט — האָט געענטפערט מישא, און זיך פּלוצים צולאַכט, ער האָט זיך אָבער גלייך פערכאַפּט, און זיך פער־נייגענדיג מיט א גלייכער און נידעריגער, פּריסטעשער פערנייגונג, האָט ער צוגעזעצט: — ווערט איהר אפשר עפּעס געבען אויפ'ן וועג? אין קלויסטער געה איך דאָך צופוס...

— ווען?

— היינט... גלייך.

— צו־וואָס איז דאָס אזא אייל'ענער?

— פּעטער'ל! מיין דעוויז איז שטענדיג געווען: גיכער! גיכער!

— און וואָס פאַר א דעוויז האָסטו איצט?

— איצט אויך דעם אייגענעם... בלויז — צום גוטען: גיכער!

און אזוי איז מישא אוועק, איבערלאָזענדיג מיך אין געדאַנקען וועגען די אָנעדרונגען פונ'ם מענשליכען שיקזאַל.

ער האָט מיר אָבער אין גיכען דערמאָנט וועגען זיין עקזיסטענץ. אין א מאָנאַטען צוויי ארום נאָך זיין בעזוך, האָב איך געקראָגען פון איהם א בריעף, דער ערשטער פון יענע בריעף, וועלכע ער האָט שפּעטער

מיר אָפּט געשיקט. און, מערקווירדיג: איך האָב זעלטען געזעהן אַ רייגערע, דייטליכערע האַנדשריפט, ווי ביי דעם דאָזיגען אונרוהיגען, ניט געשטעלטען מענשען. און די שפּראַך אין זיינע בריעף איז געווען אַ ריכטיגע, אַביסעלע געגרייזעלטע. די שטענדיגע בקשות וועגען שטיצע זיינען שטענדיג געגאַנגען אין איינעם מיט פערשפּרעכונגען זיך צו פערבעסערען, מיט עהרען ווערטער און שבועת... דאָס אַלעס האָט אויסגעוויזען — און אפשר איז דאָס טאַקע אַזוי געווען — גאַנץ אויפריכטיג. מישאַ׳ס אונטערשריפט אונטער׳ן בריעף איז שטענדיג געווען בעגלייט מיט בעזונדערע צאַצקעס און דרעהדלאַך, פּאַסעקלאַך און פּינטעלאַך — און ער האָט געברויכט אַ סך אויסרופונגס צייכענס. אין דעם ערשטען בריעף האָט מיר מישאַ געלאָזט וויסען וועגען דער נייער „איבערקעהרעניש פון זיין שיקזאַל" (שפּעטער האָט ער די דאָזיגע איבערקערענישען אַ נאָמען געגעבען — „דירעהדלאַך"... און געדרעהט האָט ער זיך אָפּט). אַלס יונקער קלייבט ער זיך אויף קאַווקאַז דיענען דעם צאַר און פאַטערלאַנד! און כאָטש אַ געוויסע וואָהלטהעטיגע מוהמע איז אריין אין זיין שלעכטע לאַגע און האָט איהם געשיקט אַ קליינע סומע געלד — דאָך בעט ער מיך אויך, איך זאָל איהם העלפען אויסריכטען אין וועג. איך האָב ערפילט זיין בקשה, און אין אַ משך פון צוויי יאָהר האָב איך ווידער פון איהם גאָרנישט געהערט.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך שטאַרק געצווייפעלט אויב ער איז טאַקע געפאָהרען אין קאַווקאַז. עס האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזען, אַז ער איז, ווירקליך, אַהין געפאָהרען, איז דורך פּראָטעקציע אריינגעטראָטען אין אַ געוויסען פּאָלק אַלס יונקער און האָט דאָרט אָבגעדיענט צוויי יאָהר. גאַנצע לעגענדעס האָבען זיך דערנאָך וועגען איהם געטראָגען בנוגע זיין דיענען אינ׳ם מיליטער. מיר האָט זיי מיטגעטהיילט אַן אָפיציער פון זיין פּאָלק.

IV.

איך האָב זיך דערוואוסט אַ סך זאַכען, וואָס איך האָב אפילו פון איהם ניט ערוואַרט. מיך האָט געוויס ניט געוואונדערט, וואָס עס

האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז אַן אָפיציער איז ער געווען אַ שלעכטער, אַז ער האָט ממש ניט געטויגט צו גאָרנישט; איבער וואָס איך האָב בשום אופן ניט ערוואַרט, אַז ער זאָל אפילו קיין דרייסטקייט ניט ארויסווייזען: מען האָט דערצעהלט, אַז אין די שלאַכטען האָט ער גע־האַט אַן אומעדיגען, פארשלאָפענעם אויסזעהן. אזוי ווי ער וואָלט זיך צו געלאַנגווײלט, צו געשעהמט. יעדע דיסציפּלין האָט איהם געדריקט, האָט אויף איהם ארויפגעיאָגט אַן אומעט; פרעך איז ער געווען ביז משוגעת, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט נור וועגען איהם פערזענליך; עס איז ניט געווען אזא משוגענער געוועט, פון וועלכען ער זאָל זיך האָ־בען אָפּגעזאָגט. אָבער טהאָן אַנדערע שלעכטס, טויטען, שלאָגען זיך, האָט ער ניט געקענט, עס קאָן זיין, דערפאַר, ווייל אַ האַרץ האָט ער געהאַט אַ גוטע, און עס קאָן זיין, ווייל די זיידענע ערציהונג, (ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט) האָט איהם פארצערטעלט. זיך אליין פערניכ־טען איז ער צו יעדער צייט בערייט געווען... אָבער אַנדערע — ניין.

— „דער טייפעל קאָן איהם פערשטעהן" — האָבען וועגען איהם גערעדט די חברים — „אַ שוועכלינג איז ער, אַ שמאַטע — און עפּעס אַ מיר הפקר־מענש — איינפאַך אַ משוגענער!"

עס איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו פרעגען מישא'ן, וואָס פאַר אַ בייזער גייסט שטופּט איהם, צווינגט איהם נאָכאַנאַנד צו שיכור'ען, איינצושטעלען דאָס לעבען און אזוי ווייטער?

ער האָט אימער געהאַט נור איין ענטפער:

— דער אומעט!

— אָבער פאַרוואָס איז אויף דיר אזא אומעט?

— אַך, וואָס רעדט איהר! קומסטו צו זיך, גלייך הויבסטו אָן צו טראַכטען וועגען אָרימקייט, אונגערעכטיגקייט, וועגען רוסלאַנד... נו — און פאַרטיג! גלייך ווערט אומעדיג — כאַטש נעהם און טרייב דיר אַ קויל אין שטערן אריין! ניט ווילענדיג נעהמסטו זיך צום פלעשעל.

— צו וואָס האָסטו דאָ אריינגעשלעפּט רוסלאַנד?

— ווי דען? מען קען ניט אַנדערש! — דערפאַר האָב איך טאַקע מורא צו טראַכטען.

— דאָס איז אַלסדינג ביי דיר — אי דער אומעט אי אַלסדינג אַנדערעס — פון גאָרנישט טהאָן.

— אַז איך קען אָבער גאָרנישט טהאָן, פעטער'ל! טהייערינקער! אָט, נעהמען און אוועקשטעלען דאָס גאַנץ לעבען אויף אַ קאָרט... דאָס קאָן איך! איהר בעסער לערענט מיך אויס, זאָגט מיר, וואָס זאָל איך טהאָן, פאַר וואָס זאָל איך מיין לעבען איינשטעלען? — איך'ל — די מינוט!...

— דו לעב איינפאַך... צו־וואָס דאָס לעבען איינשטעלען?

— איך קען ניט! — איהר וועט זאָגען: איך האַנדעל ניט ארומ־געטראַכט... אָבער ווי קאָן מען אַנדערש?... נעהמסט טראַכטען — און, גאָטוניו, וואָס עס קריכט אין קאָפּ! בלויז די דייטשען קאָנען טראַכטען!...

היינט געה האָב צו איהם טענות! אַ הפקר־מענש — און גאָר! פון די לעגענדעס, וואָס ער האָט נאָך זיך געלאָזען אין קאַווקאַז, וועל איך אייך דערצעהלען צוויי־דריי. איין מאָל האָט מישאַ אין דער געזעלשאַפט פון אָפיציערען, זיך גענומען בעריהמען מיט אַן אויסגע־ביטענעם שווערד. — אַן אמת'ער פערסישער קלינגעל! די אָפיציערען האָבען אויסגעדריקט אַ צווייפעל, צו איז דער קלינגעל טאַקע אַן אמת'ער? מישאַ האָט גענומען שפּארען. — נו, אָט — האָט ער, צום סוף אויסגעשריען: — מען זאָגט, אַז דער גרעסטער מבין אויף שווער־דען איז — אַבדולקאַ דער קרומער. איך'ל אַ פאָהר טהאָן צו איהם און וועל פרעגען.

די אָפיציערען האָבען זיך פערוואונדערט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אַבדולקאַ? דער וואָס וואוינט אויף די בערג? אַבדול־כאַן?

— איהם מיין איך טאַקע.

אָבער ער וועט דיך אָננעהמען פאַר אַ שפּיאָן, וועט אריינשפּארען אין חדר — און אַז ניט וועט ער דיך נאָך אפשר מיט אָט דעם אייגע־נעם שווערד דעם קאָפּ ארונטערהאַקען. און ווי אַזוי וועסטו זיך דער־שלאָגען צו איהם? מען וועט דיך גלייך פּאַצאַפּען.

— און איך וועל דאָך פאָהרען צו איהם.

— איך וועט, אַז דו פאָהרסט ניט!

— געוועט!

און מישאַ האָט גלייך איינגעשפּאַנט זיין פערד און איז אוועק צו אַבדולקאַ'ן.

דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט מען פון איהם גאָרנישט געהערט. אַלע זיינען געווען איבערצייגט, אַז צום פערריקטען איז געקומען אַ סוף. ערשט, קוק! ער האָט זיך צוריקגעקעהרט — שיכור, ווי לוט, און מיט אַ שווערד, אָבער ניט מיט דעם, וואָס ער האָט מיטגענומען, נור מיט אַנאַנדערן. מען האָט איהם גענומען אויספרעגען.

— גאָרנישט — זאָגט ער — אַ גוטער מענש איז אַבדולקאַ. אמת טאַקע, אין אָנהויב האָט ער געהייסען מיר אָנטהאָן קייטען אויף די פיס און זיך זאָגאַר געקליעבען מיך אויפהויבען אויף אַ שפּיז. נור איך האָב איהם ערקלעהרט, נאָך וואָס איך בין געקומען און האָב איהם געצייגט דעם שווערד. און פערהאַלט מיך דאָ ניט אומזיסט, זאָג איך: קיין אויסלייז געלד זאָלסטו פאַר מיר ניט ערוואַרטען; איך האָב ניט קיין קופּערנעם גראָשען ביי דער נשמה — און קיין קרובים זיינען ביי מיר נישטאָ. — האָט זיך אַבדולקאַ פערוואונדערט; האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר מיט דער איינציגער אייגעל זיינער. — נו, זאָגט ער, דו אַזוינער און אַזוינער! ווי קאָן מען דיר גלויבען? — גלויב, זאָג איך; איך זאָג קיין ליגען קיין מאָל ניט (און ווירקליך מישאַ האָט קיין מאָל ניט געלייגט). — האָט אַבדולקאַ אויף מיר ווידער אַ קוק געטהאָן. — און ווייַן טרינקען קאָנסטו? — איך קאָן, זאָג איך, וויפיעל דו וועסט געבען, אַזוי פיעל וועל איך אויסטרינקען. — האָט זיך ווידער פערוואונדערט אַבדולקאַ, האָט זאָגאַר דערמאָנט אַללאָך'ן. און האָט געהייסען זיינער — אַ טאָכטער, הפּנים, אַזאַ שעהנינקע, נור דער בליק עפּעס, ווי ביי אַ האָז — ברייגגען צושלעפּען אַ פּעסעל. און איך האָב זיך גלייך דערצו אַ נעהם געטהאָן. — און דיין שווערד, זאָגט ער, איז אַ פאַלשער; נאַ, נעהם, אָט האָסטו אַ ריכטיגען. און איצט זיינען מירביידע פריינד. — און דעם וועט, האָט איהר, מיינע העררן, פערשפּיעלט, בעצאָהלט, זייט מוחל.

די צווייטע לעגענדע וועגען מישאַ'ן איז געווען די פאָלגענדע: ער האָט ליידענשאַפטליך ליעב געהאַט צו שפּיעלען אין קאָרטען; נור אַזוי ווי קיין געלד האָט ער ניט געהאַט און קיין קאָרטען חובות האָט ער נישט געצאָהלט (כאָטש ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין שולער) האָט קיינער מיט איהם ניט געוואָלט זעצען זיך שפּיעלען. איין

מאָל האָט ער גענומען צושטעהן צו א חבר, אָן אָפּיציער: שפּיעל, שפּיעל, ניט אַנדערש שפּיעל מיט איהם!

— דו וועסט דאָך אָבער פערשפּיעלען — און ניט בעצאָהלען — זאָגט יענער.

— מיט געלד וועל איך טאַקע ניט בעצאָהלען, — אָבער די לינקע האַנד וועל איך מיר דורכשיסען, אָט מיט דעם אייגענעם פּיסטאָלעט!

— וואָס וועט מיר דערפון ארויסקומען?

— ארויסקומען וועט דיר טאַקע גאָרנישט — אָבער דאָך איז עס אינטערעסאַנט.

דער דאָזיגער געשפּרעך איז פּאָרגעקומען נאָך דעם, ווי חברה האָט גוט אריינגעגאָסען און פּאַר עדות. צו עס איז ווירקליך געווען אינטערעסאַנט פאַר דעם אָפּיציער מישאַ'ס פּאָרשלאָג — נור ער האָט איינגעשטימט. מען האָט געבראַכט קאַרטען, דאָס שפּיעל האָט זיך אָנגעהויבען. מישאַ'ן האָט אָבגעקליקט: ער האָט געוואונען הונדערט רובעל. און דאָ האָט זיין געגנער זיך א קלאַפּ געטהאָן אין שטערן.

— וואָס פאַר אַן אידיאָט איך בין! — האָט ער א געשריי געטהאָן: — אין וואָס פאַר א נעץ איך בין אריינגעפאַלען! ווען אפילו דו וואָלסט פערשפּיעלט, וואָלסטו זיך דען גענומען און דורכגעשאָסען די האַנד — ווי דען, וואָלסט זיך צוגעאיילט!

—אָט דאָס, זעהסטו, איז שוין א ליגען — האָט געענטפערט מישאַ — איך האָב זאָגאַר געוואונען — דאָך וועל איך מיר די האַנד דורכשיסען. — ער האָט געכאַפּט דעם פּיסטאָלעט און — באַץ! זיך דורכגעשאָסען די האַנד. די קויל איז דורכגעלאָפען פון דער אַנדער זייט... און אין א וואָך אַרום איז די וואונד אין גאַנצען פערהיילט געוואָרען.

אַן אַנדער מאָל איז מישאַ געפאָהרען בייגאַכט מיט די חברים אין וועג... זעהען זיי, ביים סאַמען וועג קוקט ארויס א שמאָלער אָפּגרונד ווי א קלופט, א פינסטער, א חושך'דיגער, מען זעהט קיין גרונד ניט ארויס...

— אָט — זאָגט איינער פון די חברים, מישקאַ איז, דאַכט זיך, שוין געגנוג א הפקר־יונג, פון דעסטוועגען וועט ער אין דעם אָפּגרונד ניט אריינשפּרינגען.

— ניין, איך וועל יאָ אריינשפּרינגען!

— ניין, וועסט ניט שפּרינגען, ווייל ער איז אודאי אַ קלאַפּטער צעהן די טיעף, און מען קאָן ברעכען האַלז און נאַקען. — דער חבר האָט געוואוסט ווי אַזוי מישאַ'ן צו פאַרטשעפּען, ער האָט אָנגעריהרט זיין אייגען־ליעבע... זעהר שטאַרק איז דאָס דאָזיגע געפיהל געוועז ביי מישאַ'ן.

— און איך וועל פון דעסטוועגען פאָרט אראָבשפּרינגען! ווילסטו זיך וועטען? צעהן רובעל.

— גוט.

און דער חבר האָט נאָך ניט צייט געהאַט אויסצורייִדען דאָס דאָזיגע וואָרט, ווי מישאַ איז שוין פונ'ם פערד אראָב — אין גראָבען אריינגעשפּרונגען — און געגומען טראַסקען איבער די שטיינער. אַלע ארום זיינען פערשטאָרבענע געבליבען... עס איז אַוועק אַ גוטע מינוט, און זיי הערען, ווי עפּעס פון אונטער דער ערד דערטראָגט זיך מישאַ'ס קול, אַזוי הייזעריג, פאַרשטיקט:

— איך בין נאָך אַ גאַנצער! געפאַלען אין זאַמד... אָבער געפלויגען בין איך לאַנג!.. די צעהן רובעל האָט איהר פערשפּיעלט.

— קריך ארויס! — האָבען גענומען שרייען די חברים.

— יאָ, קריך ארויס! — האָט זיך אָבגערופען מישאַ: — אַט אַזוי שנעל טהוט זיך דאָס! וועסט דאָ שוין ארויסקריכען. איהר וועט איצט מוזען פאָהרען נאָך שטריק און נאָך לאַנטערנעס. און דערווייל, אַז מיר זאָל ניט לאַנגווייליג זיין צו וואַרטען, וואַרפט מיר ארונטער אַ פלעשעל...

און אַזוי איז אויסגעקומען מישאַ'ן אָבצוזיצען אַ פינף שעה אויפ'ן דעק פונ'ם אָפּגרונד; און ווען מען האָט איהם ארויסגעשלעפּט, האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז איין פּלייצע איז ביי איהם אויסגעלונקען. אָבער דאָס האָט איהם אַ האָאַר ניט געקימערט. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט אַ שמיעד איהם אויסגעגלייכט די פּלייצע, איינגעשטעלט דעם ביין אויף אַן אָרט, און ער האָט ווידער געאַרבייט, ווי גאַרניט איהם מיינט מען דאָס.

אין אַלגעמיין, איז ער געוועזען מערקווירדיג געזונד. איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ער האָט ביז'ן טוידט איינגעהאַלטען אַ כמעט קינדערשע פרישקייט אויפ'ן פּנים. פון קיין קראַנקהייטען האָט ער ניט

געוואוסט, ניט קוקענדיג אויף אלע זיינע משוגענע שטיק; זיין שטאר־
קער ארגאניזם האט אלסדינק אריבערגעטראגען. וואו אן אנדערער
וואלט אונבעדינגט געפעהרליך קראנק געווארען, אדער וואלט זאגאר
געשטארבען, האט ער זיך נור אבגעטרייסעלט, ווי אן ענטעל אין וואַ־
סער, און האט זיך צובליהט נאך שטארקער ווי פריהער. איין מאל, דאס
איז אויך געווען אין קאווקאז... אמת די דאזיגע לעגענדע קלינגט
עפעס זעהר אונגלויבליך, נור נאך איהר קאן מען פערשטעהן, אויף
וואס מען האט מישא'ן געהאלטען פעהיג... אלזא, איין מאל, אין
קאווקאז, איז ער אין א שיכור'ען צושטאנד אריינגעפאלען אין א
טייך מיט דעם אונטערשטען האלבען קערפער; די קאפ און די הענד
זיינען געבליבען פון אויבען, נעבען ברעג. דאס איז געווען ווינטער־
צייט, עס איז געווארען א שטארקער פראסט, און, ווען מען האט איהם
אויף מארגען אין דער פריה געפונען, האבען זיינע פיס און בויך
זיך ארויסגעזעהען פון אונטער א דיקער דעקע אייז, וואס איז אין
דער נאכט פארפרארען געווארען — און זאל ער כאטש האבען גע־
קראגען א קאטער! דעם צווייטען מאל (דאס איז שוין געווען אין רוס־
לאנד, נעבען אריאל, אויך אין א שטארקען פראסט) איז ער אריינגע־
פאלען אין א קאמפאניע פון זיעבען יונגע סעמינאריסטען. די דאזיגע
סעמינאריסטען האבען געפייערט זייער לעצטען עקזאמען און מישא'ן
האבען זיי איינגעלאדען, גלאט אזוי זיך. אריינגעגאסען האט מען דאן
אהן א שיעור. און אז די פרעהליכע באנדע, האט צום סוף זיך אויס־
געקליבען אוועקצופאהרען, האט מישא, א טויט שיכור'ער, זיך שוין
געפונען אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד. אלע זיעבען סעמינאריסטען
האבען געהאט בלויז קליינע דרייעקיגע שליטעלאך מיט איין הויכען
זיץ פון הינטען; וואו האט מען געזאלט אהין טהאן דעם בעוואוסטלאַ־
זען אונפעראנטווארטליכען מישא'ן? איינער פון די יונגע לייט, זיך
בעגייסטערענדיג פון די קלאסישע עראינערונגען, האט פארגעשלאגען
צו צובינדען מישא'ן פאר די פיס צו א זיץ פון די שליטענס, ווי העק־
טאר'ן צום וואגען פון אכילעס'ן! דער פארשלאג איז גוט געהייסען גע־
ווארען... און אונטערשפרינגענדיג אויף די גריבער, רייבענדיג די
זייטען אן די לעכער, מיט פארריסענע פיס פון אויבען, מיט דעם קאפ
אראבגעהאנגען אין שנעע, איז אונזער מישא אבגעפאהרען א שטח
פון צוויי ווארסט פון טראקטיר ביז אין שטאדט אריין און זאל ער

כאָטש דערנאָך אַ הוסט טהאָן, זאָל זיך כאָטש אַ קרים טהאָן! אזא
זעלטענעם געזונד האָט איהם די נאַטור געגעבען!

V.

פון קאַווקאַז האָט ער זיך ווידער בעוויזען אין מאָסקווע אין אַ
טשערקעסישען קאַפּטען מיט פּאַטראָנעם אויף דער ברוסט, מיט אַ קינ־
זשאַל אין גאַרטעל, און אַ הויכע פּאַפּאַכע אויפ'ן קאָפּ. מיט דעם דאָזי־
גען קאָסטיום האָט ער זיך שוין ניט צושיידט ביז'ן סוף, כאָטש ער
האָט שוין מעהר ניט געדיענט אין מיליטער, פון וואַנען מען האָט
איהם אויסגעשלאָסען פאַר ניט קומען אין צייט. ער איז געוועזן ביי
מיר, געליהען אַביסעל געלד... און דאָ האָבען זיך ערשט אָנגעהויּ־
בען זיינע „דרעהדלאָך", זיינע וואַנדערונגען אין צרות און פּלאָגע־
נישען איבער די „שבעה מדורי גהינום"; ער האָט אָנגעהויבען דאָ
אויף אַ צייט פערשווינדען ווערען און דאָ ווידער צוריקקומען, עס האָ־
בען זיך גענומען שיטען שעהן־ געשריעבענע בריעף, אַדרעסירט צו
אַלע מעגליכע מענשען, אָנהויבענדיג פון מיטראָפּאָליט און ענדיגענדיג
מיט די דיענערס און אַלטע באָבעס! עס זיינען אַוועק וויזיטען צו
בעקאַנטע און אונבעקאַנטע! און אָט וואָס מען מוז בעמערקען: מאָ־
בענדיג זיינע וויזיטען, האָט ער זיך ערנידעריגט און ניט געבעטעלט,
פאַרקעהרט, ער האָט זיך געהאַלטען אַנשטענדיג און האָט אויסגעזעהן
אַנגענעהם, זאָגאַר פרעהלאָך, כאָטש דער שטאַרקער גערוך פון וויין
האָט איהם אומעדום בעגלייט — און זיין מיליטערישער קאָסטיום
האָט זיך ביסלאַכווייז פערוואַנדעלט אין שמאַטעס — וועט איהר מיר
עפּעס געבען, וועט אייך גאָט דערפאַר בעלוינען, כאָטש איך בין דאָס
ניט ווערטה — פלעגט ער זאָגען, שמייכלענדיג מיט זיין ליכטיגען
שמייכעל און אויפריכטיג רויט ווערענדיג; — וועט איהר ניט געבען,
וועט איהר זיין פאַלשטענדיג גערעכט, און איך וועל אויף אייך זיכער
ניט אין כעס ווערען. איך וועל זיך, מיט גאָט הילף, ווי עס איז דורכ־
שטופּען! וועל פאַר הונגער ניט שטאַרבען! מענשען, נאָך אָרימערע
פון מיר און וועלכע פערדיענען מעהר מען זאָל זיי שטיצען — איז פאַ־
האַן אַ סך, זעהר אַ סך!

בעזאָנדערס האָט מישא געהאַט ערפאָלג ביי פרויען: ער האָט געקאָנט ערוועקען צו זיך זייער מיטלייד. און דענקט ניט, אז ער איז געווען, אָדער האָט זיך געהאַלטען פאַר א דאָן זשואַן... אָ, ניין! אין דער הינזיכט איז ער געווען זעהר בעשיידען. צו ער האָט פון די עלטערן גע׳ירשנ׳ט אַזעלכע קאַלטע בלוט, אָדער דאָ האָט זיך אפשר אויך ארויסגעזעהען זיין ניט וועלען טהאָן וועמען עס איז קיין בייז, ווייל נאָך זיין מיינונג נאָך איז אויסגעקומען, אז האָבען צו טהאָן מיט א פרוי — הייסט, אונבעדינגט א פרוי בעליידיגען — איך קען עס ניט ערקלעהרען; נור אין זיינע האַנדלונגען מיט דעם שעהנעם גע־שלעכט, איז ער געווען זעהר עדעל. די פרויען האָבען דאָס געפיהלט און האָבען איהם נאָך מעהר בעדויערט און גערן איהם געהאָלפען, ביז וואַנען ער האָט זיי צום סוף, אליין ניט אָבגעשטויסען פון זיך מיט זיין הוליען און שיכרות, מיט יענער הפקרות, וועגען וועלכער איך האָב אייך שוין דערצעהלט... קיין אנדער וואָרט קען איך ניט אויס־טראַכטען.

דערפאַר אין אַנדערע הינזיכטען, האָט ער פערלאָרען יעדע אַנ־שטענדיגקייט און האָט זיך בּיסלאַכוויז אַראָבגעלאָזט צו די לעצטע ערנידערונגען. ער איז איין מאָל אוועק אזוי ווייט, אז ער האָט אין ט. אויף א פערזאַמלונג פון אדעליגע ארויסגעשטעלט א טעצעל מיט דער פאָלגענדער אויפשריפט: „יעדער, וועמען עס וועט אנגענעהם זיין א שנעל טהאָן אין נאָז דעם אדעליגען פריץ פאָלטעוו׳ן (זיינע דאָקומענ־טען זיינען דאָ דערביי), קאָן בעפריעדיגען זיין פערלאַנג, אריינלייגענ־דיג אַ רובל אין דעם דאָזיגען טעצעל״. און מען זאָגט, אז עס האָבען זיך געפונען בעלנים צו שנעלען אן אדעליגען אין נאָז! אמת, איינעם פון די דאָזיגע בעלנים, דערפאַר, וואָס יענער, אריינלייגענדיג בלויז איין רובעל אין טעצעל, האָט איהם געגעבען צוויי שנעלען, האָט ער אפריהער שיער ניט דערשטיקט, און זיך דערנאָך געצוואונגען בעטען אום פערצייהונג; אמת איז אויך דער פאַקט, אז א טהייל פון די איינגענומענע געלד, האָט ער דאָ אויפ׳ם אָרט צוטהיילט צווישען אַנדערע קבצנים... אָבער דאָך, ווי העסליך דאָס איז!

אין פערלויף פון זיינע וואַנדערונגען איבער די שבעה מדורי גהינום, האָט ער זיך דערשלעפּט צו זיין היימישען נעסט, וועלכען ער האָט פערקויפט פאַר א גאָרנישט צו א בעוואוסטען אין יענער צייט

אפעריסט און פראצענטניק. דער אפעריסט איז געוועזן אין דערהיים, און דערהערט וועגען דעם אנקומען פון דעם פריהערדיגען בעזיצער, וועלכער איז געווארען א שלעפער, האט ער בעפעהלען איהם ניט אריינצולאזען אין הויז, און ווען נויטיג, איהם אננעהמען פאר'ן קארק און ווייזען די טהיר.

מישא האט ערקלעהרט, אז אין הויז, וועלכע איז פעראונרייניגט געווארען פון דער אנוועזענהייט פון א שורקע, וועט ער אליין ניט אריינגעהן; אבער ארויסטרייבען זיך וועט ער קיינעם ניט ערלויבען, און וועט בלויז געהן אויפ'ן בעת עולם, צו די עלטערן אויף די קברים.

און ער האט אזוי געטהאן.

אויף דעם בית עולם איז צו איהם צוגעקומען אן אלטער מאן, אן אלטער דיענער זייערער, וועלכער איז אמאל געוועזן זיין דיאדקע. דער אפעריסט האט אויפגעהערט דעם אלטען צו צאהלען זיין געהאלט און האט איהם פערטריבען פונ'ם מאיאנטעק; פון יענער צייט אן, האט ער זיך געוואלגערט ביי א פויער אין א כאלופקע. מישא האט אזא קורצע צייט געפיהרט די ווירטהשאפט אין דעם גוט, אז ער האט ניט בעוויזען איבערצולאזען נאך זיך א בעזונדערס גוטע מיינונג; דאך האט דער אלטער דיענער זיך ניט געקענט איינהאלטען און, דערוויסענדיג פון דעם אנקומען פון זיין יונגען פריץ, איז ער גלייך געקומען צולויפען אויפ'ן בית עולם, האט געפונען מישא'ן, זיצענדיג צווישען די מצבות. אוים אלטער געוואהנהייט, האט ער ביי איהם געבעטען די הענטעל א קוש צו טהאן און זיך זאגאר צו־וויינט, קוקענדיג אויף די שמאטעס, אין וועלכע עס איז געוועזן איינגעהילט דער פערצערטעלטער קערפער פון זיין אמאליגען פריץ.

מישא האט לאנג שטום געקוקט אויף דעם אלטען.

— טימאפעי האט זיך א טרייסעל געטהאן.

— וואס פערלאנגט איהר? — האט ער געפרעגט.

— געפינט זיך ביי דיר א לאפעטע?

— מען קאן קריעגען. נור צו־וואס דארפט איהר א לאפעטע, מיכאילא אנדרעאיטש?

— איך וויל מיר דא אויסגראבען א קבר'ל, טימאפעי; און זיך דא טאקע שוין אוועקלייגען אויף אימער, נעבען די עלטערן. מיר איז דאך

אין דער גאנצער וועלט שוין מעהר גאָרנישט געבליבען, ווי דער דאָזי־
גער איינציגער אָרט. ברייננגט א לאָפּעטע!

— צו בעפעהל! האָט געזאָגט טימאָפעי, — איז אוועק און גע־
בראכט, וואָס מען האָט איהם געהייסען.

און מישא האָט זיך גלייך א נעהם געטהאָן גראָבען די ערד, און טימאָפעי איז געשטאַנען דערביי, אונטערשפּארענדיג מיט דער האַנד די מאָרדע און טענה'דיג נאָכאַנאַנד:

— יאָ, דאָס איז אַלעס, וואָס אונז ביידע איז פערבליבען פריי!

און מישא האָט געגראָבען און געגראָבען, פון צייט צו צייט פרע־
גענדיג:

— עס איז דאָך ניט כדאי צו לעבען, טימאָפעי, הא?

— ניין, ניט כדאי, ניט ווערטה, טאַטעלע.

די גרוב איז שוין געוואָרען גאַנץ טיעף. מענשען האָבען דערזעהן מישא'ס ארבייט און זיינען אוועקגעלאָפען מעלדען דעם נייעם בעזי־
צער, דעם אפּעריסט. דער אפּעריסט איז צו ערשט שטארק אין כעס געוואָרען, האָט געוואָלט שיקען נאָך פּאָליציי: שטייטע, הייסט עס אַזאַ שפּאָט! אַזאַ גאָטעס לעסטערונג! אָבער דערנאָך האָט ער זיך, וואהרשיינליך, געכאפּט, אז האָבען אַן עסק מיט אַזאַ משוגענעם איז גאָר ניט בעקוועם, עס קען נאָך ארויסקומען א סקאנדאל—איז ער אליין אוועק אויפ'ן בית עולם — און צוגעקומען צו דעם האַווענדיגען מישא'ן האָט ער זיך פאר איהם העפליך פערנייגט. יענער האָט זיך געגראָבען ווייטער, ווי ער וואָלט איהם גאָר ניט בעמערקט.

— מיכאאיל אַנדרעאיטש — האָט אָנגעהויבען דער אפּעריסט— ערלויבט מיר צו וויסען, וואָס איהר טהוט דאָ?

— אָט איהר זעהט דאָך — איך גראָב פאר זיך א קבר.

— צו־וואָס איז דאָס?

— אָט דערפאר, ווייל איך וויל מעהר ניט לעבען.

דער אפּעריסט האָט אַזש א מאך געטהאָן מיט די הענד.

— איהר ווילט ניט לעבען?

מישא האָט שטרענג א קוק געטהאָן אויף דעם אפּעריסט.

— דאָס וואונדערט אייך? זייט איהר דען ניט די אורזאך דער־
פון? ניט איהר?... ניט דו?... ניט דו, פעררעטהער, האָסט מיך בעראַבעוועט, בענוצענדיג זיך מיט מיין קינדערשקייט, מיין יוגענד?

ניט דו רייסט די פּעל פון די פּויערים? ניט דו האָסט אַט ביי דעם דאָ־
זיגען אַלטען גרייז צוגענומען דאס שטיקעל טרוקען ברויט? ניט דו?..
אַך, גאָט מיינער! אומעדום די זעלבע אונגערעכטיגקייט, און אונטער־
דריקונג, און גזילה... אַלסדינג, הייסט עס, געהט צו גרונד, אַלסדינג
— זאָל איך אויך געהן! איך וויל ניט לעבען, איך וויל אין רוסלאַנד
מעהר ניט לעבען!...

און די לאָפּעטע האָט נאָך פלינקער גענומען ארבייטען אין מי־
שאַ'ס הענד.

דער טייפעל ווייסט, וואס דאס איז אזוינס! — האָט א טראַכט
געטהאָן דער אפּעריסט — ער קאָן זיך נאָך אויף אָן אמת בעגראָבען.

— מיכאַאיל אַנדרעאיטש — האָט ער איבער א נייעם אָנגעהויב־
בען — הערט אויס; איך בין ווירקליך שולדיג אַנטקעגען אייך; מיר
האָט מען וועגען אייך ניט ריכטיג איבערגעגעבען. (מישאַ האָט גע־
גראָבען.) אבער פאר וואָס זייט איהר אזוי פערצווייפעלט? (מישאַ
האָט אַלץ געגראָבען און די ערד געוואָרפען דעם אפּעריסט אויף די
פיס, — ווי יענער זאָגט: — „נאַ דיר, קיי די ערד, דו ערד־פרע־
סער!") — ווירקליך, דאָס איז גאָר ניט נויטיג. איהר וואָלט אפשר
גאָר אריינגעהן צו מיר — עפּעס צובייסען און אָברוהען?

מישאַ האָט עטוואָס אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— אָט, ווי דו רעדסט שוין איצט! און אריינגיסען וועט זיין
וואָס?

דער אפּעריסט האָט זיך דערפרעהט.

— וואָס רעדט איהר.... ווי דען? אודאי!

— און טימאָפעי'ען וועסטו אויך איינלאַדען?

— פאַרוואָס ניט... איהם אויך.

מישאַ האָט זיך פערטראַכט.

— דו אָבער זעה... דו האָסט דאָך מיך געמאַכט פאר אָן אָרי־
מאַן... דו זאָלסט נור ניט דענקען, אז מיט איין פלעשעל וועסטו זיך
פון מיר אָבטשעפּען!

— זייט רוהיג... עס וועט זיין פון אַלעם לרוב.

מישאַ איז אויפגעשטאַנען און א וואָרף געטהאָן די לאָפּעטע...

— נו, טימאָשאַ — האָט ער זיך געווענדעט צום אַלטען דיאַדקע
— לאָמיר צוליעב טהאָן דעם בעל הבית... קום!

— צו בעפעהל — האט געענטפערט דער אלטער.
און אלע דריי זיינען אוועק אין הויז.
דער אפעריסט האט געוואוסט מיט וועמען ער האט דא צו טהאן. אמת טאקע, פון אנהויב האט מישא געגומען ביי איהם א ווארט, אז ער וועט די פויערים געבען אלע מעגליכע פרייהייטען; נור אין א שטונדע ארום האט שוין דער אייגענער מישא, צוזאמען מיט טימאָפעי'ען,ביידע שכור'ע, געטאנצט א האפקע אין די זעלביגע צימערען, וואו, עס האט אויסגעוויזען, אז עס שוועבט נאך דער גאטעס פירכטיגער גייסט פון אנדרעי ניקאלאיעוויטש'ן; און נאך אין א שטונדע ארום איז מישא, — וועלכער איז געשלאפען, ווי א גע'הרג'עטער, ארויסגעווארפען געווארען אויף א פוהר צוזאמען מיט דער פאפאכע און קינזשאל — אוועקגעפיהרט געווארען אין שטאדט, אזוי א פינף און צוואנציג ווערסט און... איז דארט געבליעבען ליעגען אונטער א פארקאן.... און טימאפעי'ען, וועלכער איז נאך אלץ געשטאנען אויף די פיס און האט נור געאכצעט, האט מען, פערשטעהט זיך, גענעבען אין קארק און ארויסגעיאגט. דעם פריץ האט מען עס ניט געקענט טהון, איז אם וויינינסטען כאטש דעם דיענער.

VI.

עס איז ווידער אוועק א געוויסע צייט און איך האב גארנישט געהערט פון מישא'ן... גאט ווייסט איהם, וואו ער איז אהינגעקומען.— איין מאל, זיצענדיג אויף א סטאנציאן פון דעם ט...ער שאסע, ווארטענדיג אויף פערד, דערהער איך פלוצים אונטער דעם אפענעם פענסטער פון'ם סטאנציאנעם צימער, א הייזעריגען קול, זאגענדיג אויף פראנצויזיש: „מיין הערר, מיין הערר, שענקט עפעס א רואינירטען עדעלמאן...‟ איך האב אויפגעהויבען דעם קאפ, האב א קוק געטהאן.... אן אבגעקראכענע פאפאכע, צובראכענע פאטראנעס אויף א צוריסענעם טשערקעסישען קאפטען, א קינזשאל אין א צושפאלטענער שיידעל, א פערשוואלענער, אבער אלץ נאך ראזאווער פנים, צושויבערטע, אבער אלץ נאך גערדיכטע האאר... מיין גאט! מישא!

— ער האָט שוין אָנגעהויבען בעטלען נדבות איבער די וועגען! — איך האָב ניט ווילענדיג א געשריי געטהאָן. ער האָט מיך דערקאָנט, זיך א טרייסעל געטהאָן, אָבגעקעהרט זיך, און שוין געהאַט געוואָלט אוועקגעהן פון'ם פענסטער. — איך האָב איהם אָבגעשטעלט.... אָבער וואָס האָב איך איהם געזאָלט זאָגען? איך'ל דאָך ניט נעהמען איהם איצט זאָגען מוסר?!.. שווייגענדיג, האָב איך איהם דערלאַנגט א פינף רובעלדיגע אַסיגנאַציע — ער האָט עס אויך שווייגענדיג א כאַפּ געטהאָן מיט זיין נאָך אַלץ ווייסער און ווייכער, כאָטש ציטע־רענדער און ניט גאָר ריינער הענטעל — און איז פערשוואונדען הינ־טער'ן ראָג פון'ם הויז.

מיר האָט מען ניט גליך דערלאַנגט פערד, און איך האָב צייט געהאַט זיך אריינצולאָזען אין ניט פרעהליכע געדאַנקען וועגען דער אונערוואַרטעטער באַגעגעניש מיט מישא'ן; דאס געוויסען האָט מיך גענומען פּלאָגען, וואס איך האָב איהם אזוי גלייכגילטיג געלאָזען אוועקגעהן. צום סוף, בין איך אוועקגעפאָהרען ווייטער — און, אָב־פּאָהרענדיג ארום א האַלב ווערסט פון דער סטאַנציאָן, האָב איך בע־מערקט אין פאָראויס, אויף דעם וועג, אַן עולם מענשען, וועלכער האָט זיך עפּעס מאָדנע בעוועגט, ווי מיט אַן אויסגעמאָסטענעם טראָט. איך האָב אָנגעיאָגט דעם עולם — און וואס־זשע האָב איך דערזעהן? — א מאַן צוועלף בעטלערס, מיט טאָרבעס איבער'ן פּלייצע, זיינען גע־גאַנגען צו פּאָאר־ווייז אין א רייהע, אונטערזינגענדיג און אונטער־שפּרינגענדיג, — און פאַר זיי, אין פאָראויס, האָט זיך געהאָפּקעט מישא, קלאַפּענדיג אין טאַקט מיט די פיס און ריידענדיג דערביי: „נאַטשיקי — טשיקאַלדי, טשוק־טשוק־טשוק! נאַטשיקי — טשיקאַל־די, טשוק־טשוק־טשוק!"

ווי נור מיין קארעטע איז צוגעקומען נאָהענט צו איהם און ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער גלייך א געשריי געטהאָן: „אורא! שטעה! גלייך זיך אוים אין פראָנט, מיין גוואַרדיע!" די בעטלער האָבען אונ־טערגעכאַפּט זיין געשריי און זיך אָבגעשטעלט. — און ער איז מיט זיין געוועהנליכען געלעכטער, ארויפגעשפּרונגען אויף דעם טרעפּעל פון מיין קארעטע און ווידער א געשריי געטהאָן: „אורא!"

— וואס איז דאָס אזוינס? — האָב איך געפרעגט פערוואונ־דערט.

— דאס? דאס איז מיין גוואַרדיע, מיין אַרמיי — אַלע אָרימע לייט, קבצנים, גאָט'ס מענשען, פריינד־חברים! יעדער פון זיי האָט, א דאנק אייער גוטסקייט, אריינגעגאָסען א גלעזעלע — און אָט איצט פרעהען מיר זיך אַלע און מאַכען זיך פרעהלאך!... פעטער'ל! נור מיט בעטלער, מיט גאָט'ס מענשען, קאָן מען לעבען אויף דער וועלט... ביי גאָט!...

איך האָב איהם גאַרנישט געענטפערט.... אבער דעם מאָל האָט ער זיך מיר אויסגעוויזען צו זיין אזא וואוילער, זיין פנים האט אויס־געדריקט אזא קינדערשע גוטמוטהיגקייט... עפּעס האָט מיר פּלוצים ווי א לייבט געטהאָן און אין הארצען האָט א שטאָך געטהאָן....

— זעץ זיך צו מיר אין קארעטע — זאָג איך צו איהם.

ער האָט זיך פערוואונדערט.

— ווי? אין קארעטע?

— זעץ זיך, זעץ זיך — האָב איך ווידער געזאָגט — איך וועל דיר מאַכען א פאָרשלאָג. זעץ זיך!... פאָהר מיט מיר.

— נו, ווי איהר ווילט. — ער האָט זיך געזעצט. — נו, און איהר, פריינד מיינע ליעבע, חברים געאַכטעטע — האָט ער געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו די בעטלער — זייט מיר געזונד! צום ווידערזעהן!

מישא האָט אראָבגענומען די פּאַפּאַכע און זיך נידעריג פאַר־נייגט.

די בעטלער זיינען אַלע געבליבען שטעהן, ווי צומישטע... איך האָב געהייסען דעם קוטשער א טרייב טהאָן די פערד, און די קארעטע האָט זיך אוועקגעטראָגען.

אָט וואס איך האָב געוואָלט פערשלאָגען מישא'ן: מיר איז פּלו־צים איינגעפאלען א געדאנק איהם צו נעהמען צו זיך, אין מיין דאָר־פישער הויז, וועלכע האָט זיך געפונען א ווערסט דרייסיג פון יע־נער סטאַנציע, — ראטעווען איהם, אָדער, אמווייניגסטען, פרובען איהם ראטעווען.

— הער אויס, מישא — האָב איך געזאָגט — ווילסט זיך בעז־זעצען ביי מיר?... וועסט לעבען אויף אַלעם פארטיגען, מען וועט דיר אויפנעהען קליידער, וועש; מען וועט דיך אויסקליידען, ווי געהעריג איז, און געלד וועט מען דיר געבען אויף טאבאק און אנ־

דערע זאַכען, אָבער מיט איין בעדינג: זאָלסט ניט טרינקען .... ביזטו צופריעדען?

מישא האָט זיך זאָגאר דערשראָקען פאר פרייד: האָט אויס־געשטירעט די אויגען, איז רויט געוואָרען און פלוצים, צופאַלענדיג צו מיין אקסעל, האָט ער מיך אָנגעהויבען קושען און גערעדט מיט א פארשטיקטען קול:

— פעטער'ל . . . וואָהלטהעטער . . . זאָל איך גאָט גע־בען!... — ער האָט זיך צום סוף צו־וויינט און, אראָבנעהמענדיג די פאַפּאכע פון'ם קאָפּ, האָט ער זיך גענומען אָבווישען מיט איהר די אויגען, די נאָז און די ליפּען.

— זעה־זשע — האָב איך איהם געזאָגט — געדענקט די בעדינ־גונג: —ניט טרינקען קיין שטאַרקע משקאות!

— זאָל עס זיין פערפלוכט! — האָט ער א געשריי געטהאָן, א מאַך טהאָנדיג מיט ביידע הענד, און, צוליעב דער דאָזיגער היציגער בעוועגונג, האָט אויף מיר נאָך שטאַרקער א זעץ געטהאָן דער גערוך פון בראַנפען, מיט וועלכען ער איז אין גאַנצען געווען אָנגעזאַפּט...

— ווען איהר, פעטער'ל זאָלט וויסען, ווי אַזוי איך לעב... ווען ניט דער עלענד, דער בייזער שיקזאַל... דערפאַר אָבער איצט, איך שווער, איך שווער, איך וועל זיך פערבעסערען, איך'ל בעוויי־זען... פעטער'ל, איך האָב קיין מאָל ניט געלייגט — פרעגט ווע־מען איהר ווילט... איך בין א'ן עהרליכער, נור א'ן אונגליקליכער מענש, פעטער'ל; קיין לאַסקע האָב איך פון קיינעם ניט געזעהן...

דאָ האָט ער זיך אין גאַנצען צו־כליפּעט. איך האָב זיך גע־סטאַרעט איהם צו בערוהיגען און דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבען, ווייל ווען מיר זיינען צוגעפאָהרען צו מיין הויז, איז מישא שוין לאַנג געשלאָפען, ווי א גע'הרג'טער, אָנגעשפּאַרעט דעם קאָפּ ביי מיר אויף די קניע.

VII.

איהם האָט מען גלייך געגעבען א בעזונדער צימער און די ערשטע זאַך האָט מען איהם גלייך אָוועקגעפיהרט אין באָד, וואָס איז געווען זעהר נויטהיג. זיין גאַנצע קליידונג, אי דעם קינזשאַל,

אי די פּאַפּאַכע, אי די לעבערדיגע שטיוועל האָט מען פאַרזיכטיג צו־זאַמענגעלעגט און ארויפגעטראָגען אויף'ן בוידעם . . . איהם האָט מען אָנגעטהאָן רײנע וועש, פּאַנטאָפּעל און עפּעס עס איז פון מײנע קלײדונג, װעלכע, װי עס פּאַסירט אָפט מיט אָרימע לײט, האָט זיך גראדע געפּאַסט פאר זײן װאוקס און פיגור. װען ער איז געקומען צום טיש א'ן אָבגעװאַשענער, א רײנער, א פרישער — האָט ער אויסגעזעהן אזוי געריהרט, אזוי גליקליך, ער האָט אין גאַנצען געלױכטען מיט אזא פרײדיגער דאַנקבּאַרקײט,, אז איך אַלײן האָב זיך אויך געפיהלט געריהרט און דערפרעהט . . . זײן פּנים האָט זיך אין גאַנצען פערענדערט... בײ צװעלף־יאָהריגע אינגלאַך זעהט מען אזעלכע פּנים'ער יום־טוב־צײט, װען זײ, גלײך פון דער קירכע, קומען פערבאָרשטענע, אויסגעפּוצטע, אין נײע רעקלאַך און געקראָכמאַליעטע קאַלנערלאַך, צו זײערע עלטערן װינ־שען א גוט יום טוב. מישא האָט נאָך אנאַנד געהאַלטען אין אײן טאַפּען זיך פאַרזיכטיג און פערװאונדערט און האָט אַלץ װידער־האָלט : „װאָס איז דאָס ?... צו בין איך ניט אויף'ן הימעל ?״

— און אויף דעם צװײטען טאָג האָט ער ערקלעהרט, אז ער האָט א גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען פאר פרײד ! בײ מיר אין הויז האָט דאַן געװאָהנט א'ן אַלטע מוהמע מיט איהרער א פּלימעני־צע ; זײ בײדע האָבען זיך געפיהלט זעהר ניט אנגענעהם, װען זײ האָבען זיך דערװאוסט װעגען מישא'ס אָנקומען ; זײ האָבען ניט געקענט פערשטעהן, װי אזוי איך האָב איהם געקענט אײנלאַדען צו זיך אין הויז ! אזא שלעכטען נאָמען האָט ער געהאַט. אָבער, ערשטענס, האָב איך געװאוסט, אז ער איז שטענדיג געװען זעהר העפליך מיט דאַמען, און, צװײטענס, האָב איך געהאָפט אויף זײן פערשפּרעכען זיך צו בעסערען. און װירקליך : אין די ערשטע צװײ טעג, װאָס ער האָט פערבראַכט אונטער מײן דאַך, האָט מישא ניט נור פערװירקליכט אַלע מײנע ערװאַרטונגען, ער איז זאָגאַר געװען בעסער, װי איך האָב זיך געקענט פאָרשטעלען ; און מײנע דאַמען האָט ער אײנפאַך בעצױבערט. מיט דער אַלטער האָט ער געשפּיעלט אין פּיקעט, האָט איהר געהאָלפען װיקלען באַװעל ; דער פּלימעניצע, װעלכע האָט געהאַט א קלײן שטימעלע, האָט ער אַקאָמפּאַנירט אויף דער פּיאַנא, געלעזען איהר רוסישע און פראַנ־

צוויזישע פערזען; האטביידע דאמען דערצעהלט פרעהליכע אבער אנשטענדיגע אנעקדאטען; מיט איין ווארט, ער האט אויף אלע אופנים זיך געסטארעט זיי צו דיענען, אזוי, אז זיי האבען ניט איין מאל אויסגעדריקט פאר מיר זייער פערוואונדערונג, און די אלטע האט זאגאר בעמערקט, אז מענשען קאנען א מאל זיין זעהר אונ־גערעכט... וואס, וואס האט מען וועגען איהם ניט גערעדט?... און ער איז אזא רוהיגער און אזא העפליכער . . . ארימער מישא! אמת, ביים טיש האט דער „ארימער מישא" זיך עפעס בעזונדערס איילענדיג בעלעקט יעדעס מאל, ווי נור ער האט א קוק געטהאן אויף דער פלעשעל. אבער איך האב בלויז געדארפט א סטראשע טהאן מיט א פינגער, און ער האט אויפגעהויבען די אויגען ארויף, און צוגעדריקט די האנד צום הארצען . . . „איך,הייסט עס, האב גע־שווארען"... — „איך בין איצט, ווי נייגעבארען! האט ער מיך פערזיכערט." — מילא, זאל גאט געבען, עס זאל טאקע אזוי זיין! האב איך ביי זיך געטראכט . . . דאך, די דאזיגע ענדערונג האט אנגעהאלטען ניט לאנג.

די ערשטע צוויי טעג איז ער געוועזן ריידעוודיג און פרעהליך. נור שוין אנהויבענדיג פון דריטען טאג, איז ער עפעס גאר שטיל געווארען, כאטש ער האט זיך נאך, ווי פריהער געהאלטען ארום די דאמען און זיי אונטערהאלטען. דא א'ן אומעדיגער און דא א פערטראכטער אויסדרוק האט גענומען שוועבען אויף זיין פנים, און דער פנים אליין איז אויך בלייכער געווארען און עפעס, ווי מיאוסער.

— דו ביזט ניט געזונד? — האב איך איהם געפרעגט.

— יא, האט ער געענטפערט —דער קאפ טהוט מיט א ביסעל וועה.

אויף דעם פערטען טאג איז ער שוין גאר אנשוויגען געווארען. איז אלע געזעסען אין א ווינקעלע מיט א'ן אומעדיג אראבגעלאזענעם קאפ און האט מיט זיין טרויעריגען אויסזעהן ערוועקט א געפיהל פ־ין בעדויערען און ביידע דאמען, וועלכע האבען שוין איצט פון זייער זייט, זיך געסטארעט איהם צו אונטערהאלטען. ביים טיש האט ער גארנישט געגעסען, געקוקט אין טעלער אריין און גערעהט קיי־קעלאך. אויף דעם פינפטען טאג האט דאס געפיהל פון בעדויערען

ביי די דאמען גענומען פערוואנדעלט ווערען אין א׳ן אנדער געפיהל: אין א געפיהל פון אונצוטרויען און זאגאר שרעק. מישא איז ווילד געווארען, האט זיך געהאלטען פון ווייטען פון מענשען און איז אלץ געגאנגען ארום די ווענט, ווי זיך גע׳גנב׳עט און זיך פלוצים ארומ־געקוקט, ווי אימיצער וואלט איהם גערופען. און וואו איז אהינגעקו־מען די ראזאווע פארב פון זיין פנים? ער האט זיך עפעס אזוי ווי מיט דער ערד אויסגעמישט.

— דו ביזט נאך אלץ ניט געזונד? — האב איך איהם גע־פרעגט.

— ניין, איך בין געזונד. — האט ער געענטפערט אבגע־האקט.

— איז דיר לאנגווייליג?

— פארוואס זאל מיר זיין לאנגווייליג —ענטפערט ער און אליין קעהרט ער זיך אב און קוקט ניט גלייך אין די אויגען.

— האסטו אפשר ווידער גענומען בייזקען?

אויף דעם האט ער מיר גארנישט געענטפערט. אזוי זיינען אוועק נאך צוויי מעת לעת. אויף דעם נעכסטען טאג איז די מוהמע געקומען צו לויפען צו מיר אין קאבינעט זעהר א׳ן אויפגערעגטע און האט מיר ערקלעהרט, אז זי מיט דער פלימעניצע וועט אוועקפאהרען פון מיין הויז, אויב מישא וועט דארט בלייבען.

— פאר וואס עפעס?

— עס איז אונז מיט איהם צו מורא׳דיג... ניט קיין מענש, נור א וואלף, אזוי ווי דו זעהסט א וואלף. געהט ארום, געהט ארום, שווייגט — און קוקט עפעס אזוי ווילד . . . מעהר ניט מיט די צייהן טראסקעט ער נים. מיין קאטיא, ווייסטו דאך, איז אזא נערוועזע... דעם ערשטען טאג האט זי זיך מיט איהם אזוי פער־אינטערעסירט... מיר איז מורא׳דיג פאר איהר, און פאר זיך אליין אויך . . .

איך האב ניט געוואוסט, וואס דער מוהמע׳ן צו ענטפערן. איך האב דאך אבער ניט געקענט ארויסטרייבען מישא׳ן, וועלכען איך אליין האב איינגעלאדען.

ער אליין האט מיר ארויסגעהאלפען פון דער אונאנגענעהמער לאגע.

אין דעם זעלבען טאָג — איך בין נאָך ניט ארויס פון קאבינעט — ערשט פּלוצים, הער איך פאר זיך א הייזעריגען און בייזען קול :

— ניקאָלאַי ניקאָלאאיטש, הערט ניקאָלאַי ניקאָלאאיטש !

איך האָב זיך ארומגעקוקט : ביי דער טיר שטעהט מישא מיט א מורא'דיגען, פינסטערען, פערקרימטען פּנים.

— ניקאָלאַי ניקאָלאאיטש ! — האָט ער ווידערהאָלט . . . (שוין ניט „פעטער'ל").

— וואָס ווילסטו ?

— לאָז מיך אָב . . . גלייך !

— וואָס ?

— לאָז מיך אָב, אז ניט וועל איך אָנמאכען צרות, איך'ל אונטערצינדען דאָס הויז, אָדער וועל קויל'ענען וועמען עס איז.

— מישא האָט זיך אין גאנצען גענומען טרייסלען — הייסט מיר צוריקגעבען מיינע קליידער און א פֿוהר גיט, מיך צוצופיהרען ביז'ן שאָסעע, און געלד אביסעל, כאָטש וויפיעל עס איז גיט מיר !

— ביזטו דען מיט עפּעס ניט צופריעדען ? — האָב איך אָנגעהויבען.

— איך קען אזוי ניט לעבען ! — האָט ער גענומען שרייען מיט ווילדע קולות — איך קען ניט לעבען אין אייער פּריצישען, פערפלוכטען הויז ! מיר איז עקעלדיג, עס איז געגען מיין געוויסען צו לעבען אזוי רוהיג !... ווי קאָנט איהר עס אריבערטראָגען אזא לעבען ?...

— דאָס הייסט — האָב איך איהם אונטערבראָכען פון מיין זייט, — דו ווילסט זאָגען — אָהן וויין קענסטו נישט לעבען...

— נו, יאָ !... — האָט ער ווידער גענומען שרייען : — אבי נור לאָזט מיך אָב, לאָזט מיך צוריק צו מיינע ברידער, צו מיינע פריינד, צו די בעטלער !... וואָס ווייטער אוועק פון אייער פּריצישער, אנשטענדיגער, העסליכער פּאראָדע !

איך האָב איהם געוואָלט דערמאהנען אָן זיין פערשפּרעכען, אָן זיינע שבועות, אָבער דער וויטענדער אויסדרוק אויף מישא'ס פּנים, זיין איבערגעריסענער קול, דאָס פיבערהאַפטע ציטערען פון אלע זיינע גליעדער — דאָס אלעס איז געוועזען אזוי שרעקליך, אז איך האָב זיך געאיילט פון איהם וואָס גיכער אָבצושעפּען ; איך האָב איהם

ערקלעהרט, אז מען וועט איהם גלייך ארויסגעבען זיינע קליידער, מען וועט איינשפאנען פאר איהם א פוהר, און ארויסנעהמענדיג פון שופליאָדעק א פינף און צוואנציגער, האָב איך עס אוועקגעלייגט אויף דעם טיש.

מישא האָט שוין געהאט גענומען צוטרעטען צו מיר מיט רוגזה — נור דאָ איז ער פלוצים געבליבען שטעהן, זיין פנים איז אין דער מינוט צוקרימט געוואָרען, האָט זיך אָנגעצונדען, ער האָט זיך א זעץ געטהאָן אין ברוסט, טרעהרען האָבען זיך א גאָס געטהאָן פון זיינע אויגען און, אויסשטאמלענדיג: — פעטער'ל! מלאך! איך בין דאָך א פערלאָרענער מענש! — א דאנק! א דאנק! — האָט ער געכאפט די אסיגנאציע און איז ארויסגעלאָפען פון קאבינעט.

אין א שטונדע ארום, איז ער שוין געזעסען אין פוהר, ווידער אָנגעטהאָן, ווי א טשערקעס, ווידער א ראזאוועד און פרעהלאכער, און ווען דיא פערד האָבען זיך געריהרט פון אָרט, האָט ער א סוויסטשע געטהאָן, אראָבגעריסען די פאפאכע פון'ם קאָפּ און, פאָר־בענדיג מיט איהר איבער'ן קאָפּ, האָט ער זיך פערנויגט אויף אַלע זייטען. פאר'ן סאמען אוועקפאָהרען האָט ער מיך לאנג און שטארק ארומגענומען און געשטאמעלט: — וואָהלטהעטער, וואָהלטהעטער... מיך קען מען שוין ניט רעטען!

ער איז זאָגאר אוועקגעלאָפען צו די דאמען און זיי די הענטלאך געקושט, זיך אויף די קניע געשטעלט און ביי גאָט מחילה געבעטען! קאטיא'ן האָב איך שפעטער געטראָפען א פערוויינטע.

און דער קוטשער, מיט וועלכען מישא איז אוועק, האָט זיך צוריקקעהרענדיג, מיר געמעלדעט, אז ער האָט איהם דערפיהרט ביז דעם ערשטען שענק פון שאָסע — און אז דאָרט „זיינען זיי גע־בליעבען שטעקען", האָבען גענומען מכבד זיין אַלעמען אָהן אויס־נאהמע — און אין גיכען זיינען זיי געוואָרען בעוואוסטלאָז.

פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך שוין מעהר ניט געטראָפען מיט מישא'ן, אָבער די ענדע פון זיין שיקזאל האָב איך זיך דערוואוסט אויף דעם פאָלגענדען אופן.

VIII.

מיט א יאָהר דריי שפּעטער, איך האָב זיך געפונען ביי זיך אין דאָרף; פּלוצים קומט אריין א דיענער און מעלדעט, אז אויף מיר פרעגט פרוי פּאָלטעוו. איך האָב קיין שום פרוי פּאלטעוו ניט געקענט, דערצו האָט דער דיענער, וועלכער האָט מיר וועגען איהר געמעלדעט, עפּעס מאָדנע סארקאסטיש געשמייכעלט. אויף מיין פרעגעדיגען בליק האָט ער געענטפערט, אז די דאמע, וואָס פרעגט זיך אויף מיר, איז א יונגע, אָרעם געקליידעטע, און אז געקומען צופאָהרען איז זי אויף א פויערשער פוהר, וועלכע זי האָט אַליין אָנגעטריעבען! איך האָב געהייסען אריינבעטען די פרוי פּאלטעוו צו מיר אין קאבינעט.

איך האָב דערזעהן א פרוי פון א יאָהר פינף און צוואנציג, אָנגעטהאָן, ווי א בירגער־פרוי, מיט א גרויסען טוך אויף דעם קאָפּ. דאָס פּנים, אָן איינפאכער, א קיילעכדיגער, ניט קיין אונאנגענעהמער; דער בליק אָן אראָבגעלאָזענער און עטוואס טרויעריגער, די בעוועגונגען שעהמעוודיגע.

— איהר זייט עס פרוי פּאלטעוו? — האָב איך געפרעגט און זי געבעטען זיצען.

— יא, איך — האָט זי געענטפערט מיט א שטיל קול און זיך ניט געזעצט. — איך בין די אלמנה פון אייער פּלימעניק, מיכאאיל אנדרעאיטש פּאָלטעוו.

— מיכאאיל אנדרעאיטש איז געשטאָרבען? שוין לאנג? אָבער זעצט זיך, איך בעט אייך.

זי האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף א שטוהל.

— שוין דער צווייטער מאָנאט.

— און איהר האָט שוין לאנג מיט איהם געהייראט?

— איך האָב מיט איהם אין גאנצען איין יאָהר געלעבט.

— פון וואנען קומט איהר איצט?

— איך בין פון אונטער טולא... דאָרט געפינט זיך א געוועזער דאָרף זנאמענסקאָיע גלושקאווא — פיליישט איז אייך בעקאנט. איך בין דעם דאָרטיגען דיאקאָנ׳ס א טאָכטער. איך מיט מיכאאיל

אנדרעאיטש'ען האָבען דאָס טאַקע דאָרט געוואָהנט . . . ער האָט זיך באַזעצט ביי מיין פאָטער. אין גאַנצען איין יאָהר האָבען מיר צו־זאַמען אָבגעלעבט.

ביי דער יונגער פרוי האָבען די ליפּען לייכט אַ ציטער געטהאָן — און זי האָט צו זיי צוגעטראָגען די האַנד. עס האָט אויסגעזעהן, אַז זי קלייבט זיך צו וויינען — דאָך האָט זי זיך בעהערשט, און זיך אָבגעהוסט.

— דער זעליגער מיכאאיל אַנדרעאיטש — האָט זי ווייטער גע־רעדט — האָט מיר פאַר'ן סאַמע טויט אנגעזאָגט, איך זאָל צו אייך אריבערפאָהרען; אונבעדינגט, זאָגט ער, פאָהר אריבער! און ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אייך דאַנקען פאַר אייער גרויסע גוטסקייט, און איך זאָל אייך איבערגעבען . . . אָט דיעזע . . . קליינע זאַך (זי האָט דערביי ארויסגענומען פון קעשענע אַ קליינעם קלומיקעל), וועלכע ער האָט אימער געהאַט ביי זיך . . . און מיכאאיל אנדרעאיטש האָט געזאָגט — אַז אויב איהר וועט עס וועלען אָננעהמען אַלס אַנ־דענקען — טאָ זאָלט איהר זיך דערמיט ניט שעהמען . . . מיט קיין אַנדער זאַך, זאָגט ער, קען איך זיי, דאָס הייסט, אייך . . . ניט בעשענקען . . . איך האָב מעהר גאָרנישט . . .

אין דעם דאָזיגען קלומיק'ל האָט זיך געפונען אַ קליינער זילבער־נער בעכער'ל מיט דעם נאָמענס־צוג פון מישאַ'ס מוטער. דעם דאָ־זיגען בעכער'ל האָב איך אָפט געזעהען אין מישאַ'ס הענד, — און איין מאָל, ריידענדיג וועגען אַ געוויסען אָרימאַן, האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז מסתמא איז ער גאָר הויל, ווען ער פערמאָגט אפילו קיין בעכער'ל אויך ניט . . . — און ביי מיר, געפינט זיך כאָטש, אָט דיעזער.

איך האָב געדאַנקט, גענומען דאָס בעכער'ל און געפרעגט: פון וואָס פאַר אַ קראַנקהייט מישא איז געשטאָרבען? — וואהרשיינ־ליך . . .

דאָ האָב איך פערביסען די צונג . . . נור די יונגע פרוי האָט פערשטאַנען מיין ניט דער־ריידען . . . זי האָט פלינק אַ קוק געטהאָן אויף מיר, דערנאָך אראָבגעלאָזען די אויגען, טרויעריג אַ שמייכעל געטהאָן און גלייך ארויסגערעדט:

— אך, ניין ! דאס האט ער אין גאנצען אוועקגעווארפען, פון דער צייט אן, וואס ער האט זיך מיט מיר בעקענט... אבער זיין געזונד איז דאן שוין אין גאנצען געווען א פערלארענער. אזוי שנעל, ווי ער האט אויפגעהערט צו טרינקען, האט זיך זיין קראנקהייט גלייך ארויסגעוויזען. ער איז געווארען אזא ערענסטער, א סאלידער; האט אלץ געוואלט דעם פאטער העלפען אין דער ווירטשאפט, אדער אין גארטען... אדער וואס עס האט זיך ניט געמאכט פאר אן אר־בייט... ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט אליין געשטאמט פון די אדעליגע. אבער וואו האט ער געזאלט נעהמען כוחות ?... ער האט זיך אויך געוואלט פערנעהמען מיט שרייבען — דיעזע אר־בייט, ווי איהר ווייסט, האט ער אויסגעצייכענט געקאנט ; אבער די הענד האבען זיך ביי איהם געטרייסעלט — און די פעדער האט ער ניט געקענט האלטען, ווי עס בעדארף צו זיין... ער האט זיך אלץ געמאכט פארווירפע : איך בין א מענש מיט ווייסע הענטעלאך, האב קיינעם קיין גוטעס ניט געטהאן, קיינעם ניט געהאלפען, ניט געהארעוועט ! און אט דערפון האט ער זיך זעהר צום הארצען גע־נומען... האט געזאגט, אז דאס פאלק, הייסט עס, הארעוועט, פראצעוועט —און מיר וואס ?... אך, ניקאלאי ניקאלאאיטש, א גוטער מענש איז ער געווען — און מיך האט ער געליעבט... און איך... אך, ענטשולדיגט...

דא האט די יונגע פרוי זיך טאקע צו־וויינט. עס האט זיך מיר געוואלט זי טרייסטען — און איך האב ניט געוואוסט, ווי אזוי.

— איז אפשר ביי אייך פערבליעבען אן עופה'לע ? — האב איך צום סוף געפרעגט.

זי האט א זיפץ געטהאן.

— ניין, עס איז ניט געבליעבען... ווי אזוי איז עס דען מעג־ליך געווען ! — און די טרערען האבען זיך גענומען גיסען נאך שטאר־קער...

איז אט, מיט וואס עס האבען זיך געענדיגט מישא'ס וואנדערונ־גען איבער די שבעה מדורי גהינום, האט געענדיגט דער אלטער פ. זיין ערצעהלונג. — איהר, מיינע העררן, וועט געוויס זיין איינפער־

שטאנדען מיט מיר, אז איך האב א רעכט איהם צו רופען הפקר־מענש; נור איהר ועט, וואהרשיינליך צוגעבען אויך דאס, אז ער איז ניט עהנליך געווען אויף די היינטיגע הפקר־מענשען, הגם, מען מוז דענקען, אז א פילאזאף וואלט געפונען געוויסע פערוואנדט־שאפטליכע שטריכען צווישען איהם און זיי. אי דארט, אי דא פיהלט זיך א מין דורשט נאך זעלבסט־פערניכטונג, א בענקעניש, א אונ־בעפריעדיגטקייט . . . און פון וואנען דאס אלעס נעהמט זיך, לאז איך איבער — טאקע פאר דעם פילאזאף צו ערקלעהרען.

א חלום

א חלום

I.

איך האָב דאן מיט מיין מוטער געוואָהנט אין א קליינער שטאָדט ביים ים. מיר איז געוואָרען זיבעצעהן יאָהר און די מוטער איז נאָך ניט געווען אפילו קיין פינף־און־דרייסיג; זי האָט זעהר יונג גע־הייראַטה. ווען מיין פאטער איז געשטאָרבען איז מיר געגאנגען דאָס זיבעטע יאָהר, דאָך האָב איך איהם גוט געדענקט. מיין מוטער איז געווען ניט גרויס געוואָקסען, א בלאָנדע פרוי, מיט א רייצענדען, נור שטענדיג אומעדיגען פּנים, מיט א שטילען, מיעדען קול, און ניט דרייסטע בעוועגונגען. אין דער יונגענד איז זי געווען בעריהמט מיט איהר שעהנהייט און איז ביז איהר סוף געבליעבען צוציהענד און ליעב־ליך. איך האָב אין מיין לעבען ניט געזעהן קיין טיעפערע, צערט־ליכערע און מעהר אומעדיגע אויגען, קיין דינערע און ווייכערע האָאָר; איך האָב ניט געזעהן קיין שעהנערע הענד. איך האָב זי פארגעטערט, און זי האָט מיך אויך געליעבט . . . אָבער אונזער לעבען איז אוועק ניט פרעהלאָך: עס האָט זיך געדאכט, אז א געהיימער, אונהיילבאַ־רער, ניט פערדיענטער וועהטאָג האָט שטענדיג געטאָטשעט און גע־נאָגט איהר הארץ, און איהר לעבען ניט געלאָזט. דיעזער וועהטאָג האָט זיך ניט געקענט ערקלעהרען בלויז מיט דעם טרויער נאָך דעם פאָטער, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, ווי ליידענשאפטליך מיין מוטער זאָל איהם ניט האָבען געליעבט, ווי הייליג זי זאָל ניט האָבען גע־האַלטען דאָס אנדענקען ווענגן איהם... ניין! דאָ איז געווען פאר־באָרגען עטוואס אנדערעס, וואָס איך האָב ניט פערשטאַנען, וואָס איך האָב אָבער געפיהלט, געפיהלט ניט קלאָהר אָבער שטארק, ווי נור איך פלעג א קוק טהאָן אויף די דאָזיגע שטילע און ניט בעוועגלי־כע אויגען, אויף דיעזע פרעכטיגע, אויך ניט בעוועגליכע, ניט ביטער

צוזאמענגעדריקטע, נור עפּעס אַזוי ווי אויף עביג פערשטיינערטע ליפּען.

איך האָב געזאָגט, אַז די מוטער האָט מיך געליעבט; נור עס זיינען געוועזן מינוטען, ווען זי האָט מיך אָבגעשטויסען פון זיך, ווען מיין אַנוועזענהייט איז איהר געוועזן שווער אונערטרעגליך. זי האָט דאַן געפיהלט אַ ניט ווילענדיגען עקעל צו מיר... שפּעטער האָט זי זיך אַליין געשראָקען, האָט מיט טרעהרען זיך בעשולדיגט, געדריקט מיך צו איהר הארצען. דאָס מאָמענטאַלע אויפברויזען פון פיינדליכע געפיהלען צו מיר, האָב איך צוגעשריעבען צו דער מוטער'ס שוואַכען געזונד, צו איהר אונגליק... אמת, דיעזע פיינדליכע עמפּפינדונגען האָבען געקענט, ביז צו אַ געוויסען גראַד, ארויסגערופען ווערען דערפון, וואָס אין מיר האָבען צייטענווייז זיך ערוועקט גאַנץ אונפּערשטענדליכע, שלעכטע און פערברעכערישע געפיהלען... עס איז אָבער ניט אויסגעפאַלען אין יענע מאָמענטען, ווען מיין מוטער האָט געפיהלט צו מיר אַן עקעל. — מיין מוטער איז שטענדיג געוועזן געקליידעט אין שוואַרצען, ווי אין טרויער. געלעבט האָבען מיר אויף אַ גאַנץ גרויסען פוס — כאָטש מיר האָבען כמעט מיט קיינעם ניט געפיהרט קיין בעקאַנטשאַפט.

II.

מיין מוטער האָט אַלע איהרע געדאַנקען און געפיהלען קאָנצענטרירט אויף מיר. איהר לעבען האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט מיינעם. אַזאַ מין סאָרט פערהעלטנים צווישען עלטערן און קינדער זיינען ניט אַלע מאָל ניצליך פאַר די קינדער... זיי זיינען גיכער שעדליך. דערביי בין איך ביי דער מוטער געוועזן איין איינציגער... און איינציגע קינדער ענטוויקלען זיך מעהרסטען טהיילס ניט רעגעלמעסיג. ערציהענדיג זיי, זאָרגען די עלטערן וועגען זיך אַליין, פּונקט אַזוי פיעל, ווי וועגען זיי... דאָס טויג ניט. איך בין ניט צובאַלעוועט און ניט פאַרהאַרטעוועט געוואָרען (אי דאָס ערשטע אי דאָס צווייטע פּאַסירט מיט איינציגע קינדער) אָבער מיינע נערווען זיינען פאַר דער צייט צושטערט געוואָרען; דערצו בין איך אין אַלגעמיין געוועזן שוואַך אין געזונד — ווי די מוטער, אויף וועלכער איך בין

מיט'ן פנים אויף עהנליך געווען. איך האָב אויסגעמיעדען די געזעל־שאַפט פון קינדער אין מיינע יאָהרען; איך האָב זיך איבערהויפּט געהאַלטען פרעמד פון מענשען; איך האָב זאָגאר מיט דער מוטער ווייניג גערעדט. מעהר פון אַלעס האָב איך ליעב געהאַט צו לעזען, שפּאַציערען איינער אליין — און טרוימען, טרוימען! וועגען וואָס האָב איך געטרוימט — איז שווער צו זאָגען: מיר האָט זיך, ווירקליך, מאַנכעס מאָל געדאַכט, אַז איך שטעה פאַר אַ האַלב צוגעמאַכטער טיר, הינטער וועלכער עס זיינען פערבאָרגען גרויסע סודות, שטעה און וואַרט, און שמאַכט — און טרעט ניט אַריבער דעם שוועל — און טראַכט אַלץ וועגען דעם, וואָס אַזוינס דאָרט, אינעווענינ געפינט זיך — און וואַרט אַלץ און ווער פערשטאַרבען... אָדער איך שלאָף איין. ווען אין מיר וואָלט געקלאַפּט אַ פּאָעטישער אָדער — וואָלט איך, וואַהרשיינליך, גענומען זיך שרייבען געדיכטע; ווען איך וואָלט געפיהלט אַ נייגונג צו פרומקייט, קען זיין, אַז איך וואָלט אוועק און געוואָרען אַ מאָנאך; אָבער קיינס פון דיביידע זאַכען איז אין מיר ניט געווען — און איך האָב פאָרטגעזעצט צו טרוימען — און וואַר־טען . . .

III.

איך האָב נור וואָס דערמאָהנט, ווי איך פלעג מאַנכעס מאָל אָנ־שלאָפען ווערען אונטער דעם איינפלוס פון ניט קלאָהרע געדאַנקען און טרוימערייען. איך האָב איבערהויפּט אַ סך געשלאָפען — און די חלומות האָבען אין מיין לעבען אַ וויכטיגע ראָלע געשפּיעלט; איך האָב געזעהן חלומות כמעט יעדער נאַכט. איך האָב זיי ניט פארגעסען, האָב זיי צוגעגעבען אַ בעזונדערע בעדייטונג, געהאַלטען פאַר פּראָ־פּעצייהונגען, געמאַטערט זיך צו טרעפען זייער געהיימען זין; מאַנכע פון זיי האָבען זיך פון צייט צו צייט ווידערהאָלט און דאָס האָט מיך אימער געוואונדערט. גאַנץ בעזונדערס האָט מיך בעאונ־רוהיגט איין חלום. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך געה איבער אַ שמאָלער, שלעכט ברוקירטער גאַס פון אַן אַלטער שטאָדט, צווישען איין־שטאָקיגע געמויערטע הייזער מיט שאַרפע שפּיציגע דעכער. איך זוך מיין פאָטער, וועלכער איז ניט געשטאָרבען, נור בעהאַלט זיך צו־

ליעב עפּעס פון אונז און וואָהנט אין איינער פון די דאָזיגע הייזלאַך. און אָט, טרעט איך אריין אין דיא נידריגע, דונקעלע טויערען, געה דורך דעם לאַנגען הויף, וועלכער איז פארלייגט מיט קלעצער און ברעטער און ענדליך דרינג איך אריין אין א קליין צימערל מיט צוויי רונדע פענסטער. אין מיטען צימער שטעהט מיין פאטער אין א שלאָף־ראָק און רויכערט א ליולקע. ער איז גאָר ניט עהנליך צו מיין אמת'ן פאָטער ; ער איז הויך געוואקסען, מאגער, מיט שווארצע האָאר, די נאָז איז ביי איהם פארדרעהט מיט'ן שפּיץ ארויף, ווי א האטשיך, אויגען בייזע און שטעכעדיגע ; ער זעהט אויס א יאָהר פערציג אַלט ; ער איז ניט צופריעדען, וואָס איך האָב איהם אויס־געפונען ; איך אַליין פרעה זיך אויך ניט, וואָס מיר זעהען זיך — און שטעה א צומישטער. ער קעהרט זיך לייכט אָב, הויבט עפּעס אָן צו מורמלען און ארומגעהן הין און צוריק מיט קליינע טריט... דער־נאָך הייבט ער ביסלאַכווייז אָן אוועקצוגעהן וואָס ווייטער, ניט אויפ־הערענדיג מורמלען און נאָכאנאנד אומקוקענדיג זיך צוריק איבער'ן אקסעל ; דאָס צימער צושפרייט זיך און ווערט פערלאָרען אין נע־בעל... מיר ווערט פלוצים שרעקליך ביי דעם געדאנק, אז איך פערליער ווידער מיין פאטער, איך טהו זיך א וואָרף נאָך איהם — אָבער איך זעה איהם שוין ניט מעהר — איך הער נור זיין בייזען מורמלען, אזוי ווי פון א בער... דאָס הארץ פאַלט אין מיר איין — איך כאַפּ זיך אויף און קען דערנאָך לאַנג, לאַנג ניט איינשלאָפען... אויף מאָרגען דעם גאַנצען טאָג טראַכט איך וועגען דיעזען חלום און קען גאָרנישט פערשטעהן.

IV.

עס איז געקומען דער מאָנאט יון. דיא שטאָדט, וואו מיר האָבען געוואוינט, האָט אין דיעזער צייט געוועהנליך, זיך זעהר בעלעבט, א סך שיפען זיינען אָנגעקומען אין האפען, א סך נייע פּנים'ער האָבען זיך בעוויעזען אויף די גאסען. איך האָב דאַן ליעב געהאט ארומ־צוגעהן איבער'ן ברעג, פארביי די קאפעעס און גאסט־הייזער, פער־קוקען זיך אויף די פערשיעדענארטיגע פיגורען פון די מאטראָזען און

אנדערע מענשען, וועלכע זיינען געזעסען אונטער די לייוועגטע וועטער דעכער, פאר קליינע ווייסע טישלאך, מיט קריגלאך ביער אויף זיי.

טרעפט איין מאָל, פארבייגעהענדיג פאר א קאפעע, האָט איך דערזעהן א מענשען, וועלכער האָט גלייך צוגעשמידט צו זיך מיין גאנצע אויפמערקזאמקייט. אָנגעטהאָן אין א לאנגען, שווארצען באַלאכאָן, מיט אַן אראָבגערוקטער איבער די אויגען, שטרויענער הוט, איז ער געזעסען אונבעוועגליך, פארלייגענדיג די הענד איבער דער ברוסט. שיטערע קרייזלאך שווארצע האָאר, זיינען איהם אראָבגעהאנגען כמעט ביז דער נאָז; דינע ליפּען האָבען צוזאמענגעדריקט דעם מונדשטיק פון א קורצער ליולקע. דער מענש איז מיר פאָרגעקומען אזוי בעקאנט, יעדער שטריך פון זיין דונקעלען, געלען פּנים, זיין גאנצע פיגור — איז אזוי שטארק איינגעפּרעסט געווען אין מיין זכרון, אז איך האָב ניט געקענט, ניט אָבשטעלען זיך פאר איהם, ניט געקענט ניט שטעלען זיך די פראגע: ווער איז דיעזער מענש? וואו האָב איך איהם געזעהן? דערפיהלט, וואהרשיינליך, מיין אויפמערקזאמען בליק, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע שווארצע, שטעכענדיגע אויגען... איך האָב ניט ווילענדיג א קרעכץ געטהאָן...

דיעזער מענש איז געווען יענער פאָטער, וועלכען איך האָב געזוכט, וועלכען איך האָב געזעהן אין חלום!

עס איז אונמעגליך געווען צו האָבען א טעות — די עהנליכקייט איז געווען צו גרויס. אפילו דער באַלאכאָן מיט די לאנגע פאָלעס, וועלכער האָט איינגעהילט זיינע מאגערע גליעדער, האָט מיט דער פארב און דעם שניט אויך דערמאהנט אָן יענעם שלאָף־ראָק, אין וועלכען מיין פאָטער האָט זיך צו מיר געוויזען אין חלום.

—שלאָף איך ניט? — איז מיר דורכגעלאָפען א געדאנק... ניין... איצט איז טאָג, ארום בעוועגט זיך און טומעלט אַן עולם, די זונן שיינט העל אויף דעם בלויען הימעל, און פאר מיר געפינט זיך ניט קיין געשפּענסט, נור א לעבעדיגער מענש.

איך בין צוגעגאנגען צו א ליידיגען טישעל, געבעטען א קריגעל ביער, א צייטונג — און זיך געזעצט ניט ווייט פון יענעם רעטזעלהאפטען וועזען.

V.

אוועקגעשטעלט די בלאַט פון דער צייטונג גלייך מיט מיין פּנים, האָב איך פון אונטער איהר נאָך אַלץ געקוקט אויף דעם אונבעקאַנטען, און איהם געשלונגען מיט די אויגען. ער האָט זיך כמעט ניט גע־ריהרט, און האָט נור זעלטען ווען אויפגעהויבען זיין איינגעבויגע־נעם קאָפּ. עס איז קענטיג געווען, אַז ער האָט אויף אימעצען גע־וואַרט. איך האָב געקוקט, געקוקט... אַ מאָל האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז איך האָב דאָס אַלעס אויסגעטראַכט, אַז קיין שום עהנ־ליכקייט איז אייגענטליך נישטאָ, אַז עס איז גאָט מעהר ווי אַ פאַנ־טאַזיע... נור אָט טהוט זיך „יענער" פּלוצים אַ ביסעל אַ קעהר אויף'ן שטול, אָדער הייבט עטוואַס אויף די הענד — און איך טהו ווידער שיער ניט אַ געשריי, איך זעה ווידער פאַר זיך מיין „ביי־נאַכטיגען" פאָטער! — ענדליך, האָט ער בעמערקט, ווי אויפמערק־זאַם איך קוק אויף איהם, און פריהער מיט פערוואונדערונג און דער־נאָך מיט כעס אַ בליק געטהאָן אין מיין זייט, האָט ער געהאַט גע־נומען אויפשטעהן — און אומגעוואָרפען אַ קליין שטעקעל, וועל־כער איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן טיש. איך בין די מינוט אויפגע־שפּרונגען, אויפגעהויבען און איהם דערלאַנגט דעם שטעקעל. דאָס האַרץ אין מיר האָט שטאַרק געקלאַפּט.

ער האָט געצוואונגען אַ שמייכעל געטהאָן, מיך בעדאַנקט און, צוגערוקט זיין פּנים צו מיינעם, האָט ער אויפגעהויבען די ברעמען און געעפענט די ליפּען, ווי עטוואַס וואָלט איהם פּלוצים איבער־ראַשט.

— איהר זייט העפליך, יונגער מאַן — האָט ער פּלוצים גע־נומען ריידען מיט אַ טרוקענעם און שאַרפען קול אביכעל אונטער דער נאָז — היינטיגע צייט איז דאָס אַ זעלטענהייט. ערלויבט מיר אייך צו גראַטולירען: איהר האָט געקריגען אַ גוטע ערציהונג.

איך געדענק ניט וואָס אַזוינס איך האָב איהם געענטפערט; נור צווישען אונז האָט זיך גלייך פערבונדען אַ געשפּרעך. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער איז מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַז ער האָט זיך ניט לאַנג צוריקגעקעהרט פון אַמעריקאַ, וואו ער האָט אָבגעלעבט אַ סך

יאָהרען, און אז אין גיכען וועט ער ווידער אהין אוועקפאָהרען. ער האָט געזאָגט, אז ער איז א באראָן... זיין נאָמען האָב איך ניט גוט געקענט הערען. ער האָט אויך, גראדע ווי מיין „ביינאכטיגער" פאטער פארענדיגט זיינע רייד מיט עפּעס א מין ניט קלאָהרען מורמ־לען. ער האָט געפרעגט אויף מיין פאמיליע נאָמען... דערהערט איהם, האָט ער זיך ווידער, ווי פערוואונדערט; דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט, צו איך וואָהן שוין לאנג אין דיעזער שטאָדט און מיט וועמען? איך האָב איהם געענטפערט, אז איך וואָהן צוזאמען מיט מיין מוטער.

— און אייער פאטער? — מיין פאטער איז שוין לאנג געשטאָר־בען. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם ערשטען נאָמען פון מיין מוטער, און האָט זיך גלייך צולאכט מיט א אונאנגענעהמען געלעכ־טער — און דערנאָך האָט ער זיך ענטשולדיגט, זאָגענדיג, אז דאָס איז ביי איהם אזא אמעריקאנישע געוואָהנהייט, און, אז ער איז אין אלגעמיין א גאנץ זאָנדערבארער מענש. דערנאָך האָט ער אויך גע־פרעגט, וואו אונזער וואָהנונג געפינט זיך. איך האָב איהם געזאָגט.

VI.

די אויפרעגונג, וואָס האָט מיך בעהערשט אין אנהויב פון אונ־זער געשפּרעך, איז ביסלאכוויין אוועק; דאָס וואָס מיר האָבען זיך נאָהענט בעקאָנט האָט מיר אויסגעוויזען אביסעל זאָנדערבאר — און ניט מעהר. מיר איז ניט געפעלען געוועזען דער שמייכעלע מיט וועל־כער דער הערר באראָן האָט זיך אויסגעפרעגט; עס איז מיר אויך ניט געפעלען דער אויסדרוק פון זיינע אויגען, ווען ער האָט זיי עפּעס, ווי אריינגעשטאָכען אין מיר... אין זיי איז געוועזען עטוואָס רויבע־רישעס און בעשיצענדעס... עטוואס מורא'דיגעס. דיעזע אויגען האָב איך אין חלום ניט געזעהן. א מאָדנעס פּנים האָט דער באראָן געהאט! א פערוועלקטען, א מיעדען און אין דערזעלבער צייט א יוגענדליכען, א אונאנגענעהם יוגענדליכען! ביי מיין „ביינאכטיגען" פאטער איז אויך ניט געוועזען יענער טיעפער שראַם, וועלכער האָט אין דער קרים איבערגעהאקט דעם גאנצען שטערן פון מיין נייעם בע־

קאַנטען, און וועלכען איך האָב ניט באַמערקט, ביז איך האָב זיך ניט צוגערוקט גאָר נאָהענט צו איהם.

איך האָב נאָך ניט צייט געהאַט מיטצוטהיילען דעם באַראָן דעם נאָמען פון דער גאַס און נומער פון הויז, וואו מיר האָבען געוואָהנט, ווי א הויך געוואַקסענער אַראַבער, איינגעוויקעלט אין א פּלאַשץ ביז צו די ברעמען, איז צוגעקומען צו איהם פון הינטען און איהם גאַנץ שטיל א קלאַפּ געטהאָן איבער'ן אַקסעל. דער הערר האָט זיך אומגעקעהרט, ארויסגערעדט: „אהא! ענדליך!" און, און לייכט א מאַך גע-טהאָן צו מיר מיט דעם קאָפּ, איז ער אוועק צוזאַמען מיט דעם אַראַב אינעווענינג אין קאַפּעע. איך בין געבליעבען אונטער דעם וועטער-דאַך, איך האָב געוואָלט וואַרטען ביז דער באַראָן וועט צו-ריק אַרויסקומען, ניט אַזוי פיעל אום ווידער מיט איהם צו פאַר-פיהרען א געשפּרעך — (אייגענטליך האָב איך ניט געוואוסט וועגען וואָס אייגענטליך איך קען מיט איהם ריידען) — ווי אום נאָך א מאָל אויסצופּרובען דעם ערשטען איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר גע-מאַכט. — אָבער עס איז אוועק א האַלבע שעה, א שעה... דער באַראָן האָט זיך ניט געוויזען. — איך בין אריין אין קאַפּע-הויז, דורכ-געלאָפען אַלע צימערען — האָב אָבער אין ערגעץ ניט געטראָפען, ניט דעם באַראָן און ניט דעם אַראַבער... זיי זיינען ביידע, מסתמא, אוועק דורך א הינטער טיר.

דער קאָפּ האָט מיר גענומען וועה טהאָן — און אום זיך אביסעל אָבצופרישען, בין איך אוועק מיט'ן ברעג ים צום גרויסען פּארק הינ-טער דער שטאָדט, וועלכען מען האָט פאַרפלאַנצט מיט א יאָהר צוויי הונדערט צוריק. — געשפּאַצירט א שעה צוויי אונטער דעם שאָטען פון די ריזיגע דעמבעס, האָב איך זיך צוריקגעקעהרט אהיים.

VII.

ווי נור איך האָב זיך בעוויזען אין פירהויז, האָט זיך אונזער דיענסט דערלאַנגט א וואָרף צו מיר אַנטקעגען אין גאַנצען א צושראָ-קענע. נאָך דעם אויסדרוק פון איהר פּנים, האָב איך זיך גלייך אָנגע-שטויסען, אז עפּעס אן אונגליק האָט פּאַסירט ביי אונז אין הויז בעת

איך בין אין דער היים ניט געווען. און ווירקליך, גליך האָב איך זיך דערוואוסט, אז מיט א שטונדע צוריק האָט זיך אין מיין מוטער'ס שלאָף־צימער פּלוצים דערהערט א שרעקליכער געשריי; ווען די דיענסט איז אַהין אריינגעלאָפען האָט זי איהר געפונען אויף דער פּאָדלאגע, אין א בעוואוסטלאָזען צושטאנד, וועלכער האָט אָנגעהאַל־טען עטליכע מינוט. די מוטער איז ענדליך געקומען צו זיך, נור זי האָט זיך געמוזט לייגען אין בעט, און אויסגעזעהען האָט זי זעהר מאָדנע און צושראָקען; האָט ניט גערעדט קיין וואָרט, ניט גע־ענטפערט אויף די פראגען וואָס מען האָט איהר געשטעלט — האָט זיך נור נאָכאנאנד ארומגעקוקט און אויפגעציטערט. די דיענסט האָט געשיקט דעם גערטנער נאָך א דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז געקומען און פארשריעבען א רעצעפּט אויף צו בערוהיגען, אָבער אפילו איהם האָט די מוטער אויך גאָר ניט געוואָלט זאָגען. דער גערטנער האָט פערזיכערט, אז אין א פּאָאר מינוטען, נאָכדעם, ווי אין דער מו־טער'ס צימער האָט זיך דערהערט דער געשריי, האָט ער דערזעהן א אונבעקאנטען מענשען, וועלכער איז איילענדיג געלאָפען איבער די בלומען־בעעטען צו די טויערען פון גאס. (מיר האָבען געוואָהנט אין א איינשטאָקיגעם הויז, וואָס איז מיט די פענסטער ארויסגעקומען אין אגאנץ גרויסען גאָרטען) דער גערטנער האָט ניט בעוויזען צו בע־טראכטען דעם אונבעקאנטען'ס פּנים; אויף אזוי פיעל האָט ער אָבער בעמערקט, אז ער איז געווען א מאגערער, האָט געטראָגען א נידעריגע שטרויענע הוט און א סורטוק מיט לאנגע פּאָלעס... „דעם באראָן'ס קליידונג!" האָט זיך גלייך דורכגעטראָגען ביי מיר אין קאָפּ. — אָניאָגען איהם האָט דער גערטנער ניט געקענט, ווייל מען האָט איהם גליך אריינגערופען אין הויז און געשיקט נאָך א דאָקטאָר. איך בין אריין צו דער מוטער; זי איז געלעגען אויף דער בעט, בלייכער פון דער קישען אויף וועלכער, עס האָט גערוהט איהר קאָפּ. — דערקענט מיך, האָט זי שוואך א שמייכעל געטהאָן און אויסגעשטרעקט צו מיר איהר האנד. איך האָב זיך צוגעזעצט צו איהר און גענומען זי אויספרעגען; צוערשט האָט זי אַלץ געזוכט זיך ארויסצודרעהען; צום סוף אָבער, האָט זי זיך מודה געווען, אז זי האָט דערזעהן עטוואָס אזוינס, וואָס האָט זי שרעקליך דערשראָקען.

— אימעצער איז דאָ געוועזען? — האָב איך געפרעגט.

— ניין — האט זי שנעל געענטפערט : — קיינער איז דא ניט געוועז, נור מיר האט זיך אויסגעגעבען . . . מיר האט זיך געדאכט. . .
זי איז אנשוויגען געווארען און פערמאכט די אויגען מיט א האנד. איך האב געהאט געוואלט איהר מיטהיילען דאס, וואס איך האב זיך דערוואוסט פון גערטנער, — און פאר איין וועג שוין דערצעהלען איהר וועגען מיין באגעגניש מיט דעם בעראן. . . נור עפעס האט מיך צוריקגעהאלטען און די ווערטער זיינען מיר אויף די ליפען פערשטאר־בען. — דאך האב איך זיך ענטשלאסען צו זאגען דער מוטער, אז גע־שפענסטער וויזען זיך געוועהנליך ניט ביי טאג. . .
— לאז מיך אב, איך בעט דיך — האט זי ארויסגעמורמעלט — מוטשע מיך איצט ניט. דו וועסט זיך ווען עס איז דערוויסען. . .
זי איז ווידער אנשוויגען געווארען. איהרע הענד זיינען געוועז קאלט, און דער פולס האט געקלאפט שנעל און ניט רעגעלמעסיג. איך האב איהר איינגעגעבען דעם רעצעפט און בין אבגעגאנגען אביסעל אן א זייט, אום זי ניט צו בעאונרוהיגען. א גאנצען טאג איז זי ניט אויפגעשטאנען פון בעט. זי איז געלעגען אונבעוועגליך און שטיל, און נור פון צייט צו צייט האט זי טיעף א זיפץ געטהאן און צוזשראקען די אויגען געעפענט. אלע אין הויז זיינען געוועז ווי צומישט, האבען גאר ניט געקענט פערשטעהן.

VIII.

צו דער נאכט האט די מוטער געקריגען אביסעל פיבער און זי האט מיך אוועקגעשיקט פון איהר צימער. דאך בין איך ניט אוועק צו זיך — נור איך האב זיך געלייגט אין צווייטען צימער אויף'ן זאפע. יעדע פערטעל שעה בין איך אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען אויף די שפיץ־פינגער צו דער טיר, צוגעהארכט זיך. . . אלעס איז געוועזן שטיל — אבער די מוטער האט קוים צוגעמאכט מיט אן אויג יענע נאכט. ווען איך בין אויף מארגען גאנץ פריה אריין צו איהר אין צי־מער, האט איהר פנים אויסגעזעהן, ווי ענטצונדען, די אויגען האבען געבלישטשעט מיט אן אונגעוועהנליכען פייער. אין פערלויף פון טאג איז איהר עטוואס לייכטער געווארען. — ביז דאן האט זי איינגע־

שפּארט געשוויגען, און דאָ האָט זי פּלוצים גענומען ריידען מיט א געאיילטען, איבערגעריסענעם קול. זי האָט גערעדט פון היץ, איהרע ווערטער האָבען געהאַט א זין — אָבער אין זיי איז ניט געווען קיין שום צוזאמענהאַנג. ניט לאַנג פאר האַלבע נאַכט, האָט זי פּלוצים מיט א פיבערהאַפטער בעוועגונג זיך א הויב געטהאָן אין בעט (איך בין געזעסען נעבען איהר) און מיט דעם זעלבען געאיילטען קול, זובענ־דיג נאָכאַנאַנד וואסער פון א גלאָז, מאַכענדיג שוואַך מיט די הענד און ניט א קוק טהאָנדיג אויף מיר קיין איין מאָל, גענומען דערצעה־לען... זי האָט זיך אָבגעשטעלט, אָנגעטהאָן זיך א כוח און ווייטער דערצעהלט... דאָס אַלעס איז געווען אזוי מערקווירדיג, ווי זי וואָלט עס אַלעס געטהאָן אין חלום, ווי זי אַליין וואָלט דערביי ניט גע־ווען, נור עפּעס אַן אַנדערער וואָלט גערעדט מיט איהרע ליפּען אָדער וואָלט איהר געצוואונגען צו ריידען.

IX.

— הער, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען — האָט זי אָנגעהייבען: — דו ביזט שוין ניט קיין יונגער אינגעל; דו דאַרפסט אַלעס וויסען. איך האָב געהאַט א גוטע פריינדין... זי האָט געהייראַט מיט א מענשען, וועלכען זי האָט געליעבט מיט'ן גאַנצען הארצען — און זי איז געווען זעהר גליקליך מיט איהר מאַן. אין דעם ערשטען יאָהר נאָך זייער חתונה זיינען זיי אַוועקגעפאָהרען אין דער הויפּט־שטאָדט, אום צו פערברייננגען דאָרט עטליכע וואָכען און איבערהויפּט לעבען א גוטען טאָג. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט אין א גוטען האָטעל און האָבען בעזוכט פיעל טעאַטערם און פערזאַמלונגען. מיין פריינדין איז געווען זעהר ניט קיין מיאוסע — איהר האָבען אַלע בעמערקט, יונגע לייט זיינען נאָך איהר נאָכגעלאָפען, —נור צווישען זיי איז געווען איינער... אַן אָפיציער. ער איז איהר נאָכגעגאַנגען, ווי א שאָטען אויף שריט און טריט, און וואו זי זאָל ניט האָבען געווען, האָט זי אומעדום געזעהן זיינע שוואַרצע, שלעכטע אויגען. ער איז מיט איהר ניט בעקאַנט געוואָרען און האָט קיין איין מאָל מיט איהר ניט גע־

רעדט — נור אַלץ געקוקט אויף איהר — אַזוי פרעך און מאָדנע. אַלע פערגעניגענס פון דער הויפּט־שטאָדט זיינען געווען פערגיפטעט מיט זיין אנוועזענהייט — זיא האָט אָנגעהויבען איינצורייידען דעם מאַן, אַוועקצופאָהרען וואָס גיכער — און זיי האָבען שוין אַלעס געהאַט פאַרבערייטעט פאַר'ן וועג. טרעפט איין מאָל, איהר מאַן איז אַוועק אין קלוב: איהם האָבען איינגעלאַדען אָפיציערען — פון דעם זעל־בען פּאָלק מיט יענעם אָפיציער —שפּיעלען אין קאָרטען... זי איז צום ערשטען מאָל געבליעבען אַליין. דער מאַן האָט זיך לאַנג ניט צו־ריקגעקעהרט — זי האָט אַוועקגעשיקט די דיענסט, זיך געלייגט אין בעט... און פּלוצים איז איהר געוואָרען אַזוי מורא'דיג — אַ קעלט איז אַריבער איבער אַלע איהרע גליעדער און זי האָט זיך גענומען טרייסלען. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי הערט אַ לייכטען קלאַ־פּען הינטער דער וואַנט — אַזוי דראַפּעט זיך אַ הונד — און זי האָט גענומען קוקען אויף יענער וואַנט. אין ווינקעל האָט געברענט אַ לעמ־פּעל; דאָס צימער איז געווען אין גאַנצען בעשלאָגען מיט אַזאַ שטאָף... פּלוצים האָט זיך עפּעס דאָרט אַ ריהר געטהאָן, האָט זיך אַביסעלע אויפגעהויבען, געעפענט... און גלייך פון וואַנט אַרויס, אין גאַנצען אַ שוואַרצער, אַ לאַנגער, איז אַרויס יענער שרעקליכער מענש מיט די בייזע אויגען! — זי האָט געוואָלט נעהמען שרייען, און ניט געקענט. זי איז אין גאַנצען פאַרשטיינערט געוואָרען פון שרעק. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר שנעל, ווי אַ רויב־טהיר, האָט איהר אַרויפגעוואָרפען עטוואָס אויף'ם קאָפּ, עטוואָס שטיקענדיגעס, שווע־רעס, ווייסעס... וואָס איז געשעהן נאָכדעם, געדענקט איך ניט... געדענק ניט! עס איז עהנליך געווען צום טויט, צו אַ מאָרד... און ווען יענער שרעקליכער טומאַן איז ענדליך פערשוואונדען — ווען איך... ווען מיין פריינדין איז געקומען צו זיך, איז אין צימער קיי־נער ניט געווען. און לאַנג נאָך דעם האָט זי ניט געפונען קיין קרעפטען אַ געשריי צו טהאָן... צום סוף האָט זי פאָרט גענומען שרייען... דערנאָך האָט זיך אַלעס ביי איהר אין קאָפּ אויסגעמישט...

דערנאָך האָט זי דערזעהן נעבען זיך איהר מאַן, וועלכען מען האָט פערהאַלטען אין קלוב ביז צוויי אַ זייגער... ער האָט אויסגע־זעהן, ווי אַ טייפעל. ער האָט זי גענומען אויספרעגען, זי האָט איהם אָבער גאָרניט געזאָגט... דערנאָך איז זי קראַנק געוואָרען...

דאָך געדענקט זיך מיר, אַז בלייבענדיג אַליין אין צימער, האָט זי אַרומגעקוקט יענעם אָרט אין וואַנט... אונטער דער שטאָפּענער טאַפּעטע האָט זיך געפונען אַ געהיימע טיר. און ביי איהר אַליין פון פינגער איז פאַרפאַלען געוואָרען דער קדושין־רינג. דער דאָזיגער רינג איז געוועזען פון אַ אונגעוועהנליכען פאַסאָן: אויף איהם זיינען נאָך דער רייהע נאָך געזעסען זיבען גאָלדענע שטערנדלאַך און זיבען זילבערנע; דאָס איז געוועזען אַן אַלטע שטיק טהייערע פאַמיליען־צירונג. דער מאַן האָט ביי איהר געפרעגט, וואו עס איז אַהינגעקומען דער רינג; זי האָט איהם גאָרנישט געקענט ענטפערן. דער מאַן האָט געדענקט, אַז זי האָט איהם אפשר ווי עס איז פערלאָרען, האָט גע־זוכט אומעדום, אָבער אין ערגעץ ניט געפונען. אויף איהם איז אָנגעפאַלען אַ אומעט, ער האָט בעשלאָסען וואָס גיכער אַהיים צו פאָהרען, און ווי נור דער דאָקטאָר האָט ערלויבט — האָבען זיי פערלאָזען די הויפּט־שטאָדט... נור, שטעל זיך פאָר! אין דעם טאָג פון זייער אָבפאָהרען, האָבען זיי אויף דער גאַס זיך פּלוצים אָנגעשטויסען אויף נאַסילקעס... (טראָג־ברעטער) און די דאָזיגע נאַסילקעס איז געלעגען אַ מענש מיט אַ צושפּאַלטענעם קאָפּ, וועלכער איז נור וואָס דער׳הרג׳עט געוואָרען — און שטעל זיך פאָר! דער דאָזיגער מענש איז געוועזען דערזעלביגער שרעקליכער, בייזאַכטיגער גאַסט מיט די שלעכטע אויגען... מען האָט איהם דער׳הרג׳עט ביים קאַרטען־שפּיעל!

דערנאָך איז מיין פריינדין אַוועקגעפאָהרען אין דאָרף... איז געוואָרען מוטער צום ערשטען מאָל... און האָט אָבגעלעבט מיט׳ן מאַן עטליכע יאָהר. ער האָט זיך קיין מאָל גאָרנישט דערוואוסט, און איבערהויפּט, וואָס האָט זי איהם געקענט זאָגען? זי האָט אַליין גאָרנישט געוואוסט.

נור דאָס פריהערדיגע גליק איז פערשוואונדען. פינסטער איז געוואָרען זייער לעבען — און קיין מאָל האָט שוין די דאָזיגע פינסטערניש ניט אויפגעהערט... קיין אַנדערע קינדער האָבען זיי ניט געהאַט, ניט פריהער, ניט שפּעטער... און יענער זוהן...

די מוטער האָט זיך אין גאַנצען אַ טרייסעל געטהאָן און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענד...

— נו, זאָג מיר אַצינד — האָט זי פאָרטגעזעצט מיט פערשטאַרקטער קראַפט — איז דען מיין פריינדין אין עפּעס שולדיג? אין וואָס

האָט זי זיך געקענט בעשולדיגען, פאַרוואָס פאַרווירפע מאַכען? זי איז בעשטראַפט געוואָרען, אָבער שוין זשע קען זי ניט אפילו פאַר גאָט אליין ערקלעהרען, אז די שטראָף, וואָס איהר האָט געטראָפען, איז אונגערעכט? היינט פאַרוואָס זשע פיהלט זי זיך, ווי אפערברע־כערין, ווען עם מוטשען געוויסענסביסע, פאַר וואָס זעהט איהר די פערגאַנגענהייט אוים אזוי שרעקליך, נאָך אזוי פיעל יאָהרען? מאַק־בעט האָט גע'הרג'עט באַנקאָ'ן — איז ניט קיין וואונדער, וואָס איהם חלום'ט זיך אליין... און איך...

אָבער דאָ האָבען דער מוטערס רייד זיך אזוי פאַרפּלאָנטערט און צומישט, אז איך האָב זי אויפגעהערט צו פערשטעהן... איך האָב שוין מעהר ניט געצווייפעלט, אז זי רעדט פון היץ.

X.

וואָס פאַר אַן ערשיטערנדען איינדרוק מיין מוטער'ס ערצעהלונג האָט אויף מיר געמאַכט — קען יעדער לייכט פערשטעהן! פון איהר ערשטען וואָרט אָן, האָב איך פערשטאַנען, אז זי רעדט פון זיך אליין, און ניט פון עפּעס אַ בעקאַנטער פריינדין; איהר אויסריידען זיך האָט נור בעשטעטיגט מיין מיינונג. הייסט עס, אז דאָס איז ווירקליך געוועזען מיין פאָטער, וועלכען איך האָב געזוכט אין חלום, וועלכען איך האָב געזעהן אויף'ן וואָהר! ער איז ניט דער'הרג'עט געוואָרען, ווי די מוטער האָט געדענקט, נור פערוואונדעט... און ער איז געקומען צו איהר, און איז אַנטלאָפען, אַ דערשראָקענער פון איהר שרעק. מיר איז פּלוצים אַלעם קלאָהר געוואָרען: אי דער גע־פיהל פון ניט ווילענדיגען עקעל צו מיר, וועלכער האָט זיך צייטענווייז ערוועקט אין מיין מוטער, אי איהר שטענדיגער אומעט, און אונזער איינזאַמער לעבען. . . . עס געדענקט זיך מיר, אז דער קאָפּ איז ביי מיר צושפּרונגען געוואָרען — און איך האָב זיך געכאַפּט פאַר איהם מיט ביידע הענד, עפּעס ווי איך וואָלט וועלען איהם איינהאַלטען אויף אַן אָרט. נור איין געדאַנק האָט זיך, ווי אַ טשוואָק דאָרט אריינ־געקלאַפּט: איך האָב זיך בעשלאָסען אונבעדינגט, אונטער אַלע אומ־

שטענדען, ווידער אויסגעפינען יענעם מענשען ! צו־וואָס ? מיט וואָס פֿאַר אַ צוועק ? אין דעם האָב איך זיך קיין רעכנונג ניט אָבגעגעבען, אָבער אויסגעפינען איהם... אויפזוכען — דאָס איז פֿאַר מיר געוואָרען אַ פֿראַגע פֿון לעבען און טויט ! אויף דעם צווייטען אין דער פֿריה האָט זיך די מוטער, ענדליך בערוהיגט... דער פֿיבער איז אַריבער... זי איז איינגעשלאָפֿען. איבערגעלאָזען זי מיט די דיענער און אונזערע בעל־הבתים, זיי זאָלען אויף איהר אכטונג געבען, בין איך אַוועק זוכען.

XI.

פֿריהער פֿון אַלץ בין איך, זעלבסטפֿערשטענדליך, אַוועק אין קאַפֿע־הויז, וואו איך האָב געטראָפֿען דעם באַראָן; אָבער דאָרט האָט איהם קיינער ניט געקענט און קיינער האָט איהם זאָגאָר ניט באַמערקט; ער איז געווען אַ צופֿעליגער בעזוכער פֿון יענעם פּלאַץ. דעם אַראַבער האָבען די בעלי־הבתים יאָ בעמערקט — זיין פֿיגור האָט זיך צו שטאַרק געוואָרפֿען אין די אויגען; נור ווער ער איז געווען, וואו ער האָט זיך געפֿונען — האָט אויך קיינער ניט געוואוסט. איבערלאָזענדיג אויף יעדען פֿאַל מיין אַדרעס אין קאַפֿע־הויז, האָב איך גענומען אַרומגעהן איבער די גאַסען, אַרום האַפֿען, איבער די בולווארען, האָב אַריינגעקוקט אין אַלע עפֿענטליכע פּלעצער, אָבער אין ערגעץ האָב איך ניט געפֿונען ניט דעם באַראָן, און ניט זיין חבר!... ניט האָבענדיג גוט געהערט דעם באַראָן'ס נאָמען, האָב איך ניט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו ווענדען אין דער פּאָליציי; דאָך האָב איך געגעבען צו־וויסען צוויי דריי אָרדנונג־היטער, וועלכע האָבען זיך געפֿונען אונטער דער האַנד (אמת זיי האָבען געקוקט אויף מיר מיט פֿערוואונדערונג און האָבען מיר ניט שטאַרק געגלויבט), אַז איך וועל זיי רייך בעלוינען, ווען זיי וועלען געפֿינען אַ סליאַד פֿון יענע צוויי פּאַרשוינען, וועלכע איך האָב זיך געסטאַרעט זיי צו בעשרייבען ווי מעגליך קלאָהרער. אַרומגעלאָפֿען, אויף אַזאַ אופֿן, ביז מיטאָג־צייט, האָב איך זיך אומגעקעהרט אַהיים אַ פֿערמאַטערטער. די מוטער האָט זיך אויפגעהויבען פֿון בעט; נור צו איהר געוועהנליבער

אומעדיגקייט איז צוגעקומען עטוואס נייעס, עפּעס א מין פערטראַכט־קייט, א ניט קענען בעגרייפען, וועלכעס האָט מיך, ווי מיט א מעסער איבער'ן הארצען געשניטען. דעם אבענד האָב איך פערבראַכט מיט איהר. מיר האָבען כמעט גאָרניט גערעדט: זי האָט אויסגעלעגט פּאַסיאַנס, איך האָב שווייגענדיג אריינגעקוקט אין איהרע קאָרטען. זי האָט מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט ניט וועגען איהר ערצעהלונג, ניט וועגען דעם, וואָס האָט פּאַסירט נעכטען. מיר האָבען עפּעס אזוי ווי ביידע אָבגעמאַכט ביי זיך אין געהיים ניט צו דערמאָנען די אַלע מורא'דיגע און מערקווירדיגע פּאַסירונגען... זי איז עפּעס, דאַכט זיך, געוועזען בייז אויף זיך אליין און איהר האָט פערדראָסען, פאַרוואָס עס האָט זיך ביי איהר ניטווילענדיג ארויסגעריסען, און אפשר האָט זי ניט גוט געדענקט, וואָס אזוינס זי האָט געזאָגט ריידענדיג האַלב פון היץ — און האָט געהאָפט, אז איך וועל איהר שאַנעווען... און איך האָב זי ווירקליך געשאָנעוועט און זי האָט עס געפיהלט. אזוי ווי געסטערן, האָט זי היינט אויך אויסגעמיעדען מיין בליק. א גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט איינשלאָפען. — אין דרויסען איז פּלוצים געוואָרען א שרעקליכער שטורעם, דער ווינד האָט געוואויעט און זיך געריסען, די שויבען פון די פענסטער האָבען געקלונגען און זיך געטרייסעלט, אין לופטען האָבען זיך געטראָגען פערצווייפעלטע קוויטשערייען און קרעכצען, אזוי ווי עפּעס, דאָרט, אויבען, וואָלט צוריסען געוואָרען און מיט א משונה'דיגען געוויין וואָלט עס געפלויגען איבער די צוטרייסעלטע הייזער. פאַרטאָג בין איך אריינגעפאַלען אין א דרימעל... פּלוצים האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז אימעצער איז אריין אין מיין צימער, האָט אויסגערופען מיין נאָמען — מיט ניט קיין הויכען, אָבער ענטשלאָסענעם קול. איך האָב עטוואס אויפגעהויבען דעם קאָפּ און קיינעם ניט געזעהן; אָבער א מאָדנע זאַך! איך האָב זיך ניט נור ניט דערשראָקען — איך האָב זיך דערפרעהט. אין מיר האָט זיך פּלוצים ערוועקט א זיכערהייט, אז איך וועל אונבעדינגט ערגרייכען מיין ציעל. איך האָב זיך שנעל אָנגעטהאָן און בין ארויס פון הויז.

XII.

דער שטורעם איז אריבער... נור עס האט זיך נאך געפיהלט זיין לעצטער אויפציטערען. עס איז נאך געווען גאנץ פריה — אויף די גאסען האבען זיך ניט געזעהן קיין מענשען, אין א סך פלעצער האבען זיך געוואלגערט שטיקער פון צובראכענע קוימענס, מעערקעפ, ברעטער פון צוטראגענע פארקאנעס, צובראכענע צווייגען פון בוימער... „וואס עס האט זיך דאס געטהאן ביינאכט אויף דעם ים!” האב איך ניטווילענדיג א טראכט געטהאן זעהענדיג די סמנים, וואס דער שטורעם האט איבערגעלאזען. איך האב געהאט געוואלט געהן צום האפען, אבער מיינע פיס, ווי עפעס א בעזונדערע קראפט וואלט זיי געצויגען, האבען מיך גענומען טראגען אין אן אנדער זייט. עס זיינען ניט אוועק קיין צעהן מינוט, ווי איך האב זיך שוין געפונען אין א טהייל פון שטאדט, וואו איך בין ביז אהער נאך קיין מאל ניט געווען. איך בין געגאנגען ניט שנעל, אבער ניט אבשטעלענדיג זיך, א טריט נאך א טריט, מיט א מאדנער עמפפינדונג אויף דעם הארצען; איך האב ערווארטעט עטוואס אונגעוועהנליכעס, עטוואס אונמעגליכעס, און אין דערזעלבער צייט בין איך געווען זיכער, אז די דאזיגע ערווארטונג פון אונגעוועהנליכעס וועט ניט פערווירקליכט ווערען.

XIII.

און אט, האט עס פאסירט, דאס אונגעוועהנליכע, אונערווארטעטע! פלוצים, אין א צוואנציג טריט פאר מיר, האב איך דערזעהן דעם אראבער, וועלכער האט אין קאפע־הויז, אין מיין געגענווארט גענומען ריידען מיט דעם באראן! איינגעוויקעלט אין דעם אייגענעם פלאשץ, וועלכען איך האב שוין דאן אויף איהם באמערקט, איז ער עפעס אזוי ווי פון אונטער דער ערד ארויס און, אומקעהרענדיג זיך צו מיר מיט'ן רוקען איז ער מיט שנעלע טריט געגאנגען איבער דעם טראטואר פון דער קרומער געסעל! איך האב זיך א ווארף גע־

טהאָן איהם נאָכיאָגען, נור ער האָט אויך גענומען געהן שנעלער, כאָטש ער האָט זיך ניט ארומגעקוקט אהינטער, און פּלוצים האָט ער זיך א קעהר געטהאָן הינטער א ווינקעל פון א הויז, וואָס איז גע־שטאַנען ארויסגערוקט. איך בין צוגעלאָפען צו יענעם ווינקעל און האָב זיך פארקירעוועט פונקט אזוי שנעל, ווי דער אראבער... וואָס איז דאָס פאר א וואונדער! פאר מיר איז א לאַנגע, שמאָלע און אין גאַנצען פוסטע גאַס; דער פריה־מאָרגענדיגער נעבעל האָט איהר אין גאַנצען פארגאָסען מיט א מאַטען שיין. — אָבער מיין בליק דרינגט דורך ביז איהר סאַמען סוף, איך קען איבערצעהלען אַלע איהרע גע־ביידען... אָבער קיין לעבעדיג בעשעפעניש ריהרט זיך ניט אין ער־גען! דער הויכער אראבער אין פּלאַשץ איז גראדע אזוי פּלוצים פער־שוואונדען, ווי ער האָט זיך בעוויזען! איך האָב זיך פערוואונ־דערט... אָבער נור אויף איין אויגענבליק. אן אנדער געפיהל האָט מיך גלייך בעהערשט; די דאָזיגע גאַס, וועלכע האָט זיך גע־צויגען פאר מיינע אויגען אין גאַנצען א שטומען און עפּעס, ווי א טויטע — איך האָב זי דערקענט! דאָס איז געווען דיזעלבע גאַס, וועלכע איך האָב געזעהן אין חלום. איך ציטער אויף, דריק זיך צו־זאַמען — דער פריהמאָרגען איז אזוי פריש — און גלייך. אָהן א שום ספק, מיט א מין שרעקליכער זיכערקייט, געה איך אוועק פאר־ווערטס!

איך הויב אָן צו זוכען מיט די אויגען... יאָ, אָט איז עס: אָט, רעכטס, ארויסגעהענדיג מיט א ווינקעל אויף'ן טראָטואר, שטעהט אויך דאָס הויז פון מיין חלום, אָט זיינען די אַלטע טויערען מיט די שטיינערנע דריידלאַך אויףביידע זייטען... אמת, די פענסטער זיי־נען ניט קיין רונדע נור פּיערקאַנטיגע... אָבער דאָס איז ניט וויכ־טיג... איך קלאַפּ אָן אין די טויערען, קלאַפּ צוויי, דריי מאָל, אַלץ העכער און העכער... די טויערען עפענען זיך אויף לאַנגזאַם, מיט א שווערען סקריפּען, ווי געגעצענדיג. פאר מיר שטעהט א יונגע דיענסט־מיידעל מיט א צושויבערטער קאָפּ און פארשלאָפענע אויגען. זי איז, ווי עס שיינט, נור וואָס אויפגעשטאַנען.

— וואָהנט דאָ דער באַראָן? — פרעג איך, און אליין וואַרף איך א שנעלען בליק איבער דעם ענגען הויף... אַלעס איז דאָ אזוי ווי א בילד פון דאָס וואָס איך האָב אין מיין חלום געזעהן;

פונקט אזוי. אט זיינען אויך די ברעטער, און די קלעצער, וועלכע איך האב געזעהן אין חלום.

— ניין, ענטפערט מיר די דיענסט — דער באראן וואהנט דא ניט.

— וואס הייסט ניט? עס קען ניט זיין!

— ער איז דא איצט נישטא. ער איז נעכטען אוועקגעפאהרען.

— וואוהין?

— אין אמעריקא.

— אין אמעריקא! — האב איך ניט ווילענדיג ווידערהאלט. אבער ער וועט זיך צוריק קעהרען!

— דאס ווייסען מיר ניט. עס קען זיין, ער וועט שוין גאר ניט מעהר צוריק קומען.

— ווי לאנג האט ער דא געוואהנט?

— ניט לאנג, ארום א וואך צייט. אבער איצט איז ער שוין נישטא.

— און ווי האט מען איהם גערופען מיט'ן נאמען, דעם באראן?

די דיענסט האט אויף מיר אויגעגלאצט איהרע אויגען.

— ווי, איהר ווייסט ניט זיין נאמען? מיר האבען איהם גערופען איינפאך באראן. עי! פיאטער! — האט זי א געשריי געטהאן, זעהענדיג, אז איך רייס זיך אריינצוגעהן אינעווייניג. — קום אקארשט אהער: עפעס א פרעמדער שטעהט דא און פרעגט אלץ אויס.

פון הויז האט זיך בעוויזען א אומגעלומפערטע פיגור פון אגעזונדען ארבייטער.

—וואס איז דא? וואס דארפט איהר? — האט ער געפרעגט מיט א הייזעריגען קול. און מיך אונפריינדליך אויסגעהערט, האט ער בעשטעטיגט דאס וואס די דיענסט האט פריהער געזאגט.

— טא ווער זשע וואהנט דא? — האב איך ארויסגערעדט.

— אונזער בעל־הבית.

— און ווער איז ער?

— א סטאליער. דא אין גאס וואהנען בלויז סטאליארעס.

— קען מען איהם זעהן?

— איצט קען מען ניט. ער שלאָפט.

— און אין הויז קען מען ניט אַריינגעהן ?

— ניין. געהט זיך.

—נו, און שפּעטער וועט מען קענען זעהן אייער בעל־הבית ?

— פאַרוואָס ניט ? געוויס. איהם קען מען אימער... אויף דערויף איז ער א הענדלער. אָבער איצט געהט זיך. זעה, ווי פריה עס איז נאָך.

— נו, און יענער אַראַבער ? — האָב איך פּלוצים געפרעגט.

דער אַרבייטער האָט מיט אַ מין ניט בעגרייפען אַ קוק געטהאָן פריהער אויף מיר, דערנאָך אויף דער דיענסט.

— וואָס איז דאָ פאַר אַן אַראַבער ? — האָט ער צום סוף אַרויס־גערעדט — געהט זיך, געזונדערהייט, מיין הערר. איהר קענט שפּע־טער ווידער קומען. איהר וועט איבערשמועסען מיט דעם בעל־הבית.

איך בין אַרויס אויף דער גאַס, די טויערען האָבען זיך מיט אַ מאָל פאַרקלאַפּט הינטער מיר, שווער, האַסטיג, אָבער דיעזען מאָל אָהן אַ סקריפּען.

איך האָב גוט באַמערקט די גאַס, דאָס הויז און בין אַוועק ווייטער, נור ניט אַהיים. — איך האָב געפיהלט עפּעס אַזוינס, ווי אַ ענטוישונג. אַלעס וואָס מיט מיר האָט פאַסירט, איז געוועזען אַזוי מערקווירדיג, אַזוי אונגעוועהנליך — און דאָך, ווי נאַריש דאָס אַלעס האָט זיך געענדיגט ! איך בין געוועזען זיכער, איך בין געוועזען איבער־צייגט, אַז אין דיעזען הויז, וועל איך דערזעהן דעם בעקאַנטען צימער — און אין מיטען מיין פאַטער, דעם באַראָן, אין שלאַף־ראָק און מיט אַליולקע... און אַנשטאַט דעם — איז גאָר דער בעל־הבית פון הויז אַ סטאָליער... מען קען איהם בעזוכען, ווען מען וויל — און זאָגאַר, באַשטעלען ביי איהם מעבעל...

און דער פאַטער איז אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקא ! און וואָס בלייבט מיר איצט איבער צו טהאָן ?... דערצעהלען אַלעס דער מו־טער — אָדער אויף אייביג בעגראָבען די ערינערונג וועגען דער דאָזי־גער בעגעגעניש ? איך האָב בשום אופן ניט געקענט זיך צוגעוועהנען צום געדאַנק, אַז צו אַזאַ אונגעוועהנליכען, געהיימניספולען אָנהויב זאָל קענען צוקומען אַזאַ אונזיניגער, אַזאַ געוועהנליכער סוף !

איך האָב זיך ניט געוואָלט אומקעהרען אהיים, און בין אוועק, וואו די אויגען האָבען מיך געטראָגען, אוועק פון שטאָדט ארויס.

XIV.

איך בין געגאַנגען, דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען, אָהן געדאַנקען, כמעט אָהן עמפּפינדונגען, נור אין גאַנצען אריינגעטהאָן אין זיך אליין. — אַ גלייכמעסיגער, העפטיגער און בייזער גערויש האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין פערגליווערטען צושטאַנד. איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ: דאָס האָט גערוישט און געהודיעט דער ים, ביי אַ פופציג טריט פון מיר. איך האָב דערזעהן, אַז איך געה איבער'ן זאַמדיגען ברעג. דער ים, אַ צורודערטער פון'ם ביינאַכטיגען שטורם, איז אין גאַנצען, ביז'ן סאמע האָריזאָנט, ווייס געווען פון קאָכעדיגען שוים; כוואַ־ליעס, ווי משופּה'דיגע בערג, האָבען זיך געטראָגען איינע נאָך דער אַנדערער און זיינען צושאטען געוואָרען, אנשלאָגענדיג זיך אָן דעם פלאַכען ברעג.

איך בין צוגעגאַנגען צו זיי און אוועק איבער דעם סאמען שטריך, וואָס איז איבערגעלאָזען געוואָרען פון די כוואַליעס אויף דעם געלען, צוהאַקטען זאַמד, פול מיט שטיקלאַך ים־פלאַנצען און מעער־קעפּלאַך.

די ים־פייגעל מיט זייערע פליעגלען, געטראָגען פון'ם ווינד, זיי־נען געפלויגען פון דעם ווייטען לופט־אָפּגרונד מיט אַ רחמנות'דיגען געשריי, האָבען געשוועבט ווייסע, ווי שנעע, אויף דעם גרויען, פער וואָלקענטען הימעל און זיינען געפאַלען שווער, און, אַזוי ווי שפּרינ־גענדיג פון איין כוואַליע אויף דער אַנדערער, האָבען זיי זיך געטוקעט און גע'טובל'ט און פערשוואונדען, ווי ווייסע פונקען, אין די שטריי־פען פון'ם קאָכעדיגען שוים... אייניגע פון זיי, האָב איך בעמערקט, האָבען פער'עקשן'ט זיך געדרעהט ארום אַ גרויסען שטיין, וואָס האָט איינער אליין ארויסגעקוקט פון צווישען דער איינפאַרביגער דעקע פון די זאַמדיגע ברעגעס.

אַ געדיכטער בוש פון ים־פלאַנצען איז געוואַקסען פון איין זייט שטיין; און דאָרט, וואו זייערע צופלאַנטערטע צווייגלאַך האָבען

ארויסגעשטעקט פון'ם וואסער, האט זיך עפּעס געזעהן דונקעלעס, עפּעס לאנגעס און ארומגערונדעטעס, ניט זעהר קיין גרויסעס... איך האב זיך גענומען איינקוקען... עפּעס א דונקעלע זאך איז דארט געלעגען, געלעגען אהן שום בעוועגונג נעבען שטיין... די זאך איז געווארען אלץ דייטליכער און קלאהרער, וואס נעהענטער איך בין צור-געגאנגען...

ביז דעם שטיין איז מיר געבליעבען נאך א דרייסיג טריט...

אבער דאס זיינען די שטריכען פון א מענשליכען קערפּער! דאס איז א טויטער; דאס איז א דערטרונקענער, וועמען דער ים האט ארויסגעווארפען! איך בין צוגעקומען נאהענט צום שטיין.

דאס איז דער טויטער קערפּער פון דעם באראן, פון מיין פאַ-טער! איך בין געבליעבען שטעהן, ווי אן איינגעגראבענער. דא האב איך ערשט פערשטאנען, אז פון אין דער פריה אן האט מיך געפיהרט עפּעס א אונבעוואוסטע קראפט — אז איך געפין זיך אין גאנצען אונ-טער איהר מאכט — און אין פערלויף פון עטליכע מאמענטען איז אין מיין נשמה ניט געווען קיין זאך, אויסער דעם שטענדיגען פּלעסט-שען פון דעם אונרוהיגען ים — און דעם שטומען שרעק פאר דעם שיק-זאל, וואס האט מיך בעהערשט...

XV.

ער איז געלעגען אויף דעם רוקען, עטוואס אויסגעבויגען אויף א זייט, פארווארפען די לינקע האנד אונטער'ן קאפּ... די רעכטע איז געווען אונטערגעשפּארט אונטער זיין איבערגעבויגענעם קערפּער. די קלעפּעדיגע בלאטע האט ארייגעזויגען די שפּיצען פון זיינע פיס, אנגעטהאנענע אין הויכע מאטראסקע שטיוועל, א קורצער, בלויער רעקעל, אין גאנצען איינגעזאפּט אין ים זאלץ, האט זיך ניט פארנאנ-דערגעשפּיליעט; א רויטער שארף האט איינגעכאפּט ארומגעכאפּט זיין האלז. דער טונקעלער פּנים, צום הימעל געווענדעט, האט עפּעס ווי אונטערגעשמייכעלט; פון אונטער דער פאריסענער אויבערשטער ליפּ האבען זיך ארויסגעזעהן געדיכטע קליינע צייהן; די דונקעלע

שווארצאַפּלען פון די האַלב צוגעמאַכטע אויגען האָבען זיך וויניג וואָס אונטערגעשיידעט פון די דונקעל געוואָרענע ווייסלאַך; די האָאַר צו־שמירטע, מיט פּענכערלאַך שוים, באַדעקטע זיינען צו־וואָרפען גע־ווען איבער דער ערד און האָבען אַרויסגעשטעלט זיין גלאַטען שטערן מיט דעם בלויליכען פּאַס פון שראַם; די שמאָלע נאָז האָט זיך, ווי אַ שאַרפער, ווייסליכער שטריך אויפגעהויבען צווישען די איינגע־פאַלענע באַקען. דער שטורם פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט האָט גע־טהאָן זיין זאַך... ער האָט שוין מעהר ניט געזעהן אַמעריקאַ! דער מענש, וואָס האָט בעליידיגט מיין מוטער, וואָס האָט פאַרמיאוסט איהר לעבען — מיין פאַטער — יאָ! מיין פאַטער — אין דעם האָב איך שוין ניט געקענט צווייפלען — איז געלעגען מאַכטלאָז אין בלאָטע צושפּרייט, ביי מיינע פיס. איך האָב געפיהלט אַ געפיהל פון בעפריע־דיגטער ראַכע, אי פון מיטלייד, אי פון עקעל, אי פון שרעק, מעהר פון אַלץ... צווייפאַכער שרעק: אי פאַר דעם, וואָס איך האָב געזעהן — אי פאַר דעם, וואָס איז געשעהן. יענע בייזע, פערברעכע־רישע פערלאַנגען וועגען וועלכע איך האָב שוין גערעדט — האָבען זיך פּלוצים ערוועקט אין מיר... האָבען מיך געשטיקט. אַהאַ! האָב איך געטראַכט: איז אָט פאַרוואָס איך בין אַזאַ... אָט ווען עס ווייזט זיך אַרויס די שלעכטע, גע'ירש'ענטע בלוט! איך בין גע־שטאַנען נעבען טויטען קערפּער, און געקוקט, און געוואַרט: טאָמער וועלען זיך אַ ריהר טהאָן די טויטע שוואַרץ־אַפּלען, טאָמער וועלען אַ ציטער טהאָן די קאַלטע פאַרגליווערטע ליפּען? — ניין! אַלעם איז אונבעוועגליך; אפילו דער בוש ים־פלאַנצען, וואוהין די כוואַליעס האָבען איהם אַרויסגעוואָרפען, איז אויך, ווי פערשטאָרבען; אפילו די ים־פייגעל זיינען אוועקגעפלויגען — אין ערגעץ זעהט זיך ניט קיין סימן פון חורבות, קיין ברעטער, קיין קלעצער, קיין צובראָכענע שיף־זאַכען. אַ פּוסטקייט איז אומעדום... בלויז ער — און איך — און דער רוישענדער ים פון ווייטען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אויף צוריק: די זעלבע פּוסטקייט איז אויך דאָרט: אַ קייט פון לעבלאָזע אונבעוועגליכע בערגלאַך אויף'ם האָריזאָנט... און דאָס אַלעס!... עס איז מיר אומה'דיג געווען צו לאָזען דעם אונגליקליכען אין דיעזער איינזאַמקייט, אין דער בלאָטע אַרום ברעג, אַלס שפּייז פאַר די פייגעל און פיש; אַן אינווייניגסטער קול האָט צו מיר גערעדט, אַז איך דאַרף

אויפזוכען, רופען מענשען, אויב ניט אום צו העלפען — דאָ איז שוין קיין הילף ניט מעגליך געוועזן! — טאָ כאָטש דערפאַר, אז מען זאָל איהם פון דאנען צונעהמען, און אוועקטראָגען אונטער א מענשליכען דאך... אָבער אַן אונאויסשפּרעכליכע מורא האָט מיר פּלוצים ארום געכאַפּט. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז דער דאָזיגער טויטער מענש וויים, אז איך בין געקומען אהער, אז ער אליין האָט עס צוזאמענגע-פיהרט אונזער לעצטע באַגעגעניש — מיר האָט זיך זאָגאר אויסגעווי-זען, אז איך הער דאָס בעקאנטע, הייזעריגע מורמלען... איך בין אָבגעלאָפען אַן א זייט... האָב זיך נאָך אמאָל ארומגעקוקט... עט-וואָס בליסטשענדיגעס האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען: דאָס האָט מיך אָבגעשטעלט. דאָס איז געווען א גאָלדענער שטרייף אויף דער אבגעוואָרפענער האנד פון'ם טויטען... איך האָב דערקענט דעם קדושין רינג פון מיין מוטער. איך געדענק, ווי איך האָב זיך געצוואונ-גען אומצוקעהרען, צו געהן, איינבייגען זיך... איך געדענק די קלע-פּעדיגע בעריהרונג פון די קאלטע פינגער, איך געדענק, ווי איך האָב זיך געשטיקט און געזשמורעט און געסקריעט מיט די צייהן, ארונטער-רייסענדיג דעם איינגעשפּארטען רינג...

ענדליך איז עס ארונטערגעריסען — און איך לויף, לויף אוועק פון דאנען, לויף אזש ברעכענדיג דעם קאָפּ, — און עטוואס טראָגט זיך נאָך מיר, און איז שוין גאר נאָהענט און כאַפּט מיך...

XVI.

אַלעס וואָס איך האָב אריבערגעטראָגען און דורכגעפיהלט, איז, וואהרשיינליך, אָנגעשריעבען געוועזן אויף מיין פּנים, ווען איך האָב זיך צוריקגעקעהרט אהיים. די מוטער, ווי נור איך בין אריין צו איהר אין צימער, האָט זיך פּלוצים אויסגעגלייכט און אזוי איינגע-שפּארט-פּרעגענדיג א קוק געטהאָן אויף מיר, אז איך, פּרובירענדיג אומזיסט זיך צו ערקלעהרען, האָב געענדיגט דערמיט, וואָס איך האָב איהר שווייגענדיג דערלאנגט דעם רינג. זי איז שרעקליך בלייך גע-וואָרען, איהרע אויגען האָבען זיך מיט איין מאָל ברייט געעפענט

און זיינען פארשטארבען, ווי ביי „יענעם" — זי האט שוואך א געשריי געטהאן, געכאפט דעם רינג, זיך א שאקעל געטהאן אויף די פיס, געפאלען צו מיר אויף דער ברוסט און איז געבליעבען פארשטיינערט, אבגעווארפען דעם קאפ אויף הינטען און שלינגענדיג מיט דיעזע ברייטע אונזיניג געווארענע אויגען. איך האב ארומגענומען איהר טאליע מיט ביידע הענד, און שטעהענדיג אויף איין ארט, ניט ריהרענדיג זיך און ניט געאיילט, האב איך איהר מיט א שטיל קול דערצעהלט אלעס, ניט פערשווייגענדיג קיין זאך: מיין חלום און די באגעגעניש, און אלעס, אלעס... זי האט מיך אויסגעהערט ביז צום סוף, ניט ארויסריידענדיג קיין איין ווארט, נור די ברוסט איהרע האט אלץ שטארקער און שטארקער געאטהעמט — און די אויגען האבען זיך פלוצים בעלעבט און זי האט זיי ארא‍בגעלאזען. דערנאך האט זי אנגעטהאן דעם רינג אויף דעם אינגסטען פינגער און, אבטרעטענדיג פון מיר, האט זי גענומען איהר מאנטעל און הוט. איך האב געפרעגט וואו זי קלייבט זיך צו געהן. זי האט אויף מיר אויפגעהויבען א פערוואונדערטען בליק און געוואלט ענטפערן, האט אבער ניט געקענט... זי האט זיך עטליכע מאל א טרייסעל געטהאן, גענומען רייבען די הענד, ווי זי וואלט זיך וועלען אנווארימען, און ענדליך, ארויסגערעדט: „קום גלייך אהין".

— וואוהין, מוטער?

— וואו ער ליעגט... איך וועל זעהן... איך וויל דערקענען... איך אליין...

איך האב פרובירט איהר איינריידען ניט צו געהן; אבער זי האט שיער ניט געקריגען א נערוועזען אנפאל, איך האב פערשטאנען, אז געהן אנטקעגען איהר ווילען איז אונמעגליך — און מיר זיינען אוועק.

XVII.

און אט געה איך ווידער איבער דעם זאמדיגען ברעג — נור איך געה שוין ניט אליין. איך פיהר אונטער'ן ארעם די מוטער. דער ים האט זיך אבגערוקט, איז אוועק נאך ווייטער; — ער ווערט שטילער — אבער אפילו זיין אבגעשוואכטער גערויש איז נאך אויך אזוי מורא'-

דיג און גרויזאם. און אָט, האָט זיך ענדליך בעוויזען דער איינזאמער שטיין — אָט איז די ים־פלאנצונג. — איך קוק זיך גוט צו, איך סטארע זיך צו אונטערשיידען יענע רונדע זאך, וועלכע איז פריהער געלעגען אויף דער ערד — נור איך זעה גאָרנישט. מיר געהען צו נעהנטער; ניט ווילענדיג געה איך מיט לאנגזאמע טריט. אָבער וואו איז יענער שווארצער, אונבעוועגליכע זאך? נור די שטאַנגלאך פון דער וואסער־פלאנצונג פונקלען אויף דעם, שוין אויסגעטריקענטען, זאמד... מיר געהען צו צום סאמע שטיין... נישטאָ אין ערגעץ דעם טויטען קערפער — און נור אויף דעם פלאץ, וואו ער איז געלעגען, איז נאָך דער פלאץ געבליעבען איינגעדריקט, און מען קען זיך אָנשטויסען, וואו עס האָבען זיך געפונען די הענד, די פיס... ארום איז די פלאנצונג אביסעל צודריקט — און עס זעהען זיך סמנים פון איין מענשען'ס טריט; זיי געהען איבער'ן זאמדיגען ברעג — דער־נאָך ווערען זיי פערלאָרען, צוקומענדיג צו שטיינערנעם באָדען.

איך מיט דער מוטער קוקען זיך איבער און דערשרעקען זיך אליין פאַר דעם, וואָס מיר האָבען איבערגעלעזען איינער ביים אנדער'ן אויף'ם פנים...

— איז ער אפשר גאָר אליין אויפגעשטאנען און איז אוועק?...

— דו האָסט דאָך איהם געזעהן א טויטען? — פרעגט זי אין דער שטיל.

איך האָב נור געקענט א מאך טהאָן מיט דעם קאָפּ. עס זיינען נאָך ניט אוועק קיין דריי שעה, ווי איך האָב זיך אָנגעשטויסען אָן דעם באַראָן'ס טויטען קערפער... אימעצער האָט איהם געפונען און אוועקגעטראָגען — מען האָט געדארפט דערגעהן, ווער עס האָט דאָס געטהאָן און וואָס מיט יענעם איז געוואָרען?

אָבער פריהער האָט מען געמוזט בעזאָרגען די מוטער.

XVIII.

אזוי לאנג ווי זי איז געגאנגען צו יענעם אונגליקליכען אָרט, האָט איהר געוואָרפען פון פיבער, אָבער זי האָט זיך בעהערשט. דאָס פער־שווינדען פון'ם טויטען קערפער האָט איהר געטראָפען, ווי א דונער.

זי איז געוואָרען אין גאַנצען מטושטש. מיט גרויס מיהע האָב איך איהר אַהיים געבראַכט. איך האָב זי ווידער אריינגעלייגט אין בעט, ווידער געבראַכט צו איהר אַ דאָקטאָר; אָבער ווי נור די מוטער איז געקומען אַביסעל צו זיך, האָט זי גלייך געפאָדערט, איך זאָל געהן אויפזוכען „יענעם מענשען". איך האָב געפאָלגט. נור ניט קוקענדיג אויף אַלע מיינע בעמיהונגען האָב איך גאָרניט געקענט אויסגעפינען. איך בין עטליכע מאָל געוועזען אין דער פּאָליציי, האָב בעזוכט אַלע ארומיגע דערפער, האָב געדרוקט אַנאָנסען אין עטליכע צייטונגען, האָב זיך אומעדום נאָכגעפרעגט — און אומזיסט! אמת, צו מיר איז דער־גאַנגען אַ נאַכריכט, אַז אין איינעם פון די דערפלאַך, וואָס געפינען זיךביים ים איז ארויסגעוואָרפען געוואָרען אַ דערטרונקענער... איך בין גלייך אַוועקגעלויפען אַהין, אָבער מען האָט איהם שוין בעערדיגט און נאָך די סימנים איז ער ניט עהנליך געווען צום באַראָן. איך האָב זיך דערוואוסט אויף וואָס פאַר אַ שיף ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין אמערי־קא, פריהער זיינען אַלע געווען זיכער, אַז די שיף איז דערטרונקען געוואָרען אין צייט פון שטורם; נור, אין אַ פּאָאָר מאָנאַטען ארום, האָ־בען זיך גענומען טראָגען קלאַנגען, אַז מען האָט דאָס דאָזיגע שיף גע־זעהן פאַראַנקערט אין דעם ניו־יאָרקער האַפען.

ניט וויסענדיג, וואָס ווייטער צו טהאָן, האָב איך זיך גענומען זו־כען דעם אַראַבער, וועלכען איך האָב דאַן געזעהען, איהם פאָרגעשלאָ־גען דורך צייטונגען אַ גרויסע סומע געלד, אויב ער וועט קומען צו אונז אין הויז. עפּעס אַ הויכער אַראַבער, אין אַ פלאַשץ, איז ווירקליך גע־קומען צו אונז אין מיין אַבוועזענהייט... נור, אויספרעגענדיג די דיענסט, איז ער פּלוצים שנעל אַוועק און זיך שוין מעהר קיין מאָל ניט צוריקגעקעהרט.

און אַזוי איז פערשוואונדען יעדער סימן... פון מיין פאַטער; אַזוי ווי ער וואָלט אין דער שטומער ערד אריין. איך מיט דער מוטער האָבען קיין מאָל וועגען איהם ניט גערעדט; בלויז, איין מאָל, געדענק איך, האָט זי זיך געוואונדערט, וואָס איך האָב פריהער קיין מאָל ניט גערעדט וועגען מיין מערקווירדיגען חלום; און דערביי האָט זי צוגע־זעצט: „הייסט עס, אַז ער איז ווירקליך"... זי האָט ניט דערערעדט איהר געדאַנק.

די מוטער איז אַ לאַנגע צייט קראַנק געווען, נור אפילו נאָכדעם,

ווי זי איז געזונד געווארען, זיינען די פערהעלטניסע צווישען מיר און איהר שוין ניט געוועזן, ווי פריהער. זי האט זיך געפיהלט אונבעקוועם מיט מיר — ביז איהר סאמען טויט... יא, אונבעקוועם. און אזא מין וועהטאג קען מען מיט קיין זאך ניט אויסהיילען. אלעס גלייכט זיך אויס, ווערט אבגעווישט, עראינערונגען וועגען די טראגישסטע פאמיליען־צופאלען פערליערען מיט דער צייט זייער קראפט און פייער; אבער ווען א געפיהל פון אונבעקוועמליכקייט איז איינגעטראטען צווישען צוויי נאהענטע מענשען — דאן קען מען דאס בשום אופן ניט אויסראטען! —

איך האב שוין מעהר קיין מאל ניט געזעהן יענעם חלום, וועלכער האט מיך געהאט אזוי בעאונרוהיגט; איך זוך שוין ניט מעהר מיין פאטער; נור צייטענווייז האט זיך מיר אויסגעוויזען — און עס ווייזט זיך מיר אויס ביז'ן היינטיגען טאג — אין חלום, אז איך הער עפעס א ווייטען יאמער, עפעס אונאויפהערליכע אומעדיגען קלאגען; זיי קלינגען ערגעץ הינטער דער הויכער וואנד, איבער וועלכער עס איז אונמעגליך אריבערצוקלעטער'ן, קלינגען און הילכען און צורייסען מיר דאס הארץ — און איך וויין מיט פארמאכטע אויגען — און קען בשום אופן ניט פערשטעהן, וואס אזוינס דאס איז: צי קרעכצט עס אזוי א לעבעדיגער מענש — אדער עס הערט זיך מיר נור דאס אויסגעצויגענע און ווילדע וואיען פון דעם אויפגערעגטען, ברויזענדען ים? און אט געהט עס ווידער אריבער אין א טהירישען געמורמעל — און איך כאפ זיך אויף מיט אומעט און מיט שרעק אין דער נשמה.

א לעבעדיג הייפעל ביינער

אַ לעבעדיג הייפעל ביינער

אַ פראַנצויזיש גלייכווערטעל זאָגט: „אַ טרוקענער פישער און אַ נאַסער יעגער, ביידע זעהען אויס טרויעריג". ניט האָבענדיג קיין מאָל געהאַט קיין נייגונג צו כאַפּען פיש, קען איך ניט אורטהיילען ווע־גען דעם, ווי עס פיהלט זיך אַ פישער אין אַ שעהנעם ליכטיגען ווע־טער און אויף וויפיעל דאָס פערגעניגען, וואָס אַ גרויסער פיש־פאַנג פערשאַפט, וועגט אַריבער די אונאַנגענעהמליכקייט צו זיין נאַס. אָבער פאַר אַ יעגער אַ רעגען — איז אַן אמת'ע צרה; און פּונקט אַזאַ מין צרה האָב איך מיט מיין בעגלייטער יערמאַלאַיען געמוזט אויס־שטעהן, אַרויספאָהרענדיג איינמאָל אויף געיעג נאָך בירקהינער אין ביעלעווער בעצירק. פון גאַנץ אין דער פריה האָט ניט אויפגעהערט צו רעגענען. וואָס — וואָס האָבען מיר ניט געטהאָן אום זיך אויסצוהי־טען פון'ם רעגען! אַי גומענע מאַנטלען האָבען מיר כמעט ביז איבער'ן קאָפּ אַרויפגעצויגען, אַי אונטער בוימער זיך געשטעלט, אום עס זאָל וויניגער אויף אונז גיסען... דורך די רעגען־מאַנטלען, שוין ניט ריידענדיג דערפון, וואָס זיי האָבען געשטערט צו שיסען, איז דאָס וואַסער דורך אויף אַ גאַנץ אונפערשעהמטען אופן; און אונטער די בוימער, האָט אין אָנהויב זיך טאַקע אויסגעדאַכט, אַז עס קאַפּעט וויניגער; נור דערנאָך האָט דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך אָנגעקליע־בען אין די בלעטער, דורכגעריסען זיך, און זיך אויף אונז אַ גאָס געטהאָן, ווי פון אַ צאַפּען, אַ קאַלטער וואַסער שטראָם האָט זיך פאַר־קליעבען אונטער'ן האַלזטוך און גערונען איבער דעם רוקען... אָבער דאָס איז די לעצטע זאַך! ווי יערמאַלאַי האָט זיך אויסגעדריקט.

— ניין, פּיאָטער פּיאַטראַוויטש — האָט ער צום סוף אויסגע־שריען. — אַט אַזוי איז אונמעגליך!... עס איז אונמעגליך היינט עפּעס צו כאַפּען. די הינט קענען גאָרניט דערשמעקען אין אַזאַ נאַס־

קייט; די ביקסען שיסען ניט, האקען זיך איבער ... טפוי! א שעהנער עסק!

— וואס־זשע טהוט מען? — האב איך געפרעגט.

— אט וואס. לאמיר פאהרען קיין אלעקסייעווקע. איהר, קאן זיין, ווייסט ניט, אז דארט געפינט זיך א קליין הויפ'ל, וואס גע־הערט צו אייער מוטער; פון דאנען איז דאס א ווארסט אכט. מיר וועלען דארט איבערנעכטיגען, און מארגען....

— וועלען מיר זיך אומקעהרען צוריק אהער?

— ניין, ניט אהער... הינטער אלעקסייעווקא ווייס איך פלע־צער... א סך בעסערע ווי דא פאר בירק־העהנער!

איך האב זיך ניט געשטעלט אויספרעגען מיין טרייען בעגלייטער, פארוואס ער האט מיר גלייך ניט אוועקגעפיהרט אין יענע פלעצער, און נאך אין דעם אייגענעם טאג זיינען מיר אנגעקומען צו דעם מו־טער'ס הויפ'ל, וועגען וועמענס עקזיסטענץ איך האב, דעם אמת גע־זאגט, ביז אהער אפילו ניט פערדעכטיגט. אין דעם דאזיגען הויף האט זיך געפונען א פליגעל, זעהר אן אלטער, נור ניט קיין בעוואהנ־טער און דערפאר א ריינער; איך האב דארט פערבראכט א גאנץ רו־היגע נאכט.

אויף מארגען האב איך זיך אויפגעכאפט זעהר פריה. די זונן איז נור וואס אויפגעגאנגען; אויף דעם הימעל איז ניט געווען קיין איין וואלקענדעל; אלסדינג ארום האט געשיינט מיט א שטארקען דאפ־פעלטען גלאנץ: מיט דעם גלאנץ פון די יונגע, אין־דער־פריהעדיגע שטראהלען און דער נאסקייט פון'ם נעכטיגען גוס־רעגען. ביזוואנען מען האט איינגעשפאנט די פערד אין וועגעל, בין איך אוועק שפאצ־ציערען איבער דעם קליינעם, פערווילדעטען פרוכטגארטען, וועלכער האט פון אלע זייטען ארומגערינגעלט דעם פליגעל מיט זיינע שמעקע־דיגע און זאפטיגע גרינסען. אך, ווי גוט עס איז געווען אויף דער פרייער לופט, אונטער דעם קלאהרען הימעל, וואו עס האבען זיך געצאפעלט די לערכען־פויגלאך, פון וואנען עס האבען זיך געשאטען, ווי זילבערנע פערל, זייערע קלינגענדיגע שטימען! אויף זייערע פליגעלאך האבען זיי אוודאי אוועקגעטראגען, טראפענס טהוי, און די לידער זייערע האבען אויך געקלונגען ווי בעשפריצטע מיט טהוי. איך האב זאגאר דאס היטעל פון'ם קאפ אראבגענומען און גע־

אטהעמט פרעהלאך —מיט דער גאנצער ברוסט... צופוסען ביי א ניט קיין טיעפען שלוכט האט זיך געזעהן א ביהן־שטאק, א שמאלינ־קער שטענגעלע האט געפיהרט אהין, דרעהענדיג זיך, ווי א שלאנג צווישען גאנצע ווענט פון פלאנצען און קראפיווע, איבער וועלכע עס האבען זיך געהויבען, גאט ווייס פון וואנען, פערטראגענע שארף־שפיציגע שטאנגען פון דונקעל גרינע קאנאפליעס.

איך בין אוועק איבער דעם דאזיגען שטעג; בין צוגעקומען צום ביהן־שטאק. דערביי איז געשטאנען אן ארומגעצאהמטע שטעלכעל, פון יענעם סארט, וואוהין מען שטעלט אריין ווינטערצייט די ביהן־שטאקען. איך האב אריינגעקוקט אין דער האלב אפענער טיר: פינס־טער, שטיל, טרוקען; עס שמעקט מיט מיאטע. אין ווינקעל זיינען צוגעשטעלט ברעטער, און אויף זיי, צוגעדעקט מיט אקאלדרע, ליעגט עפעס א קליינע פיגור... איך בין געהאט אוועקגעגאנגען ווייטער...

— פריץ, א פריץ! פיאטער פעטראוויטש! — האב איך דערהערט א קול, א שוואכען, א לאנגזאמען, א הייזעריגען, ווי דאס גערויש פון וואסער פלאנצען.

איך האב זיך אבגעשטעלט.

— פיאטער פעטראוויטש! קומט צו אהער, איך בעט אייך!

— האט גערעדט ווידער דער קול. ער האט זיך דערטראגען צו מיר פון'ם ווינקעל, פון יענע ברעטער, וועלכע איך האב פריהער בע־מערקט.

איך בין צוגעקומען נעהנטער — און בין געבליעבען שטעהן א צומישטער. פאר מיר איז געלעגען א לעבעדיגע מענשליכע באשעפע־ניש; אבער וואס איז דאס געוועזן אזוינס?

דער קאפ אין גאנצען א אויסגעטריקענטער, א איינפארביגער, א בראנזאווער, — אט אזוי ווי איהר זעהט — א הייליג־בילד פון דעם אלטען סארט מאהלעריי; די נאז א שמאלע, ווי דאס שארף פון א מעסער; קיין ליפען זעהט מען כמעט ניט, -- נור עס שלאגען אפ די צייהן און די אויגען, און פון אונטער דעם טיכעל רייסען זיך ארויס עטליכע שיטערע קרייזלאך געלע האאר און צושיטען זיך אי־בער'ן שטערן. נעבען דער מארדע, אויף א פאלד פון דער קאלדרע, איבערקלייבענדיג מיט די פינגער, ווי מיט שטעקעלאך, בעוועגען

זיך לאנגזאם צוויי קליינינקע הענטלאך אויף פון בראנז קאליר. איך קוק זיך צו אויפמערקזאמער: דאס פנים איז ניט נור ניט העסליך, עס איז זאגאר שעהן — נור עפעס מורא'דיג, אונגעוועהנליך קוקט ער אויס. און נאך מורא'דיגער ווייזט זיך מיר אויס דער דאזיגער פנים, ווייל איך זעה, ווי ער, ווי זיינע מעטאלענע באקען —מא־טערן זיך... מאטערן זיך און קענען ניט מאכען קיין שמייכעל.

— איהר דערקאנט מיך ניט, פריץ? — האט ווידער ארויסגע־שעפצעט דער קול; ער איז עפעס ווי ארויסגעהויכט געווארען פון די קוים בעוועגליכע ליפען. — נו, יא, ווער קען מיך דען דערקאנען!
— איך בין לוקעריא... איהר געדענקט, איך בין געוועזן די ערשטע טענצערין ביי אייער מוטער אין הויף... געדענקט איהר, ווי איך פלעג זינגען, אימער די ערשטע שטימע?

— לוקעריא! — האב איך אויסגעשריען — ביזטו עס? איז עס מעגליך?

— איך, יא, פריץ, — איך. איך — לוקעריא!

איך האב ניט געוואוסט, וואס צו זאגען, און ווי א ווילדער האב איך געקוקט אויף דעם דונקעלען, אונבעוועגליכען פנים מיט די העלע און טויטע אויגען אויסגעשטעלט אויף מיר. איז דאס מעגליך? די דאזיגע מומיע, דער דאזיגער סקעלעט — זאל זיין לוקעריא, די גרעסטע שעהנהייט אין אונזער גאנצען הויף — די הויכע, פולע, בלוט און מילך, — די שטיפערקע, טענצערקע, זינגערקע! לוקעריא, די חכמה, נאך וועמען אונזערע אלע יונגע בחורים זיינען נאכ־געלאפען, נאך וועלכער איך אליין האב אין געהיים געזיפצט, איך — א זעכצעהן־יאהריגער אינגעל!

— גאט איז מיט דיר, לוקעריא — האב איך צולעצט ארויסגע־רעדט — וואס איז מיט דיר געשעהן?

— אן אומגליק אזא האט מיך געטראפען! אבער איהר, פריץ, זאלט זיך ניט מיאוס'ען, מיט מיין אונגליק — זעצט זיך צו אן דארט אויף דער קאדקעלע — אביסעלע נעהנטער, אז ניט וועט איהר ניט קענען הערען... זעהט איהר, וואס פאר א שרייערקע איך בין גע־ווארען!... אבער עס פרעהט מיך, וואס איך האב אייך דערזעהן! און ווי אזוי קומט איהר עפעס אין אלעקסייעווקא?

לוקעריא האָט גערעדט זעהר שטיל און שוואַך, אָבער ניט אָב־שטעלענדיג זיך.

— מיך האָט דער יענער יערמאלאי אהער פערשלעפּט. אָבער דערצעהל־זשע דו מיר...

— וועגען מיין אונגליק איך דערצעהלען? גוט, פּריץ. — גע־טראָפען האָט עס מיט מיר שוין לאַנג, אַ יאָהר זעקס צו זיעבען. מען האָט מיך דאַן נור וואָס געהאַט פער'קנס'ט מיט וואַסילי פּאָליאַקאָוו'ן — איהר געדענקט איהם? אַזאַ שעהנער, אַ הויכער, מיט געקרויז־טע האָאָר איז ער געווען — האָט געדיענט ביי אייער מוטער אַלס בור־פעטשיק? אָבער איהר זייט שוין דאַן אין דאָרף ניט געווען; זייט אָוועקגעפאָהרען אין מאָסקווע לעהרנען זיך. — איך מיט וואַסילי'ן זיי־נען זעהר געווען צום הארצען איינער דעם אַנדערן; פון קאָפּ איז ער ביי מיר ניט ארויס; און געווען איז דאָס פריהלינג־צייט. טרעפט איין מאָל ביינאַכט... שוין ניט ווייט צו טאָג... איך ליעג און מיר שלאָפט זיך עפּעס ניט: די נאַכטיגאַל אין'ם גאָרטען זינגט אַזוי מאָדנע, אַזוי זיס!... איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען, בין אויפגעשטאַנען און ארויס אויף'ן גאַניק זיך צוהערען צום געזאַנג. און זי צוגיסט זיך דאָרט, צוגיסט זיך... און פּלוצים האָט זיך מיר אויסגעוויזען: עמעצער רופט מיך מיט וואַסיא'ס קול, רופט מיך שטיל, שטיל: לושא!... איך קוק זיך אָרום אין דער זייט, און מסתמא פון שלאָף — טהו איך פאַלש אַ טראָט און אַזוי גלייך פון אויבען, פון באַלקאָן פליה איך אַרונטער — און אָן ד'רערד אַ שליידער! און, דאַכט זיך, איך האָב זיך ניט שטאַרק צוקלאַפּט, ווייל — איך האָב זיך באַלד אויפגעהויבען און צו זיך אין צימער צוריקגעקעהרט. נור עפּעס, ווי אינעווייניג, אין מיר — אין לייב — וואָלט זיך עט־וואָס איבערגעריסען... וואַרט אוים אַ מינוטקעלע, פּריץ... לאָזט דעם אָטהעם אָבציהען...

לוקעריא איז אַנשוויגען געוואָרען, און איך האָב געקוקט אויף איהר מיט פערוואונדערונג. געוואונדערט האָט מיך אייגענטליך דאָס, וואָס וועגען איהר אונגליק האָט זי דערצעהלט כמעט פרעהלאַך, אָהן אַכצען און קרעכצען, ניט בעקלאַגענדיג זיך, און ניט זוכענדיג ארויס־צורופען מיטלייד.

— פון דעם דאָזיגען צופאַל אָן — האָט ווייטער גערעדט לוקע־

ריא — האָט איך גענומען טריקענען, דארען ; אַ שוואַרצקייט איז אויף מיר ארויף ; מיר איז שווער געוואָרען צו געהן, און שפּעטער — האָב איך איבער מיינע פיס אין גאַנצען די ממשלה פערלאָרען. איך קען ניט שטעהען און ניט געהן ; וואָלט אַלץ נור געלעגען. און עס ווילט זיך ניט, ניט עסען און ניט טרינקען : עס ווערט אַלץ ערגער און ערגער. אייער מוטער, מיט איהר גוטסקייט, האָט צו מיר גע־בראַכט רפואות, און אין שפּיטאַל געשיקט. דאָך, איז קיין שום פער־גרינגערונג דערפון ניט ארויסגעקומען. און קיין איין רופא האָט אפילו ניט געקענט זאָגען וואָס פאַר אַ מין קראַנקהייט ביי מיר איז. וואָס אַזוינס האָבען זיי מיט מיר ניט געטהאָן : מיט גליהענדיגע אייזענס מיר דעם רוקען געברענט, אין צושפּאַלטענע אייז מיך אריינגעזעצט — און אַלץ גאָרנישט. צום סוף איז פון מיר געוואָרען אַ הייפעל ביינער... דאַן האָבען די הערן בעשלאָסען, אַז מיך צו היילען איז שוין מעהר ניט כדאי, און אין פּריצישען הויף האַלטען קאַליקעס איז אויך ניט קיין פּלאַן... נו, האָט מען מיך אַריבערגעשיקט אַהער — ווייל דאָ זיינען ביי מיר פערהאַן קרובים. און אָט לעב איך, ווי איהר זעהט.

לוקעריא איז ווידער אַנשוויגען געוואָרען און ווידער זיך גענומען מאַטערען אַ שמייכעל צו טהאָן.

—אָבער דאָס איז דאָך, דאָס איז דאָך שרעקליך, אַזאַ לאַגע !

— האָב איך אַ געשריי געטהאָן... און ניט וויסענדיג, וואָס נאָך צו זאָגען, האָב איך געפרעגט : — נו, און וואָס איז געוואָרען מיט וואסילי פּאָליאַקאָוו ? — זעהר נאַריש איז געוועזען די דאָזיגע פראַגע.

לוקעריא האָט אָבגעקעהרט די אויגען אַביסעל אָן אַ זייט.

— וואָס זאָל מיט איהם ווערען ? פּאָליאַקאָוו האָט אַ צייט גע־טרויערט, געטרויערט — און חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער, מיט אַ מיידעל פון גלינאָיע. איהר ווייסט, וואו עס געפינט זיך דער דאָרף גלינאָיע ? פון אונז איז דאָס ניט וועיט. אַגראַפּענאַ האָט מען זי גע־רופען. מיך האָט ער זעהר ליעב געהאַט, — אָבער ער איז דאָך אַ יונגער מענש — ער קען דאָך ניט בלייבען שטענדיג אַליין, ניט פער־הייראַט. און וואָס פאַר אַ פריינדין האָב איך איהם געקאָנט זיין ? און אַ ווייב האָט ער זיך גענומען אַ וואוילע, אַ גוטע — זיי האָבען קינדערלאַך. ער איז דאָ, ביי אַ שכן, דיענט אַלס פּריקאַזטשיק : אייער

מוטער האָט איהם אָבגעלאָזט מיט אַ פּאַספּאָרט, און עס געהט איהם גאָט צו דאַנקען, זעהר גוט.

— און דו ליגסט עס אַלץ אַזוי, ליגסט אויף איין אָרט ? — האָב איך ווידער געפרעגט.

— יא, אָט אַזוי, פּריץ, ליג איך שוין, דאָס זיבעטע יאָהר. זומער ליג איך דאָ, אין דער שטעלכעל, און ווען עס ווערט קאַלט — טראָגט מען מיך אַריבער אין דער פּאָדער־שטיבעל פון דער באָד. ליג איך דאָרט.

— ווער געהט אַרום דיר ארום ? גיט אימעצער אויף דיר אכ־טונג ?

— גוטע מענשען זיינען דאָ אויך פאַרהאַן. מען פערלאָזט מיך ניט. און ארומגעהן ארום מיר איז אויך נישט פיעל נויטיג. עסען, עס איך כמעט גאָרנישט, און וואַסער — אָט איז, אין׳ם קריגעל, שטעהט שטענדיג אָנגעגרייט, ריינע, קוואַל־וואַסער, ביז דעם קריי־געל, קען איך זיך נאָך אַליין דערשלעפּען: איין האַנד באַוועגט זיך נאָך ביי מיר. נו, און אַ מיידעלע איז דאָ פאַרהאַן, אַ יתומה׳לע; איז ווען ניט ווען — לויפט זי אַריין מיך געוואָהר ווערען, אַ דאַנק איהר דערפאַר. נור וואָס איז זי דאָ געוועזען... איהר האָט זי ניט גע־טראָפען ? אַ שעהנינקע אַזאַ, אַ ווייסינקע. זי ברייִנגט מיר בלומען; איך בין אויף זיי אַ גרויסער בעלן, אויף די בלומען, הייסט עס. קיין גאָרטען־בלומען זיינען ביי אונז נישטאָ, — זיינען געוועזען, אָבער זיי האָבען זיך אויסגענומען. אָבער פעלד־בלומען זיינען אויך גוט; שמע־קען נאָך בעסער, ווי פון׳ם גאָרטען. אָט נעהמט, למשל, די מאַי־בלו־מען... וואָס דאַרף מען נאָך אַנגענעהמער !

— און איז דיר ניט אומעדיג, ניט מורא׳דיג, מיין אָרימע לו־קעריא ?

— וואָס קאָן מען זיך העלפען ? ליינגען וויל איך ניט — אין אָנ־הויב איז געוועזען זעהר ביטער; אָבער דערנאָך האָב איך זיך צוגע־וואָהנט, בין געוואָרען פערליטען — און גאָרנישט; עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זיי איז נאָך ערגער.

— ווי אַזוי קאָן דאָס זיין ?

אָט, עס זיינען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס האָבען קיין היים ניט ! און אַנדערע זיינען — בלינד אָדער טויב ! און איך, גאָט צו דאַנקען,

זעה אויסגעצייכענט און אלסדינג הער איך, אלסדינג. א קראָט גראָבט זיך אונטער דער ערד — איז דאָס הער איך אויך. און א גערוך קאָן איך פיהלען, ווי שוואך ער זאָל ניט זיין דערפיהל איך איהם גלייך! צו עס נעהמט בליהען די גריקע אין פעלד, אָדער א לינדען־בוים אין גאָרטען — מיר דאַרף מען עס שוין ניט דערצעהלען: איך הער עס די ערשטע. נור א ווינטעלע זאָל פון דאָרט א בלאָז טהאָן. ניין, צו וואָס טויגען די טענות צו גאָט? — עס זיינען נאָך דאָ א סך ערגערע פון מיר. כאָטש נעהמען, דאָס: אן אנדערער, געזונדער מענש קען זעהר לייכט זינדיגען; און פון מיר האָבען אלע זינד אָבגעטראָטען. אנומעלט איז דער פאטער אלעקסיי אהער געקומען, איך זאָל, הייסט עס, פאר איהם זיך מתודה זיין און זאָגט: דיר איז גאָרניט נויטיג צו מתודה זיין זיך, ווארום דו קענסט דען אין אזא לאגע זינדיגען? — נור איך האָב איהם געענטפערט: און מיט די געדאנקען, פאטער'ל, קען מען דען ניט זינדיגען? — נו, זאָגט ער און לאכט פאר־זיך — דאָס איז ניט קיין גרויסע זינד!

אָבער איך בין, הפנים, מיט שלעכטע מחשבות אויך ניט שטארק זינדיג, — האָט ווייטער גערעדט לוקעריא — ווייל איך האָב ביי זיך אזוי אָבגעמאכט: ניט טראכטען, — און מעהר פון אלץ — ניט דערמאָנען זיך אָן דעם אמאָל... די צייט געהט דאן שנעלער אוועק.

— איך בין זיך מודה, איך האָב זיך פערוואונדערט.

— דו ביזט אלץ אליין, שטענדיג אליין, לוקעריא; ווי־זשע קאָנסטו שטערען די געדאנקען, זיי זאָלען דיר ניט קריכען אין קאָפּ אריין? אָדער דו שלאָפסט נאָכאנאנד?

— אוי, ניין, פריץ! ניט אלע מאָל קען איך שלאָפען. כאָטש קיין גרויסע ווערטאָגען האָב איך ניט, אָבער עס נאָגט דאָרט ביי מיר אינעווייניג און אין די ביינער; נאָגט און לאָזט ניט שלאָפען, ווי עס בעדאַרף צו זיין. ניין... אָט אזוי ליג איך מיר, ליג זיך און ליג — און טראכט ניט; פיהל, אז איך לעב, אָטהעם — און מעהר גאָרנישט. איך קוק, הער. די ביהנען אין ביהן־שטאָק הוזשען און זשומען; א טויב זעצט זיך צו אויף דעם דאך און נעהמט גירען, וואָרקען; א היהנדעלע פארגעהט אהער מיט איהרע ציפּליאטקעלאך אויפּפּיקען די ברעקלאך; און אמאָל טרעפט, פליהט א שפּערלינג

אַריין אָדער אַ שמעטערלינג — איז דאָס מיר זעהר אנגענעהם. פאַר צוויי יאָהרען האָבען זאָגאר שוואַלבען זיך דאָרט אין ווינקעל אַ נעסט אויפגעבויט — און קינדערלאַך אויסגעזעסען. אַן אמת'ער חיות איז געוועזן אויף זיי צו קוקען! — איינע פליהט צו צום נעסט — פאַלט צו, קאָרמעט אָן די קינדערלאַך — און ווייטער געפלויגען. טהוסט אַ קוק — ערשט אַן אַנדערע לויפט שוין זי איבערצובייטען. אַן אַנ־דער'ס מאָל פליהט זי גאָרניט אַריין אינעווייניג, טראָגט זיך נור פער־ביי פאַר דער אָפּענער טיר — און די קינדערלאַך — גלייך הייבען זיי אָן צו פּיסטשען און שטעלען אויס די פּיסקעלאַך... איך האָב זיי אויף דעם צווייטען יאָהר אויך ערוואַרט, אָבער זיי, זאָגט מען, האָט אַ היגער יעגער צושאָסען. און אויף וואָס האָט ער זיך דאָ געקוואָפּעט? אין גאַנצען איז די שוואַלב ניט גרעסער פון אַ זשוק... וואָס פאַר שלעכטע איהר זייט, איהר, די הערען יעגערס!...

— איך שיס ניט קיין שוואַלבען — האָב איך זיך געאיילט צו בע־מערקען.

— און אַן אַנדער מאָל — האָט ווידער אָנגעהויבען לוקעריא — אָט דאָס איז אָבער געוועזן אַ געלעכטער! איז אַ האָז אַהער פערלאָ־פען, ווי איהר זעהט מיך לעבען! הינט האָבען זיך נאָך איהם גע־יאָגט, צו וואָס — נור ער איז גלייך אין טיר אַריינגעלאָפען!... האָט זיך געזעצט גאַנץ נאָהענט — און איז אַזוי אָבגעזעסען אַ היבשע צייט, — האָט אַלץ מיט דער נאָז געשאָקעלט און מיט די וואָנצעס גע־דרעהט — אַן אָפּיציער מיט די ביינער! און אויף מיר האָט ער גע־קוקט. האָט, פערשטאַנען, הייסט עס, אַז איך... אַז פאַר מיר האָט ער זיך ניט וואָס צו שרעקען. צום סוף, איז ער אויפגעשטאַנען, אַ שפּרונג געטהאָן צו דער טיר, אויף'ן שוועל האָט ער זיך אומגעקוקט — און נישטאָ איהם מעהר! אַזאַ קאָמישער!

לוקעריא האָט אויף מיר אַ קוק געטהאָן... ווי איינער זאָגט, איז עס דען ניט אַמוזאַנט? איהר צוליעב, האָב איך אַ לאַך געטהאָן. זי האָט אַ ביס געטהאָן איהרע פערטריקענטע ליפּען.

— נו, יאָ; אוודאי, ווינטער־צייט איז מיר ערגער: ווייל עס איז פינסטער; אַ ליכטעל אָנצינדען איז אַ שאָד, און צו־וואָס? כאָטש איך קאָן לייענען און צו דעם האָב איך אַלע מאָל שטאַרק חשק געהאַט, אָבער וואָס זאָל מען לייענען? קיין ביכער זיינען דאָ נישטאָ,

און ווען זיי וואָלטען אפילו יאָ געווען, טאָ ווי־זשע זאָל איך עס האַל־טען, דאָס בוך הייסט עס, ווען די הענד דיענען ניט ? פאטער אַלעקסיי האָט מיר, פון פרעהליכקייט וועגען, געבראַכט אַ קאַלענ־דאַר, האָט ער אָבער געזעהן, אַז עס ברייננגט קיין נוצען ניט, האָט ער גענומען און עס ווידער אוועקגעטראָגען. פון דעסטוועגען, כאָטש עס איז פינסטער, אָבער דאָך איז דאָ וואָס צו הערען : אַ גריל געהמט פייפען, אָדער אַ מויז זיך גראַבלען. — דעמאָלט איז גוט ! אבי ניט טראַכטען !

— אַז ניט לייען איך מיר מיינע תפילות — האָט ווייטער גע־רעדט לוקעריאַ נאָכדעם ווי זי האָט זיך אביסעלע אָבגערוהט — אָבער ניט פיעל קען איך זיי אויסענווייניג, די דאָזיגע תפילות. און צו וואָס זאָל איך דעם רבונו של עולם דערקוטשען ? וואָס קאָן איך ביי איהם בעטען ? ער ווייסט בעסער פון מיר, וואָס איך בעדאַרף. ער האָט מיך געשטעלט אין אַ שווערען נסיון — דאָס איז אַ סימן, אַז ער האָט מיך ליעב. אַזוי האָט מען אונז געלערנט עס צו פערשטעהן. זאָג איך מיר אָב „פאטער אונזער", „מוטער גאָטעס", „פאַר אַלע עלענדע און בעטריבטע", און ליג זיך מיר ווידער אָהן שום געדאַנקען, טראַכט פון קיין זאַך ניט. און גאָרנישט !

עס זיינען אוועק אַ מינוט צייט. איך האָב ניט געשטערט די שטילקייט און האָב זיך ניט געריהרט אויף דער שמאָלינקער קאַדקעלע, אויף וועלכער איך בין געזעסען. די האַרטע, שטיינערנע אונבעוועג־ליכקייט פון דעם לעבעדיגען אונגליקליכען בעשעפעניש, וואָס איז געלעגען פאַר מיר, האָט זיך איבערגעגעבען אויף צו מיר : איך בין, ווי פערשטיינערט געוואָרען.

— הער אויס, לוקעריאַ — האָב איך, צום סוף, געזאָגט — הער, וואָס פאַר אַ פאָרשלאַג איך וועל דיר מאַכען. אויב דו ווילסט, וועל איך זעהן, מען זאָל דיך אריבערפיהרען אין אַ שפּיטאָל, אין אַ גוטען שטאָדטישען שפּיטאָל ? ווער ווייס, אפשר, וועט מען דיך נאָך אויסהיילען ? אויף יעדען פאַל, וועסטו ניט זיין אַליין...

לוקעריאַ האָט קוים־קוים אַ ריהר געטהאָן מיט די ברעמען.

— אַך, ניין, פריץ — האָט זי ארויסגערעדט מיט אַ צושראָקע־נעם געמורמעל — פיהרט מיך ניט אין קיין שפּיטאָל, ריהרט מיך ניט פון אָרט — איך וועל דאָרט האָבען נאָך מעהר אויסצושטעהן. —

מיר קען מען שוין סיי־ווי־סיי ניט העלפען ! אט אזוי איז אויך אמאל א דאקטאר אהערגעקומען ; האט מיך געוואלט ארומקוקען. איך בעט זיך ביי איהם : טשעפעט מיך ניט, אום גאטעס ווילען. אבער ווער הערט מיך ! האט גענומען מיך קעהרען אויף אלע זייטען, די הענד, די פיס מיר גערדרעהט, געבראכען, געקרימט ; דאס טהו איך אלץ, זאגט ער פאר דער וויסענשאפט ; אויף דערויף בין איך א געלערענטער, דאס איז מיין פאך ! און דו, זאגט ער זאלסט זיך ניט דערוועגען מיר אין דעם צו שטערן, מיר האט מען פאר מיין ארבייט א ארדען אויף'ן האלז אויפגעהאנגען, און דאס איז דאך פאר אייך, נאראנים, פאר אייערט וועגען ארבייט איך און סטארע זיך. האט מיך צורודערט, צוטרייסעלט, אנגערופען מיר מיין קראנקהייט — מיט עפעס אזא מאדנעם נאמען — און דערמיט איז ער אוועק. און ביי מיר האבען א גאנצע וואך דערנאך אלע ביינדעלאך געבראכען. איהר זאגט : איך בין אליין, שטענדיג אליין. ניין, ניט שטענדיג. צו מיר געהט מען. איך בין א רוהיגע — שטער קיינעם ניט. די פויערשע מיידלאך כאפען זיך אמאל אריין, פלוידערען א ווייל ; א בעטלערקע א וואנדערענדיגע פערבלאנדזשעט ; נעהמט דערצעהלען וועגען ירושלים, וועגען קיעוו, וועגען הייליגע שטעדט, און אליין איז מיר אויך ניט מורא'דיג צו זיין. עס איז נאך זאגאר בעסער, אויף מיין ווארט !... טשעפעט מיך ניט, פריץ, פיהרט מיך ניט אין שפיטאל !... א דאנק אייך, איהר זייט א גוטער מענש, נור טשע־פעט מיך ניט, טהייערינקער מיינער.

— נו, ווי דו ווילסט, ווי דו ווילסט, לוקעריא ! איך האב דאך נור געמיינט דיין טובה...

— איך וויים, פריץ, אז פאר מיין טובה. אבער, פריץ'ל ליע־בער, ווער קאן א צווייטען העלפען ? ווער קאן צום צווייטען אין דער נשמה אריינקריכען ? א מענש דארף זיך אליין העלפען ! איהר וועט דאך אוודאי ניט גלויבען — און איך ליג מיר אמאל אט אזוי איי־נע אליין... און ווי קיינער אויף דער גאנצער וועלט וואלט ניט גע־ווען אויסער מיר. בלויז איך איינע — בין א לעבעדיגע ! און עס ווייזט זיך מיר אויס, ווי אימעצער וואלט מיך בענשען... מאדנע געדאנקען קומען מיר דאן אין קאפ — זעהר מאדנע !

— וועגען וואס טראכסטו דאן, לוקעריא ?

— אָט דאָס, פּריץ, קאָן מען אייך בשום אופן ניט זאָגען: מען קען עס ניט ערקלעהרען. און עס פערגעסט זיך אויך דערנאָך. עס קומט אָן, ווי א וואָלקענדעל, צוגיסט זיך איבער דער נשמה, אזוי פריש, אזוי גוט ווערט, און וואָס אזוינס דאָס איז געווען — פערשטעהסטו ניט! אָבער איך טראכט מיר: זאָלען זיין ארום מיר מענשען — וואָלט עס ניט געווען און איך וואָלט גאָרניט געפיהלט, אויסער מיין אונגליק.

לוקעריא האָט שווער א זיפץ געטהאָן. די ברוסט האָט איהר ניט געדיענט — פּונקט אזוי ווי די איבעריגע גליעדער.

— ווי איך זעה, פּריץ — האָט זי ווידער אָנגעהויבען — האָט איהר אויף מיר שטארק רחמנות. און איהר דארפט מיר ניט צו פיעל בעדויערען, כ'לעבען! איך וועל אייך, למשל, אָט וואָס זאָגען: אפילו איצט בין איך אויך... איהר געדענקט דאָך, וואָס פאר א פרעהליכע איך בין אין מיין צייט געווען?... א מיידעל אברען!... איז וויסט איהר וואָס? אפילו איצט זינג איך נאָך אויך ליעדער.

— ליעדער?... דו?

— יא, ליעדער, אַלטע ליעדער, וועלכע מען זינגט ביים טאנצען, ביים עסען, הייליגע, פערשיעדענע! איך האָב דאָך זיי א סך געקאָנט און האָב זיי ניט פערגעסען.

— ווי־זשע זינגסטו זיי... פאר זיך אין די געדאנקען?

— אי פאר זיך, אי אויף'ן קול... הויך זינגען קען איך ניט — אָבער דאָך קאָן מען פערשטעהן. איך האָב אייך דאָך דערצעהלט — א מיידעלע געהט צו מיר. א יתומה'לע, הייסט עס, אפערשטענדיגע. איז אָט, האָב איך זי אויסגעלערענט; פיער ליעדער האָט זי שוין ביי מיר איבערגענומען. אפשר גלויבט איהר ניט? ווארט אויס, איך וועל אייך באלד...

לוקעריא האָט צוזאמענגענומען איהרע קרעפטען... דער געדאנק, אז דאָס דאָזיגע האַלב־טויטע בעשעפעניש קלייבט זיך צו זינגען האָט ניט ווילענדיג אין מיר ארויסגערופען א שרעק. נור נאָך איידער איך האָב צייט געהאט אויסצוריידען א וואָרט — האָט אין מיינע אויערען געגומען ציטערען אן אויסגעצויגענער, קוים הערבארער, אָבער רייגער און ריכטיגער קלאנג... נאָך איהם האָט געפאָלגט א צווייטער, א דריטער. א בעקאנטע ליעד האָט געזונגען לוקעריא. זי האָט

געזונגען ניט ענדערענדיג דעם אויסדרוק פון איהר פערשטיינערטען פּנים, אפילו מיט די אויגען האָט זי ניט א ריהר געטהאָן. אָבער אזוי ריהרענד האָט געקלונגען דער דאָזיגער אָרימער, אָנגעשטרייינגער, ציטערענדיגער קול'כעלע, עס האָט זיך איהר אזוי געוואָלט אויסגיסען די גאנצע נשמה... שוין ניט קיין שרעק האָב איך געפיהלט: מיטלייד, אונאויסדריקליכער רחמנות האָט מיר דאָס הארץ צוריסען.

— אָך, איך קען ניט! — האָט זי פּלוצים ארויסגערעדט — קיין כוחות כאַפּען ביי מיר ניט... זעהר שטארק האָב איך זיך מיט אייך דערפרעהט.

זי האָט צוגעמאַכט די אויגען.

איך האָב ארויפגעלייגט מיין האנד אויף איהרע קליינינקע, קאַלטע פינגערלאך... זי האָט א קוק געטהאָן אויף מיר — און איהרע דונקעלע אויגען-לעדלאך מיט די גאָלדענע ברעמען, ווי ביי די אַמאָליגע סטאַטועז, האָבען זיך ווידער פערמאַכט. אין א מאָמענט שפּעטער האָבען זיי גענומען בליסטשען אין דער האלב פינסטערניש... א טרעהר האָט זיי נאַס געמאַכט.

— איך האָב זיך ניט בעוועגט, ווי פריהער.

— עך, ס'רא מאָדנע איך בין! — האָט פּלוצים ארויסגערעדט לוקעריא מיט אן אונערוואַרטעטער קראַפט, און עפענענדיג ברייט די אויגען, האָט זי זיך געסטאַרעט ארונטערפינטלען פון זיי די טרעהר:

— איז עס דען ניט א חרפה? וואָס האָב איך פּלוצים? דאָס האָט שוין לאנג מיט מיר ניט פּאַסירט... פון יענעם טאָג אָן, ווען וואסיא פּאליאקאָוו איז ביי מיר געווען, דעם פערגאנגענעם פריהלינג. אזוי לאַנג, ווי ער איז מיט מיר געזעסען, און גערעדט — נו, איז נאָך געווען נישקשה; אָבער ווי נור ער איז אוועקגעגאנגען — האָב איך זיך גוט — גוט אויסגעוויינט אייניקע אליין! פון וואַנען האָט זיך עס גענומען!... ביי אונזערער א שוועסטער זיינען דאָך די טרעהרען ניט קיין געקויפטע. — פּריץ — האָט צוגעזעצט לוקעריא — איהר מוזט דאָך אוודאי האָבען א טיכעלע... נעהמט ניט פאראומגוט, ווישט מיר אָב די אויגען.

איך האָב איילינג איהר וואונש ערפילט — און דאָס טיכעל איהר איבערגעלאָזט. זי האָט זיך געהאַט פריהער ענטזאגט... צו־וואָס, הייסט עס, דארף איך אזא מתנה? דאָס טיכעל איז געווען זעהר א

איינפאכע, נור א ריינע און א ווייסע. דערנאך האט זי עס אנגעכאפט מיט איהרע שוואכע פינגער און האט זיי שוין מעהר ניט פונאנדער־געעפענט. צוגעוואהנט זיך צו דער פינסטערניש, אין וועלכער מיר האבען זיך ביידע געפונען, האב איך קלאהר געקאנט אונטערשיידען איהרע שטריכען, האב זאגאר געקאנט בעמערקען א לייכטע רויטקייט, וואס האט זיך דורכגעריסען דורך דער בראנזאווער פארב פון איהר פנים, האב געקאנט געפינען אין דעם דאזיגען פנים, אזוי אמ־ווענינגסטען, האט זיך מיר אויסגעוויזען — סמנים פון זיין אמאליגער שעהנקייט.

— אט, איהר, פריץ, האט מיך געפרעגט — האט ווידער גענו־מען ריידען לוקעריא — צו איך שלאף? שלאפען, שלאף איך טאקע זעלטען, דאס איז אמת, דערפאר זעה איך יעדעס מאל חלומות, — גוטע חלומות! קיין מאל זעה איך זיך ניט קיין קראנקע: אלע מאל בין איך אין חלום אזא געזונדע, און יונגע... איין צרה נור: איך כאפ זיך אויף — וויל זיך אזוי גוט א ציה טהאן — ערשט איך בין אין גאנצען, ווי א צוגעשמידעטע. איין מאל האט זיך מיר אזא וואונדערשעהנער חלום גע'חלומ'ט! איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען? — נו, הערט. — איך זעה, ווי איך שטעה אין פעלד, און ארום וואקסט קארן, אזעלכע הויכע צייטיגע, גאלדענע!... און עפעס ווי מיט מיר איז א הינטעל א רויטער, אזא בייזער הינטעל — וויל רק מיך כאפען בייסען. און ווי אין די הענד וואלט איך א סערפ געהאלטען, און ניט קיין פשוט'ען סערפ, נור אזוי ווי איהר זעהט די לבנה, ווען זי איז עהנליך צו א סערפ. און מיט דעם דאזיגען לבנה־סערפ דארף איך דאס דאזיגע קארן אראבשניידען אין גאנצען ביז איינעם. נור די היץ האט מיך זעהר פערמאטערט, און די לבנה פער־בלענדעט מיך, און א פוילקייט איז אויף מיר אנגעפאלען; און ארום וואקסען קארן־בלומען, אבער אזעלכע גרויסע! און אלע האבען זיי זיך צו מיר מיט די קעפלאך אומגעקעהרט. און איך טראכט מיר: איך וועל אנרייסען די דאזיגע קארן־בלומען; וואסיא האט מיר צו־געזאגט צו קומען — איז אט, וועל איך מיר צוערשט א קראנץ אויס־פלעכטען; שניידען וועל איך נאך צייט האבען. הויב איך אן צו רייסען די בלומעלאך, אבער זיי צוגעהן מיר צווישען די פינגער, צו־געהען, כאטש טהו, וואס דו ווילסט! און איך קען מיר קיין קראנץ

ניט אויספלעבטען. און דערווייל הער איך — אימעצער געהט שוין צו מיר, איז שוין גאנץ נאהנט, און רופט : לושא ! לושא !... אוי, טראכט איך, שלעכט. — איך האב ניט אוספעיעט ! אלץ איינס. איך וועל מיר אנטהאן אויף'ן קאפ דעם דאזיגען לבנה־סערפ אנשטאדט די קארן־בלומען. טהו איך אן די לבנה, אקוראט, ווי א קאפ־טיכעל, און נעהם אין גאנצען שיינען און לייכטען, דאס גאנצע פעלד ארום האב איך בעלויכטען ערשט איך גיב א קוק — אי־בער די סאמע שפיצען פון די זאנגען טראגט זיך צו מיר און אזוי שנעל — אבער ניט וואסיא —נור כריסטוס אליין ! און ווי אזוי האב איך דערקענט, אז דאס איז כריסטוס — קען איך ניט זאגען — אזא מאהלט מען איהם ניט — אבער איך בין זיכער, אז דאס איז ער ! אהן א בארד, א הויכער, א יונגער, אין גאנצען אין ווייסען — נור דער גארטעל א גאלדענער — און ציהט צו מיר אוים די האנד. „האב ניט מורא, — זאגט ער — כלה מיינע אויסגעפוצטע, געה נאך מיר ; דו וועסט ביי מיר, אין מיין הימעלשען קעניגרייך, די קא־ראהאדען פיהרען און ליעדער וועסטו זינגען, גן עדן־ליעדער". בין איך צוגעפאלען צו זיין האנד, זי ארומגעכאפט ! — ערשט דאס הינ־טעל מיינס כאפט מיר אן פאר די פיס... נור דא האבען מיר זיך אהייב געטהאן ! ער אפריהער... די פליעגלען האבען זיך ביי איהם איבער'ן גאנצען הימעל צושפרייט, לאנגע, לאנגע, ווי ביי אים־פוי־געל — און איך נאך איהם. און דאס הינטעל האט געמוזט אבטרעטען פון מיר. דא ערשט האב איך פערשטאנען, אז דאס הינטעל — איז מיין קראנקהייט, און אז אין הימעלשען רייך וועט פאר איהר קיין ארט ניט זיין.

לוקעריא איז אויף א מינוט אנשוויגען געווארען.

— און אן אנדערס מאל האב איך נאך א חלום געזעהן — האט זי ווידער אנגעהויבען — און עס קאן זיין, אז איך האב דאס געזעהן אויף'ן וואהר — איך ווייס אליין ניט. עס האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז איך ליעג אט אין דער אייגענער שטעלכעל און עס קומען צו מיר מיינע זעליגע עלטערן — דער טאטע און די מאמע — און פערנייגען זיך פאר מיר נידעריג, און אליין ריידען זיי א ווארט ניט. און איך פרעג ביי זיי : פארוואס, טאטע און מאמע, נייגט איהר זיך פאר מיר ? אט דערפאר, ענטפערן זיי, אזוי ווי דו מאטערסט זיך אזוי

פיעל אויף דער וועלט, האסטו ניט נור דיין אייגענע נשמה אויס־געלייטערט, נור א סך שווערע זינד פון אונז אויך אראבגענומען. און אונז איז אויף יענער וועלט פיעל לייכטער געווארען. מיט דיינע אייגענע זינד, ביזטו שוין פארטיג; צינד קויפסטו אויס אונזערע זינד. און געזאגט עס, האבען די עלטערן ווידער זיך פאר מיר א נויג געטהאן — און מעהר האט מען זיי ניט געזעהן: עס זעהען זיך בלויז די ווענט. א סך האב איך דערנאך נאכגעדאכט, וואס אזוינס איז עס מיט מיר געווען. זאגאר דעם גלח אין מיין ווידוי וועגען דעם דער־צעהלט. נור ער רעכענט, אז דאס האב איך ניט געזעהן אויף וואהר, וויל זעהן אזעלכע זאכען קאנען נור הייליגע מענשען.

— און אט איז נאך א חלום — האט לוקריא ווייטער גערעדט. — איך זעה, ווי איך זיץ מיר אזוי אויף'ן וועג אונטער א לינדען־בוים, האלט א שטעקעלע א שארפען, א טארבעטשקע אויף די פלייצעס און דעם קאפ מיט א טיכעל ארומגעוויקעלט — אן אמת'ע פרומע וואנדער־קע. — און געהן קומט מיר אויס ערגעץ ווייט, ווייט, גאט צו דיענען. און פארביי מיר געהען אלץ פארביי פרומע וואנדערער. זיי געהען שטיל, ווי ניט ווילענדיג, אלץ אין איין זייט; די פנים'ער זיינען ביי זיי אלעמען אומעדיגע, און עהנליך איינער צו דעם אנדערן. און איך זעה: עס טראגט זיך און ווארפט זיך ארום צווישען זיי א פרוי, מיט א גאנצען קאפ העכער פון אלע איבעריגע, און דאס קלייד אויף איהר איז א בעזונדערע, עפעס ווי ניט אונזערע, ניט קיין רוסישע. און דער פנים איז אויך א בעזונדערער, א קאלטער, א שטרענגער. און עפעס ווי אלע רוקען זיך אב פון איהר, מיידען זי אוים; און זי טהוט פלוצים א שפרונג — און גלייך צו מיר. האט זיך אבגע־שטעלט און קוקט; און אויגען זיינען ביי איהר, ווי ביי א ווילדען פייגעל, געלע, גרויסע און ליכטיגע. און איך פרעג ביי איהר: ווער ביזטו? — ענטפערט זי מיר: „איך בין דיין טויט". וואלט איך זיך באטש א האאר דערשראקען, פערקעהרט — מיינע פרעהט זיך, פרעהט זיך שטארק און צלם'ט זיך! און עס רעדט צו מיר יענע פרוי, דער טויט, הייסט עס, מיינער: „עס איז מיר א רחמנות אויף דיר, לוקעריא, — אבער נעהמען דיך מיט מיר קען איך ניט. — א גוטען!" גאטעניו, ווי אומעדיג מיר איז דעמאלט געווארען! ... „נעהם מיך!" — און דער טויט מיינער האט זיך אומגעקעהרט צו מיר, גענומען

מיר עפּעס אויסרעכענען... פערשטעה איך, אז זי בעשטימט, ווען מיין צייט דארף קומען, אָבער זי רעדט אַזוי אונפערשטענדליך, אַזוי ניט קלאהר... נאָך אַ געוויסען יום טוב... נאָך דעם טאָג פון פּיאָטער... דאָ האָב איך זיך אויפגעכאַפּט... אַט וואָס פאַר אַ זעלטענע חלומות איך זעה אַ מאָל!

לוקעריא האָט אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך... האָט זיך פערטראַכט...

— מיין גרעסטע צרה איז, וואָס עס טרעפט אמאָל, אַ גאַנצע וואָך געהט אַוועק און איך קען מיט קיין אויג ניט צומאַכען. פאַר אַ יאָהרען איז דאָ פאַרבייגעפאָהרען עפּעס אַ פּריצטע, האָט זי מיך דערזעהן, און מיר געגעבען אַ גלעזעלע מיט אַזאַ רפואה אנטקעגען שלאָפלאָזיגקייט; צו צעהן טראָפּען האָט זי געהייסען איינגעהמען. האָט עס מיר זעהר געהאָלפען, און איך האָב געשלאָפען; אצינד איז אָבער דאָס גלעזעלע שוין לאַנג אויסגעטרונקען... אפשר ווייסט איהר, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ רפואה און ווי מען קאָן עס קריגען?

די פאַרבייפאָהרענדיגע פּריצטע האָט, קאָנטיג, געגעבען לוקעריא'ן אָפּיום. איך האָב איהר צוגעזאָגט צו קריגען אַזאַ גלעזעלע און האָב ווידער ניט געקענט זיך אָבוואונדערן פון איהר געדולד.

— עך, פּריץ! — האָט זי געענטפערט. — וואָס רעדט איהר? וואָס איז דאָ פאַר אַ געדולד? אָט, סעמיאָן סטאָלפּניק, ער האָט טאַקי געהאַט גרויס געדולד: גאַנצע דרייסיג יאָהר איז ער אָבגעשטאַנען נעבען סלופּ! און אַן אנדער הייליגער האָט זיך געהייסען בעגראָבען אין ד'רערד ביז'ן סאַמע ברוסט, און מוראַשקעס האָבען איהם דעם פּנים געפרעסען... און אָט וואָס מיר האָט נאָך דערצעהלט איינער אַ בעקאַנטער: עס איז געווען אמאָל אַזאַ לאַנד, און דאָס דאָזיגע לאַנד האָבען איינגענומען אַגאַריאַנער, און אַלע איינוואָהנער האָבען זיי געפּייניגט און געטויטעט; און וואָס די איינוואָהנער האָבען ניט געטהאָן, בעפרייען זיך האָבען זיי בשום אופן ניט געקענט. און דאָ האָט זיך צווישען די איינוואָהנער אַ הייליגע יונגפרוי, בעוויזען; האָט גענומען אַ שווערד אַ גרויסען, אַ פּאַנציר, אַ צוויי פּודיגען, אויף זיך ארויפגעצויגען, איז אַוועק אויף די אַגאַריאַנער און זיי אַלע הינטער'ן ים פערטריבען. און ערשט דאַן, אַז זי האָט זיי פעריאָגט, האָט זי צו זיי אַזוי געזאָגט: אצינד זאָלט איהר מיך

פערברענען, ווייל אזוי איז געווען מיין פערשפרעכען, אז איך זאל מיט א פייערדיגען טויט פאר מיין פאלק שטארבען. — און די אנגאריא־נער האבען זי גענומען און פערברענט, און דאס פאלק איז פון יע־נער צייט אן אין גאנצען און אויף אייביג בעפרייט געווארען! אט דאס איז א העלדישקייט! און איך וואס!

איך האב זיך געוואונדערט פאר זיך, וואוהין און אין וואס פאר א פארמע עס האט פערבלאנדזשעט די לעגענדע וועגען יאהאננא דע־ארק, און, געשוויגען א ווילע, האב איך געפרעגט לוקעריא'ן: ווי אלט זי איז?

— א יאהר אכט־און־צוואנציג... אדער ניין־און־צוואנציג... קיין דרייסיג נאך ניט. נור צו־וואס דארף מען זיי צעהלען, די יאה־יאהרע! איך וועל אייך אט וואס נאך זאגען...

לוקעריא האט פלוצים עפעס אזוי הייזעריג א הוסט געטהאן, און א קרעכץ געטהאן...

— דו רעדסט א סך — האב איך איהר בעמערקט — דאס קאן דיר שאדען.

— אמת — האט זי ארויסגעמורמעלט שטיל —צו אונזער שמועס קומט א סוף; אבער וואס מאכט עס אויס! איצט, ווען איהר וועט אוועקפאהרען, וועל איך זיך שוין אנשוויינען גענוג. לכל הפחות אויס־ריידען דאס הארץ...

איך האב זיך גענומען זעגנען מיט איהר, האב איהר נאך אמאל צוגעזאגט איהר שיקען די רפואה, געבעטען זי זאל גוט א טראכט טהאן און מיר זאגען — טאמער דארף זי עפעס?

— איך דארף גארנישט האבען; בין מיט אלסדינג צופריעדען, געלויבט איז גאט — האט זי מיט גרויס אנשטרענגונג, אבער שטארק גערידהרט ארויסגערעדט — זאל גאט אלעמען געבען געזונד! און איהר, פריץ, האט געדארפט איינריידען די מאמען — די פויערים, די היגע, זיינען ארימע לייט גרויסע — וואלט זי זיי ארונטערגעלאזט אביסעל פון די שטייערן! ערד האבען זיי ווייניג, קיין געצייג איז נישטא... זיי וואלטען פאר אייך גאט געבעטען... און איך דארף גארנישט. — בין מיט אלסדינג צופריעדען.

איך האב געגעבען לוקעריא'ן א ווארט צו ערפיעלען איהר בקשה,

און האָב שוין געהאַט צוגעגאַנגען צו דער טיר... זי האָט מיך ווידער צוגערופען.

— געדענקט איהר, פריץ — האָט זי געזאָגט און עטוואס מערק־ווירדיגעס האָט אַ שיין געטהאָן אין איהרע אויגען און אויף די ליפּען — וואָס פאַר אַ צאָפּ איך האָב געהאַט? איהר געדענקט — ביז צו די קניע! איך האָב זיך לאַנג ניט געקענט בעשליסען... אַזעלכע האָאָר!... אָבער ווער האָט זיי געקאָנט פונאַנדערקאַמען? אין מיין לאַגע!... נו, האָב איך זיי געמוזט אָבשניידען... יאָ... נו, פער־צייהעט, פּריץ! מעהר קען איך ניט...

אין דעם אייגענעם טאָג, איידער איך בין אוועק אויף געיעג, האָב איך געהאַט אַ געשפּרעך וועגען לוקעריא'ן מיט דעם דעסיאַטסקע'ן פון יענער דאָרף. פון איהם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איהר האָט מען אין דאָרף אַ נאָמען געגעבען „דאָס לעבעדיגע הייפּעל ביינער", אַז אייגענטליך האָט מען פון איהר גאָר קיין שום צרות ניט. זי פאַלט קיינעם ניט צו לאַסט; מען הערט קיין מאָל ניט פון איהר קיין שלעכט וואָרט, קיין בייזע מינע, בעקלאָגט זיך קיין מאָל ניט. — „אַליין פאַר־דערט זי קיין זאַך ניט, נור פערקעהרט, — איז פאַר אַלץ דאַנקבאַר; אַ שטילע, מען קאָן זאָגען אַ שטילע טויב. אַ דערשלאָגענע פון גאָט" — האָט געענדיגט דער דעסיאַטסקער — „מסתמא פאַר זינד; אָבער מיר געהען אין דעם ניט אריין. און מיר זאָלען איהר, למשל, בעשול־דיגען — ניין, דאָס טהוען מיר ניט, מיר בעשולדיגען זי ניט. זאָל זי זיך!"

אין עטליכע וואָכען ארום, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז לוקע־ריא איז געשטאָרבען. דער טויט איז פּאָרט געקומען צו איהר... און „נאָך פּיאַטער'ס טאָג". מען האָט דערצעהלט, אַז אין דעם סאַמע טאָג פון איהר טויט האָט זי אַלץ געהערט גלאָקען קלינגען, כאָטש פון אַלעקסייעווקא ביז צו דער קירכע רעכענט מען גוטע פינף וויאָרסט און דער טאָג איז געווען אַ וואָכעדיגער. אגב לוקעריא האָט געזאָגט, אַז דער קלאַנג איז געקומען ניט פון קירכע, נור „פון אויבען". מסתמא, האָט זי ניט געוואגט צו זאָגען: פון'ם הימעל.

יאקאב פאסינקאוו

יאקאב פאסינקאוו

דאָס איז געווען אין פעטערסבורג, ווינטערצייט, אין דעם ערשטען טאָג פון דער מילכיגער וואָך. מיך האָט איינגעלאדען צו זיך אויף מיטאָג מיינער א חבר נאָך פון פאנסיאָן, איינער וואָס האָט אין דער יוגענד געהאַט א נאָמען פאַר זעהר א שעהמעוודיגען, אָבער שפּעטער האָט ער זיך ארויסגעוויזען צו זיין ווייט ניט קיין שעהמעוודיגער. ער איז שוין איצט געשטאָרבען, ווי א גרויסע טהייל פון מיינ׳ע חברים. אויסער מיר האָבען צוגעזאָגט צוקומען צום מיטאָג קאָנסטאַנטין אַלעקסאנדראָוויטש אסאַנאָוו און א געוויסע ליטעראַרישע בעריהמטהייט פון יענער צייט. די ליטעראַרישע בעריהמטהייט האָט געלאָזען אויף זיך לאנג ווארטען און צום סוף געשיקט א צעטעלע, אַז זי וועט ניט זיין, און אויף איהר פּלאַץ איז ערשיענען א קליינער, בלאָנדער הערר, איינער פון יענע שטענדיגע אונגעבעטענע געסט, מיט וועלכע פּעטערסבורג איז אימער פול.

דער מיטאָג האָט געדויערט א לאַנגע צייט; דער בעל־הבית האָט ניט געזשאַלעוועט קיין וויין, און אונזערע קעפּ האָבען זיך ביסלאַכווייז צוהיצט. אַלעס, וואָס יעדער פון אונז האָט בעהאַלטען טיעף אין דער נשמה — און ווער בעהאַלט ניט עפּעס אין דער נשמה?... — איז ארויפגעשוואומען פון אויבען. דער פּנים פון׳ם בעל־הבית האָט פּלוצים פערלאָרען זיין שעהמעוודיגען און איינגעהאַלטענעם אויסדרוק; זיינע אויגען האָבען גענומען פרעך בלישצען, און א אונפערשעהמט שמייכעל האָט צוקרימט זיינע ליפּען; דער בלאָנדער הערר האָט געלאַכט אַזוי מיאוס, מיט א נאַרישען קוויטש; נור מעהר פון אַלעמען האָט מיך פערוואונדערט אסאַנאָוו. דער דאָזיגער מענש האָט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט א געפיהל פון אַנשטענדיגקייט, און דאָ האָט ער פּלוצים גענומען פיהרען מיט דער האַנד איבער דעם שטערן,

מאכען מינעס, בעריהמען זיך מיט זיינע פערבינדונגען, אָהן אויפ־הער דערמאָנען וועגען עפּעס א פּעטער זיינעס, זעהר א וויכטיגען מענשען... איך האָב איהם גאָרנישט דערקענט; ער האָט זיך גאַנץ אָפּען אויסגעלאַכט פון אונז... איהם איז במעט ניט אָנגע־שטאַנען אונזער געזעלשאַפט. אסאנאָוו'ס פרעכהייט האָט מיך אויפ־געערגט.

— הערט — האָב איך צו איהם געזאָגט: — אויב מיר זיינען אין אייערע אויגען אזוי נישטיג, אזוי קליין, דאן גיהט זיך צו אייער בעריהמטען פעטער. נור, עס קאָן זיין, ער לאָזט אייך ניט אריין צו זיך?

אסאנאוו האָט מיר גאָרנישט געענטפערט און האָט וויטער גע־פיהרט מיט דער האַנד איבער'ן שטערן.

— און וואָס זיינען דאָס פאַר מענשען! — האָט ער ווידער גע־רעדט — אין קיין אנשטענדיגער געזעלשאַפט קומען זיי ניט אריין, מיט קיין אנשטענדיגער פרוי קענען זיי זיך ניט און ביי מיר איז דאָ (האָט ער אויסגעשריען, פלינק ארויסגענומען פון א זייטיגער קעשענע א טאַשען־בוך און קלאַפּענדיג איבער איהם מיט דער האַנד) — א גאַנ־צער באַרג בריעף פון אזא מיידעל, וואָס איהר גלייכען איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט!

דער בעל הבית און דער בלאָנדער הערר האָבען ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט אסאנאוו'ס לעצטע ווערטער; זיי האָבען ביידע גע־האַלטען איינער דעם אנדערן פאַר א קנעפּעל און האָבען זיך ביידע עפּעס דערצעהלט, אָבער איך האָב אָנגעשטעלט די אויערען.

— אָט איהר בעריהמט זיך שוין ווידער, איהר הערר פלימעניק פון א בעוואוסטען מענשען! — האָב איך געזאָגט, זיך צורוקענדיג צו אסאנאָוו'ן: — אָבער קיין שום בריעף זיינען ביי אייך ניט פאַר־האַן.

— אזוי דענקט איהר? — האָט ער געענטפערט, קוקענדיג אויף מיר פון אויבען ארונטער: — און וואָס איז דאָס? — ער האָט געעפענט זיין טאַשען־בוך און מיר געוויזען ביי א צעהן בריעף, אַדרע־סירט אויף זיין נאָמען... „א בעקאַנטע האַנדשריפט!" האָב איך א טראַכט געטהאָן...

„איך פיהל, ווי מיינע באַקען צינדען זיך אָן פאַר שאַנדע...

מיין אייגענליעבע ליידעט שטארק... ווען מען ווילט זיך עס מודה זיין אין אַ ניט אַנשטענדיגער האַנדלונג?... נור עס העלפט ניט: אָנ־הויבענדיג מיין ערצעהלונג, האָב איך אַפריהער געוואוסט, אַז מיר וועט אויסקומען רויט ווערען ביז איבער די אויערען. אלזאָ איך מוז זיך מאַכען אַ האַרץ און מודה זיין, אַז...

די זאַך איז אַזוי געווען: איך האָב זיך בענוצט מיט דעם, וואָס אסאַנאָוו, זייענדיג אביסעל אָנגעטנאַסקעט האָט אראָבגעוואָרפען די בריעף אויף דעם אין שאַמפּאַניער פערגאָסענעם טישטוך (ביי מיר אין קאָפּ האָט זיך אויך אַ שיין ביסעל געדרודערט) און האָב שנעל איבער־געקוקט איינעם פון די דאָזיגע בריעף...

אין האַרצען האָט מיר פערקוועטשט... אַך! איך אַליין בין געוועזען פערליעבט אין דאָס מיידעל, וועלכע האָט געשריעבען צו אסאַ־נאָוו׳ן, און איצט האָב איך שוין מעהר ניט געקענט צווייפלען, אַז זי ליעבט איהם. דער גאַנצער בריעף, וועלכער איז געווען געשריעבען אויף פראַנצויזיש, האָט געאָטהעמט מיט צערטליכקייט און איבערגעג־בענקייט...

„מיין טהייערער קאָנסטאַנטין!" אַזוי האָט ער זיך אָנגעהויבען... און געענדיגט מיט די ווערטער: „זייט פאָרזיכטיג, ווי פריהער, און איך וועל זיין קיינעם׳ס ניט, אָדער אייערע."

ווי פון אַ דונער געטראָפען, בין איך איינינגע אויגענבליק גע־שטאַנען אונבעוועגליך, דאָך בין איך ענדליך געקומען צו זיך, בין אויפגעשפרונגען און זיך געלאָזט לויפען פון צימער...

אין אַ פערטעל שעה ארום בין איך שוין געווען אויף מיין קוואַרטיר.

די פאַמיליע זלאָטניצקי איז געווען פון די ערשטע, מיט וועלכע איך בין בעקאַנט געוואָרען נאָך מיין אריבערציהען זיך פון מאָסקווע קיין פּעטערסבורג. די דאָזיגע פאַמיליע איז בעשטאַנען פון אַ פאַטער און מוטער, צוויי טעכטער און איין זוהן. דער פאַטער, שוין אַ גרויער אָבער נאָך אַ פרישער מאַן, אַ געוועזענער מיליטעריסט, האָט פערנו־מען אַ גאַנץ וויכטיגע שטעלע. אין דער פריה האָט ער זיך געפונען אין דיענסט, נאָך מיטאָג איז ער געשלאָפען, און אין אבענד האָט ער

אין קלוב געשפיעלט אין קארטען... אין דערהיים איז ער געוועזן זעלטען, גערעדט ווייניג און ניט גערן, האט געקוקט פון דער זייט, צו קרום, צו גלייכגילטיג, און אויסער רייזע בעשרייבונגען און געאָגראפיעס האט ער גארנישט געלעזען און, ווען ער פלעגט קראנק ווע-רען, פלעגט ער מאהלען צאצקעס, פארשפארענדיג זיך אין זיין קאַ-בינעט, אדער פלעגט זיך רייצען מיט זיין אלטען, גרויען פאפוגאי פאפקא. זיין ווייב, א קראנקע און אויסגעצעהרטע פרוי, מיט שווארצע איינגעפאלענע אויגען און א שפּיציגען נאז איז גאנצענע טעג ניט אראב פון דער סאפע און האט געהאלטען אין איין נעהען קישע-לאך אויף קאנווע; וויפיעל איך האב געקענט בעמערקען, האט זי פאר דעם מאן אביסעל מורא געהאט, ווי זי וואלט זיך געהאט פאר איהם אין עפּעס פערשולדיגט. די עלטערע טאכטער, ווארווארא, א פולע, רויטע, בלאנדע מיידעל פון א יאהר אכטצעהן, איז אלץ גע-זעסען ביים פענסטער און געקוקט אויף די פארבייגעהער. דער זוהן זייערער האט זיך ערצויגען אין א רעגירונגס-אנשטאלט, אין דער היים איז ער געוועזן נור זונטאג, און אויך ניט געליעבט צו פערליערען אומ-זיסטע רייד; אפילו די אינגערע טאכטער סאפיא, דאס מיידעל אין וועלכער איך האב זיך פערליעבט איז אויך געוועזן א שווייגעדיגע נאַ-טור. אין דאס הויז פון די זלאטניצקים האט שטענדיג געהערשט א שטילקייט; נור איין פאפקא האט זי מיט איהר שניידענדיגע גע-שרייען וועגן ניט ווען איבערגעריסען, אבער די געסט זיינען שנעל צו זיי צוגעוואהנט געווארען און האבען ווידער געפיהלט די שווערקייט און דעם דרוק פון דער אייביגער שטילקייט. אייגענטליך, זיינען זעהר זעלטען געקומען געסט צו די זלאטניצקים: צו לאנגווייליג איז ביי זיי געוועזן. דאס מעבעל אליין, די רויטע אבאיעס מיט געלע פאַ-סען אין גאסט-צימער, די סך געפלאכטענע שטוהלען אין עס-צימער, די אבגעבליאקירטע קישעלאך מיט מיידלאך און הינט אויף זיי אויסגע-נעהט איבער די זאפעס, די פארהאנגענע לאמפען און טונקעלע ביל-דער אויף די ווענט — אלעס האט ניט ווילענדיג ארויפגעיאגט א אומעט, פון אלצדינג האט געוועהעט מיט עטוואס קאלטעס און פאר-זויערטעס.

געקומען צו פאהרען קיין פעטערסבורג, האב איך געהאלטען פאר מיין פליכט צו בעזוכען די זלאטניצקים: מיין מוטער און זיי זיינען

געוועזן עפּעס קרובים. איך בין מיט גרויס מיה אויסגעזעסען ביי זיי א שעה צייט און דערנאך לאנג צו זיי ניט געגאנגען; נור ביסלאכוויז האב איך גענומען געהן אלץ אפטער און אפטער. מיך האט צוגעצויגען סאפיא, וועלכע איז מיר אפריהער גארניט געפעלען, און אין וועלכער איך האב זיך צום סוף פערליעבט.

דאס איז געוועזן א מיידעל פון א ניט גרויסען וואוקס, א שלאנקע, כמעט א מאגערע, מיט א בלאס פנים, געדיכטע, שווארצע האאר, און גרויסע קארע, שטענדיג האלב צוגעמאכטע אויגען. איהרע שטריכען, שטרענגע און שארפע, בעזונדערס איהרע צונויפגעדריקטע ליפען האבען אויסגעדריקט א שטארקען און פעסטען כאראקטער. אין דערהיים האט מען איהר געקענט פאר א מיידעל מיט א ווילען...

„אין דער עלטערער שוועסטער האט זי זיך איינגעגעבען, אין קאטערינא׳ן", האט איינמאל געזאגט די מוטער, זיצענדיג מיט מיר אליין. (אין דעם מאן׳ס געגענווארט האט זי ניט געוואגט צו דערמאנען וועגען קאטערינא׳ן) — איהר קענט זי ניט, זי איז אין קאווקאז, מיט איהר מאן. דרייצעהן יאהר איז זי אלט געוועזן, שטעלט זיך פאר, ווען זי האט זיך פערליעבט אין איהר איצטיגען מאן, און האט אונז שוין דאן ערקלעהרט, אז זי וועט מיט קיין אנדער׳ן ניט הייראטהען. וואס מיר האבען ניט צוטהאן — קיין זאך האט ניט געהאלפען! ביז דריי-און-צוואנציג יאהר האט זי געווארט, דעם פאטער׳ס צארן אויף זיך ארויסגערופען, און האט דאך חתונה געהאט מיט איהר געטשקע. און סאנעטשקע איז אויך כמעט אזוי! זאל איהר גאט אויסהיטען פון אזא איינגעשפארטקייט! אבער איך האב מורא פאר איהר; איהר איז דאך ערשט זעכצעהן יאהר געווארען, און מען קען איהר שוין ניט איבערברעכען"...

עס איז אריין הערר זלאטניצקי; זיין פרוי איז גלייך אנשוויגען געווארען.

אייגענטליך איז מיר סאפיא געפעלען געווארען ניט פאר איהר ווילענסקראפט — ניין; אבער זי, ביי איהר גאנצער טרוקענקייט, ניט לעבעדיגקייט און ווייניג פאנטאזיע, האט געהאט א בעזונדער מין חן פון אפענהערציגקייט, פון עהרליכער אויפריכטיגקייט און זעעלענריינקייט. איך האב זי אזוי פיעל רעספעקטירט, ווי ליעב געהאט... מיר האט זיך אלץ געדאכט, אז זי איז אויך צו מיר ניט גלייכגילטיג;

ענטווישען זיך אין איהר צוגעבונדענקייט, איבערצייגען זיך אין איהר ליעבע צו אנאנדערן האט מיר ווען געטהאן.

די אונערווארטעטע ענטדעקונג, וואס איך האב געמאכט האט מיך נאך מעהר פערוואונדערט דערמיט, וואס הערר אסאנאוו האט בעזוכט זלאטניצקים הויז ניט אפט, פיעל זעלטענער פון מיר, און קיין בע־זונדערע צונייגונג האט ער צו סאנעטשקע'ן ניט ארויסגעוויזען. ער איז געווען א שעהנער ברונעט מיט אויסדרוקספולע, באטש עטוואס שווערע געזיכטס־שטריכען, מיט בליסטשענדע, אויסגעשטארטשעטע אויגען, מיט א גרויסען ווייסען שטערן, און פולע, רויטע ליפען אונ־טער דינע וואנצעס. עס איז קענטיג געווען, אז ער האט פיעל פון זיך געהאלטען. אסאנאוו האט זעלטען געלאכט, און דאס צווישען די צייהן, און האט קיין מאל ניט געטאנצט. געבויט געווען איז ער אביסעל אומגעלומפערט. ער האט אמאל געדיענט און געהאט א נאמען פאר א גוטען אפיציער.

„א מאדנע זאך! — האט איך געטראכט, ליגענדיג אויף דער זאפע: — ווי האב איך דאס גארניט בעמערקט?" ... „זייט פאר־זיכטיג, ווי פריהער": די דאזיגע ווערטער פון סאפיא'ס בריעף זיינען פלוצים געקומען אויף די געדאנקען. „אזוי גאר! — האב איך א טראכט געטהאן — האסטו געזעהן, וואס פאר א כיטרע מיידעל! און איך האב זי געהאלטען פאר א אפענהערציגע און אויפריכטיגע . . . אבערווארט אויס, איך וועל אייך ווייזען" . . .

נור דא האב איך, אויף וויפיעל מיר געדענקט זיך, זיך ביטער צו־וויינט און ביז אין דער־פריה ניט געקענט איינשלאפען.

אויף דעם צווייטען טאג, ארום צוויי אזייגער נאך מיטאג, בין איך אוועק צו די זאלטניצקים, דער אלטער איז אין דער היים ניט געווען, און די פרוי זיינע איז ניט געזעסען אויף איהר געוועהנליכען ארט: נאך די בלינעס האט ביי איהר ווען געטהאן דער קאפ און זי איז אוועק צו לייגען זיך ביי איהר אין שלאף־צימער. ווארווארא איז געשטאנען, אנגעשפארט מיט'ן פלייצע צום פענסטער און האט ארויס־געקוקט אויף דער גאס; סאפיא איז ארומגעגאנגען הין און צוריק איי־בער דעם צימער, מיט די הענד פארלייגט אויף דער ברוסט; פאפקא האט געשריען.

— א ! א גוטען ! — האט פויל ארויסגערעדט ווארוואראַ, ווי גור איך בין אריין אין צימער, און גלייך צוגעזעצט אין דער שטיל : — אַט געהט א פויער מיט א רידעל אויף'ן קאָפּ... (זי האט געהאט א געוואָהנהייט צו מאַבען מאַנכעס מאָל בעמערקונגען וועגען די פאַר־בייגעהער פאַר זיך אין דער שטיל.)

— א גוטען, — האָב איך געענטפערט : — א גוטען, סאָפיא ני־קאָלאַיעוונא. און וואו איז עפּעס טאַטיאַנא באָריסאָוונא ?

— איז אַוועק אויסרוהען זיך — האָט געענטפערט סאָפיא, שפּאַ־צירענדיג ווייטער איבער דעם צימער.

— מיר האָבען געהאַט בלינעס — האָט באמערקט ווארוואראַ, ניט אומקעהרענדיג זיך — פאַר וואָס זייט איהר ניט געקומען ?... וואוהין געהט עס דער שרייבער ?

— עס איז קיין צייט ניט געווען. („נאַ קראַ—ול !" האָט א געשריי געטהאָן דער פאַפּוגיי שאַרף) ווי אייער פּאַפּקאַ שרייט היינט !

— ער שרייט אַלע מאָל אַזוי — האָט ארויסגערעדט סאָפיא. מיר האָבען אַלע א ווײלע געשוויגען.

— איז אַריין אין די טויערען — האָט געזאָגט ווארוואראַ און פּלוצים זיך געשטעלט אויף דעם פענסטער און געעפענט א פאָרטקע.

— וואָס טהוסטו ? — האָט געפרעגט סאָפיא.

— אַן אָרימאַן — האָט געענטפערט ווארוואראַ, האָט זיך איינ־געבויגען, דערלאַנגט א מעשענעם צעהנערל, איהם ארויסגעוואָרפען אין גאַס, פאַרקלאַפּט די פאָרטקע און איז שווער אראָבגעשפּרונגען אויף דער פּאָדלאָגע...

— און איך האָב נעכטען זעהר אָנגענעהם פערבראַכט. — האָב איך אָנגעהויבען, — זעצענדיג זיך אין פאַטעל : — איך האָב געשפּייזט ביי א פריינד ; דאָרטען איז געווען קאָנסטאַנטין אַלעקסאַנדראָוויטש... (איך האָב א קוק געטהאָן אויף סאָפיא, זי האָט אפילו מיט קיין ברעם ניט א קנייטש געטהאָן.) — און מען מוז מודה זיין — האָב איך ווייּ־טער גערעדט : — מיר האָבען אַזוי גוט א לעב געטהאָן : זאַלבע פערט האָבען מיר אויסגעטרונקען אוודאי אכט פלאַשען.

— אַזוי גאָר ! — האָט רוהיג ארויסגערעדט סאָפיא און א דרעה געטהאָן מיט דעם קאָפּ.

— יאָ — האָב איך פאָרטגעזעצט, אביסעל צורייצט פון איהר

גלייכגילטיג : — און ווייסט איהר וואָס, סאָפיא ניקאָלאַיעווגא ? הפנים, אַז ניט אומזיסט זאָגט אַ שפּריכוואָרט, אַז אין וויין איז דער אמת.

— וואָס איז ?

— קאָנסטאַנטין אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אונז אַלע געמאַכט צו לאַכען. שטעלט זיך פאָר : ער האָט פּלוצים געגומען פיהרען מיט דער האַנד איבער'ן שטערן און אונטערזאָגען דערביי : „ס'אַר אַ כוואַט איך בין ! איך האָב אַ פעטער, אַ בעריהמטען מענשען !" ...

— כאַ—כאַ ! — האָט זיך דערהערט וואַרוואַראַס געהאַקטער געלעכטער... „פּאַפּקו ! פּאַפּקו ! פּאַפּקו !" האָט אַלס אַן ענטפּער געגומען באַראַבאַנעווען דער פּאַפּוגיי.

סאָפיא האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר מיר און מיר אַריינגעקוקט אין פּנים.

— און וואָס האָט איהר גערעדט ? — האָט זי געפרעגט : — איהר געדענקט ניט ?

איך בין ניט ווילענדיג רויט געוואָרען.

— איך געדענקט ניט ! מסתמא בין איך אויך געווען גוט... ווירקליך — האָב איך צוגעזעצט, ציהענדיג די ווערטער מיט אַ וויכטיגער מינע : — טרינקען וויין איז געפעהרליך : גראַדע דאַן ווערסטו זיך עפּעס אַרויסריידען און זאָגען עפּעס אַזעלכעס, וואָס קיינער טאָר ניט ווייסען. דערנאָך ווערסטו חרטה האָבען אָבער עס וועט שוין זיין צושפּעט.

— איהר האָט זיך דען עפּעס אויסגערעדט ? — האָט געפרעגט סאָפיא.

— איך רייד ניט וועגען זיך.

סאָפיא האָט זיך אָבגעקעהרט און ווידער גענומען געהן איבער דעם צימער. איך האָב געקוקט אויף איהר און אינעווייניג זיך געלאַכט. „אָט, — האָב איך געטראַכט — אַזאַ יונגע, נאָך גאָר אַ קינד, דאַכט זיך, און ווי זי קען דאָס זיך בעהערשען ! ווי אַ שטיינערנע איז זי, און גאָר. אָבער וואַרט אויס...

— סאָפיא ניקאָלאַיעווקא... — האָב איך אַרויסגערעדט הויך.

סאָפיא האָט זיך אָבגעשטעלט.

— וואָס פערלאַנגט איהר ?

— אפשר וואָלט איהר עפּעס געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ ? דער־צו דארף איך אייך עפּעס זאָגען אויך — האָב איך צוגעזעצט, עטוואָס שטילער.

ניט ריידענדיג אַ וואָרט, איז סאָפיאַ אוועק אין זאַאַל ; איך נאָך איהר. זי האָט זיך אָבגעשטעלט ביים פּיאַנאָ.

— וואָס זשע זאָל איך אייך שפּיעלען ? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס איהר ווילט... עטוואָס פון שאָפּען.

סאָפיאַ האָט אָנגעהויבען שפּיעלען. געשפּיעלט האָט זי גאַנץ שלעכט, נור מיט אַ סך געפיהל. איהר שוועסטער האָט געשפּיעלט פּאָל־קעס און וואַלסען, און דאָס אויך זעלטען. זי פלעגט צוגעהן אמאָל מיט איהר פוילען גאַנג צום פּיאַנאָ, פלעגט זיך זעצען, אַראָבלאָזען דעם שאַל פון די אַקסלען אויף די עלענבויגענס (איך האָב זי קיין מאָל ניט געזעהן אָהן אַ שאַל.) פלעגט נעהמען שפּיעלען הויך איין פּאָלקע, ניט געענדיגט זי, אָנהויבען אַן אַנדערע, דערנאָך פּלוצים אַ זיפץ טהאָן, אויפהויבען זיך און אוועק צום פענסטער. אַ מערקווירדיגעס וועזען איז געווען די דאָזיגע וואַרוואַראַ !

איך האָב זיך געזעצט נעבען סאָפיאַן.

— סאָפיאַ ניקאָלאַיעווּנאַ — האָב איך אָנגעהויבען, קוקענדיג אויף איהר אויפמערקזאַם פון דער זייט : — איך מוז אייך מיט־טהיילען אַ שטיקעל נייעס, וואָס איז מיר זעהר אונאַנגענעהם.

— אַ נייעס, וואָס פאַר אַ נייעס ?

— אָט וואָס פאַר אַ... איך האָב ביז אַהער אין אייך אַ טעות געהאַט, אין גאַנצען אַ טעות...

— אויף וואָס פאַר אַן אופן ? — האָט זי געענטפערט, שפּילענדיג ווייטער און אָנשטעלענדיג די אויגען אויף איהרע פינגער.

— איך האָב געדענקט, אַז איהר זייט אויפריכטיג, אַז איהר קענט ניט כיטרעווען, בעהאַלטען אייערע געפיהלען, פאַ־ּשעווען...

— איך פערשטעה אייך ניט.

— און די הויפּט־זאַך — האָב איך ווייטער גערעדט : — איך האָב זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז איהר, אין אייער־ע יאָהרען, זאָלט שוין אַזוי מייסטערהאַפט קענען שפּיעלען אַ ראָלע...

סאָפיעס הענד האָבען לייכט אַ ציטער געטהאָן איבער די קלאַ־ווישען.

— וואָס זאָגט איהר ? — האָט זי ארויסגערעדט, אלץ ניט קוקענ־דיג אויף מיר : — איך שפּיעל א ראָלע !

— יאָ, איהר. (זי האָט א לאַך געטהאָן... איך בין געוואָ־רען א צורייצטער...) איהר מאַכט אַן אַנשטעל, אַז איהר זייט גלייכגילטיג צו א געוויסען מאַן און... שרייבט איהם בריעף — האָב איך צוגעזעצט גאַנץ שטיל.

סאַפיאַ'ס באַקען זיינען בלייך געוואָרען, אָבער זי האָט זיך ניט אומגעקעהרט צו מיר, אָבגעשפּיעלט דאָס שטיק ביז'ן סוף, איז אויפ־געשטאַנען און פאַרמאַכט דעם דעקעל פון דער פּיאַנאָ.

— — וואו געהט איהר ? — האָב איך געפרעגט אַביסעל צומישט — איהר ענטפערט מיר ניט ?

— וואָס זאָל איך אייך ענטפערען ? איך ווייס ניט פון וואָס איהר רעדט... און פאַרשטעלען זיך קען איך ניט...

זי האָט גענומען צוזאַמענלייגען די נאָטען...

דאָס בלוט האָט מיר א שפּאַר געטהאָן אין קאָפּ.

— ניין, איהר ווייסט, פון וואָס איך רייד — האָב איך געזאָגט אויך אויפשטעהענדיג : — און אויב איהר ווילט, וועל איך אייך דערמאָנען אייניגע פון אייערע אויסדריקע אין איינעם פון די בריעף :

— „זייט פאָרזיכטיג ווי פריהער...”

סאַפיאַ האָט לייכט א ציטער געטהאָן.

— איך האָב דאָס פון אייך ניט ערוואַרט — האָט זי ענדליך ארויסגערעדט.

— און איך האָב אויך ניט ערוואַרט — האָב איך אונטערגע־כאַפּט : — אַז איהר, איהר, סאַפיאַ ניקאָלאַיעווּנאַ, זאָלט שענקען אויפמערקזאַמקייט א מענשען, וועלכער...

סאָפיאַ האָט זיך שנעל צו מיר א קעהר געטהאָן. איך האָב ניט־ווילענדיג אָבגעטראָטען צוריק פון איהר : איהרע אויגען, שטענדיג האַלב צוגעמאַכטע, האָבען זיך געעפענט אַזוי ברייט, אַז זיי האָבען אויסגעוויזען אונגעהייער גרויס און האָבען געבליסטשעט מיט א בייזען פייער פון אונטער די ברעמען.

— א ! אויב אַזוי ! — האָט זי ארויסגערעדט : — טאָ זאָלט איהר וויסען, אַז איך ליעב דיעזען מענשען, און אַז מיר איז פאָל־שטענדיג גלייכגילטיג, וואָס פאַר א מיינונג איהר האָט וועגען איהם

און מיין ליעבע צו איהם. און איבערהויפט, וואָס פאַלט איך איין ?... וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר דערפון צו ריידען ? און ווען איך האָב זיך איינמאָל אויף עפּעס ענטשלאָסען...

זי איז אנשוויגען געוואָרען און שנעל ארויס פון זאאל.

איך בין געבליעבען. מיר איז פּלוצים געוואָרען אזוי אונאַנגענעהם און איך האָב זיך אזוי פארשעהמט, אז איך האָב פארמאַכט דעם פּנים מיט די הענד. איך האָב פערשטאַנען, ווי אונאַנשטענדיג, ווי נידעריג איך האָב דאָ געהאַנדעלט און, שטיקענדיג זיך פון שאַנדע און חרפּה, בין איך געשטאַנען, ווי אַ בעשמוצטער. „מיין גאָט!" האָב איך געטראַכט: „וואָס האָב איך דאָ אָנגעמאַכט!"

— אנטאָן ניקיטיטש — האָט זיך דערהערט דער דיענסט קול אין פאָרצימער: — דערלאַנגט אַ גלאָז וואסער פאַר סאָפיא ניקאָלאיעוונא.

— וואָס איז ? — האָט געפרעגט דער דיענער.

— דאַכט זיך, זיי וויינען...

איך האָב זיך אַ טרייסעל געטהאָן און בין אוועק אין גאַסט־צימער נאָך מיין הוט.

— וועגען וואָס האָט איהר געשמועסט מיט סאַנעטשקע'ן ? — האָט מיך גלייכגילטיג געפרעגט ווארווארא און, געשוויגען אַ ווייל. האָט זי שטיל צוגעזעצט: — ווידער געהט דער שרייבער.

איך האָב זיך גענומען זעגענען.

— וואוהין געהט איהר ? ווארט: די מוטער קומט גלייך ארויס.

— ניין, איצט קען איך ניט — האָב איך ארויסגערעדט: — איך'ל בעסער קומען אן אנדערס מאָל.

אין דיעזען אויגענבליק איז צו מיין שרעק, אָט טאַקע צו מיין שרעק, סאָפיא מיט פעסטע טריט אריינגעקומען אין גאַסט־צימער. איהר פּנים איז געווען אביסעל בלייכער, ווי געוועהנליך, און די ברעמען אַ קליין ביסעלע רויט. אויף מיר האָט זי אפילו ניט אַ קוק געטהאָן.

— טהו נאָר אַ קוק, סאָפיא — האָט ארויסגערעדט ווארווארא: — עפּעס אַ שרייבער דרעהט זיך אַלץ ארום אונזער הויז.

— אַ שפּיאָן מסתמא... — האָט קאַלט און מיט פעראַכטונג בעמערקט סאָפיא.

— דאָס איז שוין געווען צופיעל! איך בין אוועק און איך גע־דענק ווירקליך ניט, ווי אזוי איך האָב זיך דערשלעפּט אהיים.

מיר איז געווען זעהר שווער, אַזוי שווער און ביטער, אַז עס איז גאָרנישט צו בעשרייבען. אין איין מעת לעת צוויי אַזעלכע שווע־רע קלעפּ! איך האָב זיך דערוואוסט, אַז סאָפיא ליעבט אַן אַנדערן, און האָב אויף אימער פערלאָרען איהר אַכטונג. איך האָב זיך גע־פיהלט אַזוי דערשלאָגען און פארשעהמט, אַז איך בין אפילו ניט גע־ווען אים שטאַנד צו זיין בייז אויף זיך אַליין. ליגענדיג אויף דער זאָ־פע מיט'ן פּנים צום וואַנט, האָב איך זיך מיט אַ עפּעס אַ מין ברענע־דיגער הנאה איבערגעגעבען צו דעם ערשטען אויסברוך פון פערצוויי־פעלטער ביינגעניש, ווען פּלוצים האָב איך דערהערט טריט אין צי־מער. איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן איינעם פון מיינע נעהנטסטע פריינד — יאַקאָב פּאַסינקאָוו'ן.

איך בין בערייט געווען אין כעס צו ווערען אויף יעדען מענשען, וואָס וואָלט אין יענעם טאָג אריין צו מיר אין צימער, אָבער ביי־זערען זיך אויף פּאַסינקאָוו'ן האָב איך קיין מאָל ניט געקענט; אין געגענטהייל, ניט קוקענדיג אויף מיין גרויסען שמערץ, האָב איך זיך אינערליך דערפרעהט מיט זיין קומען און האָב צו איהם אַ מאַך געטהאָן מיט דעם קאָפּ. ער איז, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך דורכגעגאנגען איבער'ן צימער אַ פּאָאָר מאָל, אַכצענדיג און אויסצי־העענדיג זיינע לאַנגע גליעדער, איז שווייגענדיג געשטאַנען אַ ווייל־פאַר מיר און שווייגענדיג זיך געזעצט אין אווינקעל.

איך האָב פּאַסינקאָוו'ן געקענט שוין לאַנג, כמעט פון קינד־הייט אָן. ער האָט זיך ערצויגען אין דעם זעלבען פּריוואַט פּאַנסיאָן פון דעם דייטש ווינטערקעלער, וואו איך האָב אויך פערבראַכט דריי יאָהר. יאַקאָב'ס פאָטער, אַן אָרימער עקס־מאַיאָר, אַ גאַנץ ערה־ליכער מענש, נור אביסעל געריהרט פון שכל, האָט איהם, אַ זיעבען יאָהריגען אינגעל, געבראַכט צו דעם דאָזיגען דייטשען, בעצאָהלט פאַר איהם פאַר אַ יאָהר פאָראויס, און איז פאַרפאַלען געוואָרען... זעלטען ווען האָבען זיך וועגען איהם געהערט עפּעס אַזעלכע מאָדנע און דונקעלע קלאַנגען. ערשט אין אַכט יאָהר אַרום, האָט מען זיך דער־

וואוכט אויף זיכער, אז ער איז דערטרונקען געוואָרען אין אַ טייכעל, פאַהרענדיג איבער אירטיש. וואָס האָט איהם פאַרטראָגען קיין סיביר — ווייס איין גאָט. יאקאָב האָט קיין אַנדערע קרובים ניט געהאַט; זיין מוטער איז שוין פון לאַנג געשטאָרבען. איז ער אַזוי געבליעבען ביי ווינטערקעלער'ן אויף די הענד. אמת, יאקאב האָט געהאַט עפּעס אַ ווייטע קרובה, אַ מוהמע, אָבער אַזאַ אָרימע, אַז זי האָט אין אָנהויב גאָר מורא געהאַט צו געהן צו איהר פּלימעניק געוואָהר ווערען, מורא האָבענדיג מען זאָל איהם ניט ארויפוואַרפען איהר אויף'ן האַלז. אָבער איהר מורא איז געווען אומזיסט: דער גוטמוטהיגער דייטש האָט געלאָזען יאקאָב'ן ביי זיך, האָט איהם ערלויבט זיך צו לערנען צוזאַמען מיט די אַנדערע שילער, האָט איהם געגעבען קעסט (ביים טיש האָט מען איהם, פון דעסטוועגען, פאַרטהיילט מיט דעסערט אין דער וואָכען) און זאָכען האָט ער פאַר איהם איבערגענעהט פון די אָבגעטראָגענע הויז קליידער (מעהרסטען טהייל פון טאַבאַק קאָליר) פון זיין מוטער, אַ גרייזע, אָבער נאָך גאָר אַ לעבעדיגע און בעוועגליכע אַלטינקע. צוליעב די דאָזיגע אַלע אומשטענדען און צוליעב יאקאָב'ס אונטערגעאָרדענטער שטעלונג אין אַלגעמיין, האָבען די חברים אין פּאַנסיאָן זיך בעגאַנגען מיט איהם אָהן אכטונג, געקוקט אויף איהם פון אויבען אַראָב און האָבען איהם גערופען דאָ ווייבערשע הויז־קלייד, דאָ דעם טשעפּיק'ס פּלימעניק (זיין מוהמע האָט שטענדיג געטראָגען עפּעס אַזאַ מאָדנעם טשעפּיק מיט געלע לענטעס, וועלכע האָבען געשטאַרטשעט פון אויבען, ווי אַ טהורעם) דאָ יערמאַק'ס זוהן (ווייל זיין פאָטער איז דערטרונקען געוואָרען אין אירטיש). נור ניט קוקענדיג אויף די דאָזיגע אַלע צונעמענישען, ניט קוקענדיג אויף זיינע לעכערליכע קליידער, און זיין גרויסער אָרימקייט, האָבען איהם אַלע זעהר געליעבט, עס איז איבערהויפּט ניט מעגליך געווען איהם ניט ליעב צו האָבען: קיין בעסערע, עדעלערע נשמה, איז דאַכט זיך, אויף דער גאַנצער וועלט ניט געווען. געלערענט האָט ער זיך אויך זעהר גוט.

ווען איך האָב איהם דערזעהען צום ערשטען מאָל, איז ער געווען זעכצעהן און מיר איז נור וואָס געוואָרען דרייצעהן יאָהר. איך בין געווען אַ פאַרצערטעלטער אינגעל מיט אַ סך איינגענליעבע, אויסגעוואַקסען אין אַ גאַנץ רייכען הויז און דערפאַר אריינגעטרעטענדיג אין

פּאַנסיאָן, האָב איך זיך גלייך בעפריינדעט מיט איינעם אַ פּירסט'ל, וועלכען ווינטערקעלער האָט בעזונדערס שטאַרק אָבגעהיט, און נאָך מיט צוויי־דריי קליינע אַריסטאָקראַטען, און מיט אַלע איבעריגע זיך געהאַלטען זעהר שטאָלץ. אויף פּאַסינקאָוו'ן האָב איך זיך אפילו ניט אַרומגעקוקט. דער דאָזיגער לאַנגער און ניט ריהרעוודיגער יונג, אין דעם משונה'דיגען רעקעל און קורצע פּאַנטאַלאָנעס, פון אונטער וועלכע עס האָבען אַרויסגעקוקט באַוועלנע זאָקען, האָט זיך מיר אויסגעוויזען צו זיין עפּעס אַ מין קאָזאַק'ל פון די הויז־קנעכט, אָדער אַ זוהן פון אַ קליין־בירגער. פּאַסינקאָוו איז געווען זעהר העפליך און ווייך מיט אַלעמען, כאָטש ער האָט קיין מאָל זיך צו קיינעם ניט אונטערגעשמייכעלט; ווען מען האָט איהם אָבגעשטויסען — האָט ער זיך ניט ערנידעריגט און ניט געבלאָזען, און נור געהאַלטען זיך פון דער ווייטענס, עפּעס ווי בעדויערענדיג און אויסוואַרטענדיג. אַזוי איז ער זיך בעגאַנגען מיט מיר אויך. עס זיינען אַוועק אַן ערך צוויי מאָנאַטען. איין מאָל, אין אַ העלען זומערדיגען טאָג, פאַרביי־געהענדיג, נאָך אַ טומעלדיגער שפּיעל, פון הויף אין גאַרטען, האָב איך דערזעהן פּאַסינקאָוו'ן זיצענדיג אויף אַ באַנק, אונטער אַ הויכען בוש פון סירען. ער האָט געלעגען אַ בוך. איך האָב פאַרבייגעהענדיג אַ קוק געטהאָן אויף דעם איינבונד און איבערגעלעזען אויף'ן רוקען שי־לער'ס נאָמען: „שילערס ווערקע". איך האָב זיך אָבגעשטעלט.

— איהר קענט דען לעזען דייטש? — האָב איך געפרעגט פּאַ־סינקאָוו'ן.

מיר טהוט נאָך ביז היינטיגען טאָג לייד, ווען איך דערמאָן זיך, וויפיעל פעראַכטונג עס איז געלעגען אין דעם קלאַנג פון מיין שטים... פּאַסינקאָוו האָט שנעל אויפגעהויבען אויף מיר זיינע ניט גרויסע, נור אויסדרוקספולע אויגען, און געענטפערט:

— יאָ, איך קען; און איהר?

— נאָך ווי! — האָב איך געזאָגט, שוין אַ בעליידיגטער, און גע־האָט געוואָלט געהן ווייטער, נור עטוואָס האָט מיך אָבגעהאַלטען.

— און וואָס אַזוינס לעזט איהר פון שילער'ן? — האָב איך גע־פרעגט מיט דער פריהערדיגער גרויסקייט.

— איצט לעז איך „רעזיגנאַציאָן": אַ פרעכטיגעס געדיכט.

איהר ווילט, וועל איך אייך עס פארלעזען ? זעצט זיך אט דא נעבען מיר, אויף דער באנק.

איך האב זיך א ווײַלע געקווײַנקעלט, דאך האב איך זיך געזעצט. פאסינקאוו האט גענומען לעזען. דייטש האט ער געקענט א סך מעהר פון מיר: איהם איז אויסגעקומען מיר צו ערקלעהרען דעם זין פון אייניגע פערזען; אבער איך האב זיך שוין ניט געשעהמט ניט פאר מיין ניט קענען און ניט דערפאר, וואס ער שטייגט מיר אריבער. פון יענעם טאג אן, פון דעם דאזיגען לעזען ביינאנד אין גארטען, אין'ם שאטען פון די סירען־בושעס, האב איך מיט מיין גאנצער נשמה ליעב געקראגען פאסינקאוו'ן, האב זיך מיט איהם נאהענט בעפריינ־דעט און אין גאנצען אונטערווארפען אונטער זיין איינפלוס.

איך געדענק קלאהר זיין דאמאלסדיגען אויסזעהען. אייגענטליך, האט ער זיך שפעטער אויף ווייניג געענדערט. ער איז געוועזען הויך געוואקסען, מאגער, לאנג און גאנץ אומגעלומפערט. די שמאלע פלייצעס און איינגעפאלענע ברוסט האבען איהם צוגעגעבען א מין קריינקליכען אויסזעהן, כאטש ער האט זיך ניט געקענט בעקלאגען אויף זיין געזונד. זיין גרויסער, קיילעכדיגער קאפ האט זיך עטוואס צוגעבויגען אן דער זייט, ווייכע בלאנדע האאר זיינען געהאנגען אין שיטערע צעפלאך ארום זיין דינער האלז. זיין פנים איז ניט געוועזן שעהן און האט זאגאר געקענט פארקומען לעבערליך, א דאנק זיין לאנגער אויפגעשוואלענער און רויטליכער נאז, וועלכע איז אזוי ווי געהאנגען איבער די ברייטע און גלייכע ליפען; נור דער אפענער שטערן זיינער איז געוועזן אמת שעהן, און ווען ער האט געשמייכעלט, האבען זיינע קליינע גרויע אויגעלאך געלויכטען מיט אזא ליעבער און פריינדליכער גוטמוטהיגקייט, אז א קוק טהאנדיג אויף איהם איז יעדער'ן ווארעם און פרעהלאך געווארען אויף דעם הארצען. איך גע־דענק אויך זיין קול, א שטילער און א גלייכמעסיגער, מיט עפעס א בעזונדערס אנגענעמער הייזעריגקייט. ער האט אין אלגעמיין גערעדט ווייניג און מיט א קענטיגער געמאטערטקייט; נור בעת ער האט זיך מיט עטוואס היגעריסען, האבען זיך זיינע רייד געגאסען פריי און — א מאדנע זאך! — דער קול זיינער איז געווארען נאך שטילער, דער בליק איז ווי אין זיך אריין און איז אויסגעלאשען געווארען און דאס גאנצע געזיכט האט זיך לייכט צוברענט. אין זיינע ליפען האבען

די ווערטער : „גוטעס", „אמת", „דאס לעבען", „די וויסענ־שאפט", „די ליעבע", ווי בעגייסטערט, ער זאל זיי ניט האבען ארויסגעבראכט, קיין מאל ניט געקלונגען ווי א פאלשער קלאנג. אהן מיה, אהן אנשטרענגונג האט ער זיך אוועקגעטראגען אין דער וועלט פון הויכען אידעאל ; זיין ריינע נשמה איז שטענדיג בערייט געווען אויף עטוואס שעהנעס, עטוואס הייליגעס ; זי האט נור געווארט אויף א גרוס, א בעריהרונג פון אן אנדער נשמה... פאסינקאוו איז געוועז א ראמאנטיק, איינער פון די לעצטע ראמאנטיקער, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקוואמען זיך צו באגעגענען. די ראמאנטיקער זיינען איצט, ווי בעוואוסט, שוין כמעט נישטא ; אם וויינינגסטענס צווישען היינטיגע יונגע לייט זיינען זיי נישטא. דעסטא ערגער פאר די היינטיגע יונגע לייט !

ארום דריי יאהר האב איך פערבראכט מיט פאסינקאוו'ן, ווי מען זאגט, צוויי קערפער מיט איין נשמה. ער האט מיר פערטרויט זיין ערשטע ליעבע. מיט וואס פאר א דאנקבארער אויפמערקזאמקייט האב איך אויסגעהערט זיינע ליעבעס ערקלעהרונגען ! דער געגענ־שטאנד פון זיין ליידענשאפט איז געוועז ווינטערקעלער'ס פלימעניצע, א בלאנדע, ליעבינקע דייטשקעלע, מיט א פולינקען כמעט קינדער־שען פנים'על און פערטרויליך־צארטע בלויע אויגעלאך. זי איז גע־ווען זעהר גוט און געפיהלפול, האט ליעב געהאט מאטיסאן'ען, אלאנד'ן און שילער'ן און האט גאנץ אנגענעהם דעקלאמירט זייערע געדיכטע מיט איהר ניט דרייסטען און קלינגענדיגען קול. פאסינ־קאוו'ס ליעבע איז געוועזן אין גאנצען א פלאטאנישע ; ער האט גע־זעהן זיין געליעבטע נור אום זונטאג (זי פלעגט קומען צופאהרען שפיע־לען אין פאנדען מיט ווינטערקעלער'ס קינדער). און וויינינג מיט איהר גערעדט ; דערפאר איין מאל, בעת זי האט איהם געזאגט „מיין ליעבער, ליעבער הערר יאקאב !" האט ער א גאנצע נאכט ניט גע־קענט אנשלאפען ווערען פון צופיעל גליק. איהם איז דאן אפילו ניט איינגעפאלען, אז זי זאגט צו אלע זיינע חברים : „מיין ליעבער". איך געדענק אויך זיין שמערץ און אומעט, ווען עס האט זיך פלוצים פארשפרייט א קלאנג, אז פרייליין פרידעריקע (אזוי האט מען זי גע־גערופען) האט חתונה מיט הערר קניפטוס, א בעזיצער פון א רייכען פלייש־קראם, זעהר א שעהנעם און זאגאר געבילדעטען מאן, און

חתונה האָט זי מיט איהם ניט נור, ווייל טאַטע־מאַמע הייסען, נור אויך אוים ליעבע. זעהר שווער איז דאַן געווען פאַסינקאָוו'ן, און בעזונדערס האָט ער געליטען אין דעם טאָג, ווען דאָס יונגע פּאָאַר איז צום ערשטען מאָל געקומען מיט אַ בעזוך. די פריהערדיגע פריילײן, איצט שוין פרוי פרידעריקע האָט איהם פאַרגעשטעלט, ווידער אונטער דעם נאָמען „מיין ליעבער הער יאַקאָב", צו איהר מאַן, ביי וועמען אַלעם האָט געבליסטשעט: אי די אויגען, אי די געקרויזטע שוואַרצע האָאָר, אי דער שטערן, אי די צייהן, אי די קנעפּ אויף'ן פראַק, אי דאָס קייטעל אויף דער וועסט, אי אפילו די שטיוועל אויף די גרויסע צושפּרייטע פיס.

פאַסינקאָוו האָט אַ דריק געטהאָן דער הערר קניפּטוס די האַנד און איהם געוואונשען (און אויפריכטיג געוואונשען — אין דעם בין איך איבערצייגט) פיעל און לאַנג דויערענדען גליק. איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ פערוואונדערונג און מיטגעפיהל איך האָב דאַן געקוקט אויף יאַקאָב'ן. איך האָב געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ העלד!... און דערנאָך, וואָס פאַר אַ אומעדיגע געשפּרעכען עס זיינען צווישען אונז פאָרגעקומען! „זוך טרייסט אין דער קונסט!" האָב איך צו איהם געזאָגט.

— יאַ — האָט ער געענטפערט — און אין פּאָעזיע.

— און אין דער פריינדשאַפט — האָב איך צוגעזעצט.

—און אין דער פריינדשאַפט — האָט ער איבערגע'חזר'ט. — אַ, גליקליכע טעג!...

שמערצליך איז מיר געווען זיך צו שיידען מיט פאַסינקאָוו'ן! פאַר מיין סאַמע אָבפאָהרען האָט ער, נאָך אַ סך זאָרג און קאָפּ־דרעהעניש, נאָך אַ לאַנגען שרייבען אַהין און אַהער, שליסליך געקריעגען זיינע פאַפּיערען און איז אריינגעטרעטען אין אוניווערזיטעט. ער איז נאָך אַלץ געווען אונטער ווינטערקעלער'ס אויפזיכט, נור אַנשטאַדט איבערגעמאַכטע רעקלאַך און הויזען, האָט ער שוין איצט בעקומען געוועהנליכע קליינדונג, אַלס געצאָהלט פאַר די לעקציאָנען איבער פערשיעדענע געגענשטענדען, וואָס ער האָט געגעבען די אינגערע שי־לער. פאַסינקאָוו האָט ניט געענדערט זיין פריינדליכען פערהאַלטען זיך צו מיר די גאַנצע צייט, וואָס איך בין פערבליעבען אין פּאַנסיאָן, באַטש דער אונטערשיעד אין אונזערע יאָהרען האָט זיך שוין גענומען

פיהלען, און איך, געדענקט זיך, האָבען שוין גענומען אייפערזיכטיג ווערען צו אייניגע פון זיינע נייע חברים־סטודענטען. זיין איינפלוס אויף מיר איז געוועזען זעהר א גוטער. צום בעדויערן האָט ער אָנגעהאַלטען ניט לאַנג. איך וועל ברייגגען נור איין ביישפּיעל. אין דער קינדהייט בין איך געוועהנט געוועזען צו ליגען... פאַר יאַקאָב'ן האָט זיך די צונג ביי מיר ניט איבערגעדרעהט אויף צו זאָגען א ליגען. נור בעזונדערס גוט איז מיר געוועזען צו שפּאַציערען מיט איהם זאַלבענאַנד אָדער געהן נעבען איהם הין און צוריק איבער דעם צימער און הערען, ווי ער, ניט קוקענדיג אויף מיר, האָט געלעזען געדיכטע מיט זיין שטילען און רוהיגען קול. מיר האָט זיך דאַן אויף אַן אמת געדאַכט, אַז מיר ביידע, איך מיט איהם, טהיילען זיך לאַנגזאַם און בּיסלאַכווייז אָב פון דער ערד און טראָגען זיך אַוועק ערגעץ וואו ווייט אין א ליכטיגער, געהיימניספּולער, וואונדערשעהנער וועלט... איך געדענק איין נאַכט. מיר זיינען ביידע געזעסען אונטער דעם בוש סירען: מיר האָבען ליעב בעקומען דאָס דאָזיג אָרט. אַלע אונזערע חברים זיינען שוין געשלאָפען; נור מיר זיינען שטילערהייד אויפגעשטאַנען, טאַפּענדיג אין דער פינסטער אָנגעטהאָן זיך און בגניבה אַרויס אביסעל „טרוימען". אויף דרויסען איז געווען גאַנץ וואַרעם, נור א פרישער ווינטעלע האָט צייטענווייז געבלאָזען און אונז געצוואונגען זיך צודריקען נאָך נעהנטער איינער צום אנדערן. מיר האָבען גערעדט, גערעדט פיעל און מיט היץ, אזוי אז מיר האָבען זאָגאַר איבערגעשלאָגען איינער דעם אַנדערן, כאָטש מיר האָבען ניט געספּאָרעט. אויף דעם הימעל האָבען געבליסטשעט אונצעהליגע שטערן. יאַקאָב האָט אויפגעהויבען די אויגען און, דריקענדיג מיין האַנד, האָט ער שטיל אויסגערופען:

„איבער אונז
דער הימעל מיט די אייביגע שטערן;
און איבער די שטערן זייער באַשעפער..."

אַן עהרפירכטיגער ציטערען איז איבער מיין לייב אַריבער; איך האָב זיך אין גאַנצען א טרייסעל געטהאָן און צוגעפאַלען צו זיין אַקסעל... דאָס הארץ איז איבערפיעלט געוואָרען...

— וואו איז אַהינגעקומען יענע בעגייסטערונג? אך! דאָרט, וואו עס איז אויך אוועק די יוגענד.

אין פעטערסבורג האָב איך געטראָפען יאקאָב'ן אין א יאָהר אכט אַרום. איך בין נור וואָס אריינגעטראָטען אין דיענסט און איהם האָט אויך אימיצער פערשאַפט א פלאַץ אין עפּעס א דעפאַרטמענט. אונ־זער באַגעגעניש איז געוועזן זעהר א פרעהליכע. איך וועל קיין מאָל ניט פארגעסען יענעם מאָמענט, ווען זיצענדיג, איין מאָל ביי זיך אין דערהיים, האָב איך פּלוצים דערהערט אין פאָרצימער זיין קול... ווי איך האָב א ציטער געטהאָן, מיט וואָס פאר א קלאַפענדיגען האר־צען איך בין אויפגעשפרונגען און זיך א וואָרף געטהאָן צו איהם אויף'ן האלז, ניט לאָזענדיג איהם אפילו קיין צייט אראָבצונעהמען פון זיך דעם פוטער און אָבצובינדען דעם שאַרף! ווי דורשטיג איך האָב געקוקט אויף איהם דורך די ניט ווילענדיגע, ליכטיגע טרעהרען פון טיעפער ריהרונג! ער איז אַביסעל עלטער געוואָרען פאר די לעצטע אכט יאָהר; קנייטשען, דינע, ווי דער סימן פון א נאָדעל, האָבען וואו ניט וואו דורכגעשטרייפט זיין שטערן, די באַקען זיינען עטוואַס איינגעפאלען און די האָאר שיטערער געוואָרען, נור די באָרד איז כמעט ניט גרעסער געוואָרען, און דער שמייכעל איז געבליבען דער אייגענער, און דער געלעכטער זיינער, דער ליעבער, אינעווייניגס־טער, כמעט שטיקענדער געלעכטער, איז אויך געבליבען דער איי־גענער...

גאָט מיינער! וואָס האָבען מיר ניט איבערגערעדט אין יענעם טאָג... ווי פיעל געליעבטע פערזען האָבען מיר איבערגעלעזען איי־נער דעם אנדערן! איך האָב גענומען איהם איינבעטען, ער זאָל זיך אריבערקלייבען צו מיר אויף קווארטיר, נור ער האָט ניט געוואָלט, דערפאר האָט ער מיר צוגעזאָגט אריינצוקומען צו מיר יעדען טאָג, און ער האָט זיין פערשפּרעכען געהאלטען!

און מיט דער נשמה האָט זיך פאסינקאָוו אויך ניט געענדערט. ער איז ערשיענען פאר מיר דערזעלבער ראָמאנטיקער, ווי איך האָב איהם געקענט פון אמאָל. ווי עס האָט איהם ניט ארומגעכאַפּט די קאַלטקייט פון'ם לעבען, די ביטערע קעלט פון ערפאהרונג — די צאַרטע בלום, וואָס האָט זיך פריה צובליהט אין דאָס הארץ פון מיין פריינד, איז געבליעבען ריין אין איהר גאַנצער אונבעריהרטער שעהנקייט. ער איז זאָגאר ניט געוואָרען אומעדיגער, פערטראַכטער:

ווי פריהער איז ער געווען שטיל, נור שטענדיג פרעהליך מיט דער נשמה.

אין פעטערסבורג האָט ער געלעבט, ווי אין א ווישטעניש, ניט טראַכטענדיג וועגען דער צוקונפט און ניט קענענדיג זיך כמעט מיט קיינעם ניט. איך האָב איהם צוזאַמענגעפיהרט מיט די זלאַטניצקים. ער איז צו זיי געגאַנגען גאַנץ אָפט. ניט האָבענדיג קיין אייגענליעבע, איז ער ניט געווען שעהמעוודיג: נור אויך ביי זיי, ווי איבעראַל, האָט ער גערעדט ווייניג. דאָך איז ער ביי זיי נושא חן געווען. אפילו דער שווערער אַלטער, טאַטיאַנא וואַסיליעוונאַ'ס מאַן, איז זיך אויך מיט איהם בעגאַנגען פריינדליך, און ביידע שווייגעדיגע מיידלאָך זיינען שנעל צו איהם צוגעוואָהנט געוואָרען.

מאַנכעס מאָל פלעגט ער קומען און מיטברייננגען מיט זיך אין דער הינטערשטער קעשענע פון זיין רעקעל עפּעס אַ נייעס, נור וואָס אַ ערשיענענעם בוך און פלעגט זיך לאַנג ניט ענטשליעסען צו לעזען, האָט אַליץ אויסגעצויגען די האַלז אויף אַ זייט, ווי אַ פויגעל, און זיך ארומגעקוקט: צו מען קען? צום סוף, פלעגט ער זיך פּאַרוקען אין אַ ווינקעל (ער האָט איבערהויפּט ליעב געהאַט צו זיצען אין די ווינקלען) דערלאַנגען דאָס ביכעל און זיך נעהמען לייענען, פריהער גאַנץ שטיל, דערנאָך העכער און העכער, צייטענווייז אונטערברעכענדיג זיך אַליין מיט קורצע בעמערקונגען און אויסרופען. איך האָב בע־מערקט, אַז וואַרוואַראַ האָט זיך מעהר געגרען, ווי די שוועסטער צו איהם צוגעזעצט און איהם געהערט, כאָטש זי האָט איהם ווייניג פער־שטאַנען: ליטעראַטור האָט זי ניט געאינטערעסירט. עס פלעגט טרעפען, זי זיצט פאַר פּאַסינקאָוו'ן, אָנגעשפּאַרט די מאָרדע אויף ביידע הענד, קוקט איהם אריין — ניט אין די אויגען, נור עפּעס אַזוי אין'ם גאַנצען פּנים, און ברייננגט ניט ארויס קיין וואָרט, טהוט נור פּלוצים אַ הויכען זיפץ. — אין די אבענדען האָבען מיר געשפּיעלט אין פאַנטען, בעזונדערס אין די זונטאָגען אָדער יום טובים. דאַן זיי־נען צו אונז צוגעקומען נאָך צוויי פריילינס, שוועסטער, ווייטע קרובות פון די זלאַטניצקי'ס, קליינינקע, רונדינקע, וועלכע פלעגען האַלטען אין איין לאַכען, און נאָך עטליכע קאַדעטען און יונקערס, גאַנץ וואָהלע און שטילע איינגלאָך. פּאַסינקאָוו פלעגט זיך שטענדיג זעצען נעבען טאַטיאַנא וואַסיליעוונאַ'ן, און צוזאַמען אויסטראַכטען,

וואָס פאר א שטראָף צו געבען יענעם, וועמעס פאַנד עס וועט ארויסקומען.

סאָפיא האָט ניט ליעב געהאַט די צערטליכקייטען און קושען מיט וועלכע עס קויפען זיך געוועהנליך אויס די פאַנטען, און וואַרוואַרא האָט זיך געבייזערט, ווען איהר איז אויסגעקומען עטוואָס אויסצוגעפינען אָדער טרעפען. און די פריילליינס האָבען געלאַכט גאָר אָהן א פאַרוואָס — פון וואַנען האָט זיך ביי זיי גענומען אַזוי פיעל געלעכטער — מיר האָט אָפּט פאַרדראָסען, קוקענדיג אויף זיי, און פאַסינקאָוו האָט אָפט געשמייכעלט און געשאָקעלט מיט'ם קאָפּ. דער אַלטער זלאַטניצקי האָט זיך אין אונזערע שפּיעלען ניט אַריינגעמישט, און האָט זאָגאר ניט גאָר פריינדליך געקוקט אויף אונז הינטער די טירען פון זיין קאַבינעט. איין מאָל נור איז ער גאַנץ אונערוואַרטעט צו אונז ארויסגעקומען און פאָרגעשלאָגען, אַז די פּערזאָן, וועמעס פאַנט מען וועט איצט ארויסציהען, זאָל געהן מיט איהם טאַנצען א וואַלס; מיר האָבען זיין פאָרשלאַג, זעלבסטפערשטענדליך, אָנגענומען. ארויסגעקומען איז טאַטיאַנא וואַסיליעוונא'ס פאַנט: זי איז געוואָרען אין גאַנצען רויט, צומישט און האָט זיך פאַרשעהמט, ווי א פופצעהן־יאָהריג מיידעלע — אָבער איהר מאַן האָט גלייך געהייסען סאָפיא'ן זיך זעצען ביי דער פיאַנא, איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי און דורכגעוואַלסירט מיט איהר צוויי מאָל אויף דעם אַלטמאָדישען שטייגער. איך געדענק, ווי זיין פאַרביטערטער, טונקעלער פּנים, מיט די ניט שמייכלענדיגע אויגען, האָט זיך דאָ בעוויזען, דאָ בעהאַלטען, דרעהענדיג זיך לאַנגזאַם און ניט בייטענדיג דעם שטרענגען אויסדרוק. טאַנצענדיג האָט ער געשפרייזט מיט ברייטע טריט און איז אונטערגעשפרונגען; און זיין ווייב האָט שנעל אונטערגעטאַנצט מיט די פיס, און האָט זיך צוגעדריקט, ווי פון שרעק, מיט'ן פּנים צו זיין ברוסט. ער האָט זי צוגעפיהרט צו איהר אָרט, פאַרנייגט זיך פאַר איהר, אוועק צוריק אין זיין קאַבינעט און האָט זיך פאַרשפאַרט. סאָפיא האָט געהאַט געוואָלט אויפשטעהען. נור וואַרוואַרא האָט איהר געבעטען פאָרטצוזעצען דעם וואַלס, איז צוגעגאַנגען צו פאַסינקאָוו'ן און, אויסשטרעקענדיג די האַנד, האָט זי מיט א שמייכעל געזאָגט: ווילט איהר טאַנצען? פאַסינקאָוו האָט זיך פערוואונדערט, דאָך איז ער אויפגעשפּרונגען — ער האָט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט זיין

העפליכקייט — האָט אָנגענומען וואַרוואַרא'ן פאר דער טאַליע, נור שוין ביים ערשטען טריט, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און, פלינק אָבטהיילענדיג זיך פון זיין דאַמע, האָט ער זיך אַרונטערגעקייקעלט גלייך אונטער דעם טישעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען די שטייגעל מיט'ן פּאָפּוגיי... די שטייגעל איז אַראָבגעפאַלען, דער פּאַפּוגיי האָט זיך דערשראָקען און גענומען שרייען: נא קרא—אול! עס האָט אויסגעבראָכען אַן אַלגעמיינער געלעכטער... זלאַטניצקי האָט זיך בעוויזען אויף דעם שוועל פון קאַבינעט, האָט זיך בייז אַרומגעקוקט און פאַרקלאַפּט די טיר. פון יענער צייט אָן האָט מען נור געדאַרפט אין וואַרוואַרא'ס געגענוואַרט דערמאַנען וועגען דעם דאָזיגען צופאַל, און זי האָט גלייך גענומען לאַכען און מיט אַזאַ אויסדרוק קוקען אויף פּאַסינקאָוו'ן, אַזוי ווי אַקליגערע זאַך פון דער, וואָס ער האָט דעמאָלט געטהאָן, קען מען שוין גאָר ניט אויסטראַכטען.

פּאַסינקאָוו האָט זעהר געליעבט מוזיק. ער האָט אָפט געבעטען סאָפיא'ן, זי זאָל איהם עפּעס שפּיעלען, האָט זיך געזעצט אָן דער זייט און געהערט, נור ווען ניט ווען אונטערציהענדיג מיט אַ דין קול אויף די געפיהלפולע פּלעצער. בעזונדערס האָט ער ליעב געהאַט „די שטערן" פון שוּבערט. ער האָט פערזיכערט, אַז ווען מען האָט אין זיין געגענוואַרט געשפּיעלט „די שטערן", האָט זיך איהם אימער אויסגעדאַכט, אַז עפּעס אַזעלכע בלויע לאַנגע שטראַהלען גיסען זיך פון אויבען צוזאַמען מיט די קלאַנגען איהם אין האַרצען אַריין. נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג, ווען איך זעה אַ ריינעם ניט פאַרוואָלקענטען הימעל מיט די שטיל פינקלענדע שטערן, דערמאַן איך זיך אימער אָן דער מעלאָדיע פון שוּבערט און אָן פּאַסינקאָוו'ן...

עס קומט מיר אויף די געדאַנק נאָך אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָדט. מיר זיינען געפאָהרען מיט אַ גאַנצער געזעלשאַפט אין צוויי פיער זיציגע קאַרעטען, קיין פערגאַלאָווא. די קאַרעטען זיינען געוועז אַלטע, פון בלויען קאָליר, מיט רונדע רעסאָרען, מיט ברייטע קעלנעס און בינטלאָך הייה אינעווייניג; געלע צושלאָגענע פערד האָבען אונז געפיהרט מיט אַ שווערען טראָט, הינקענדיג יעדער אויף אַ בעזונדער פוס. מיר האָבען לאַנג געשפּאַצירט אין די סאָסנאָווע וועלדער אַרום פערגאַלאָווא, האָבען געטרונקען מילך פון ליימענע קריגלאָך

און גענעסען יאַגדעס מיט צוקער. דאָס וועטער איז געווען וואונדער־שעהן. ווארווארא האָט ניט ליעב געהאַט לאַנג ארומצוגעהן: זי פלעגט גיך מיעד ווערען: אָבער דיעזען מאָל איז זי פון אונז ניט אָבגעשטאַנען. זי האָט אויסגעטהאָן די הוט, איהרע האָאר זיינען צו־שאָטען געוואָרען, די שווערע שטריכען זיך בעלעבט און די באַקען פאררויטיגט. געטראָפען אין וואלד, צוויי פויערשע מיידעלאַך, האָט זי זיך פּלוצים געזעצט אויף ד'רערד, צוגערופען זיי און ניט אַ לאַסטשע געטהאָן, נור אָוועקגעזעצט זיי נעבען זיך. סאָפּיא האָט פון ווייטען אַ קוק געטהאָן אויף זיי מיט אַ קאַלטען שמייכעל און איז ניט צוגעגאנגען צו זיי. זי האָט שפּאַצירט מיט אַסאַנאַוו'ן און זלאַט־ניצקי האָט באַמערקט, אַז ווארווארא איז אַן אמת'ע סיעדיכע. וואר־ווארא איז אויפגעשטאַנען און אוועק ווייטער. אין פערלויף פון דעם שפּאַצירגאַנג איז זי איינינע מאָל צוגעגאנגען צו פּאַסינקאָוו'ן און גע־זאָגט: „יאַקאָב איוואַניטש, איך וויל אייך עפּעס זאָגען", נור וואָס אַזוינס זי האָט איהם געוואָלט זאָגען — איז געבליעבען אַ געהיימ־ניס.

דאָך עס איז צייט זיך אומצוקעהרען צו מיין ערצעהלונג.

איך האָב זיך דערפרעהט מיט פּאַסינקאָוו'ס קומען; נור ווען איך האָב זיך דערמאַנט, וואָס איך האָב נעכטען געטהאָן, איז מיר געוואָרען שרעקליך מיאוס אויף'ן הארצען, און איך האָב זיך צוריק אומגעקעהרט צו דער וואַנט. אין אַ ווייל'ע ארום, האָט מיר יאַקאָב גע־קאָב געפרעגט, צו איך בין געזונד.

— געזונד — האָב איך געענטפערט צווישען די צייהן: — נור דער קאָפּ טהוט וועה.

יאַקאָב האָט גאָרניט געזאָגט און גענומען אַ בוך. עס איז אוועק מעהר ווי אַ שטונדע; איך האָב זיך שוין געקליעבען מודה זיין זיך אין אַלעם פאר יאַקאָב'ן... פּלוצים האָט אין פירהויז גענומען קלינ־גען דער גלעקעל.

די טיר אויף די טרעפּ האָט זיך געעפענט... איך האָב זיך צו־געהערט... אסאנאָוו האָט געפרעגט מיין דיענער, צו איך בין אין דערהיים.

פּאַסינקאָוו איז אויפגעשטאַנען; ער האָט ניט ליעב געהאַט

אסאנאוו'ן, און, זאָגענדיג מיר אין דער שטיל, אז ער וועט געהן צולעגען זיך אויף מיין בעט, איז ער אוועק אין מיין שלאָף־צימער.

אין אמינוט ארום, איז אריינגעקומען אסאנאָוו.

נאָך זיין פארדוויטיגטען פּנים אליין, נאָך דעם קורצען און טרויקענעם גרוס, האָב איך זיך גלייך אָנגעשטויסען, אז ער איז געקומען צו מיר ניט גלאט אין דער וועלט אריין. „וואָס וועט דאָ זיין?" האָב איך א טראַכט געטהאָן.

— ווערטהער הערר — האָט ער אָנגעהויבען, זיך זעצענדיג שנעל אין א פאטעל: — איך בין געקומען צו אייך, אום איהר זאָלט מיר ערקלעהרען א געוויסען צווייפעל.

— נעמליך?

— נעמליך: איך וויל וויסען, צו איהר זייט אַן עהרליכער מענש?

איך האָב זיך אָנגעצונדען.

— וואָס בעדייטעט דאָס? — האָב איך געפרעגט.

— אָט וואָס דאָס מיינט . . . — האָט ער געענטפערט, ווי האַקענדיג יעדעס וואָרט: — נעכטען האָב איך אייך געוויזען א טאַשענבוך מיט בריעף פון א געוויסער פערזאָן צו מיר... היינט האָט איהר מיט א פאָרוואורף — בעמערקט גוט, מיט א פאָרוואורף — איבערדערצעהלט דעם דאָזיגען פּערזאָן איינינגע אויסדריקע פון דיעזע בריעף, ניט האָבענדיג דערצו קיין שום רעכט. איך וויל וויסען, ווי אַזוי איהר וועט עס ערקלעהרען?

— און איך וויל וויסען, וואָס פאר א רעכט האָט איהר, מיך אויסצופרעגען? — האָב איך געענטפערט אין גאַנצען ציטערענדיג פון כעס און אינערליכע שאנדע. — איהר זייט דאָך געווען דעריעניגער, וואָס האָט זיך בעריהמט מיט אייער פעטער, מיט אייערע בריעף; וואָס האָב איך דערמיט צו טהאָן? אייערע בריעף זיינען דאָך אלע גאַנץ געבליעבען?

— די בריעף זיינען טאַקע גאַנץ; אָבער איך בין נעכטען געווען אין אזא צושטאנד, אז איהר האָט לייכט געקענט...

— ניט איין וואָרט, ווערטהער הערר — האָב איך גענומען רייי־דען. אומישנע וואָס העכער: — איך בעט אייך מיך לאָזען צורוה, איהר הערט? איך וויל גאָר ניט וויסען, וועל אייך קיין זאַך ניט ער־

קלעהרען. געהט זיך צו יענער פערזאן נאך ערקלעהרונגען! (איך האב געפיהלט, אז דער קאפ דרעהט זיך מיר.)

אסאנאוו האט אנגעשטעלט אויף מיר א בליק, וועלכען ער האט, קענטיג, געוואלט צוגעבען דעם אויסדרוק פון אבלאכענדיגער איראניע, האט א ציה געטהאן זיינע וואנצעלאך און איז ניט איילענדיג זיך אויפגעשטאנען.

— איך וויים איצט, וואס איך האב צו דיינקען — האט ער ארויסגערעדט: — אייער פנים — איז אייער ערגסטער מסר. נור איך מוז אייך זאגען, אז אנשטענדיגע מענשען האנדלען ניט אזוי... איבערלייענען ב׳גנבה א פרעמדען בריעף און דערנאך געהן צו אן אנשטענדיגער פריילין, איהר בעאונרוהיגען...

— געה צום טייפעל! — האב איך געגומען שרייען, טופענדיג מיט די פים: — און שיקט מיר א סעקונדאנט; מיט אייך וויל איך מעהר ניט ריידען.

— איך בעט אייך מיך ניט צו לערנען — האט קאלט געענטפערט אסאנאוו: — און א סעקונדאנט האב איך אליין אויך געוואלט שיקען צו אייך.

ער איז אוועק. איך בין געפאלען אויף דער זאפא און פארשטעלט דאס פנים מיט די הענד. — אימעצער האט מיר אנגעריהרט פאר א אקסעל; איך האב צוגענומען די הענד — פאר מיר איז געשטאנען פאסינקאוו.

— וואס איז דאס? אמת?... — האט ער מיך געפרעגט דו האסט איבערגעלעזען א פרעמדען בריעף?

איך האב ניט געהאט קיין קרעפטען איהם צו ענטפערן, און האב נור א שאקעל געטהאן מיט דעם קאפ אויף יא.

פאסינקאוו איז צוגעגאנגען צום פענסטער און, שטעהענדיג מיט׳ן רוקען צו מיר, האט ער לאנגזאם ארויסגערעדט: — דו האסט איבערגעלעזען א בריעף פון א געוויסער מיידעל צו אסאנאוו׳ן? ווער זשע איז געוועזן דאס מיידעל?

— סאפיא זלאטניצקאיא — האב איך געענטפערט, ווי אן אנגעקלאגטער ענטפערט זיין ריכטער.

פאסינקאוו האט לאנג ניט ארויסגעבראכט קיין ווארט.

— נור די ליעבע קען דיך, ביז צו א געוויסען גראד, ענטשולדיגען

— האָט ער ענדליך אָנגעהויבען — ביזטו דען פערליעבט אין פרייליין זלאטניצקי ?

— יאָ.

פאסינקאָוו האָט ווידער א ווײַלע געשוויגען.

— איך האָב עס פערשטאַנען. און דו ביזט היינט אוועק צו איהר און גענומען מאַכען פּאָרווירפע...

— יאָ, יאָ, יאָ... — האָב איך ארויסגערעדט מיט פערצווייפלונג — דו מעגסט מיך איצט פעראַכטען...

פאסינקאָוו איז זיך דורכגעגאַנגען אמאָל צוויי איבער דעם צימער.

— און זי ליעבט איהם ? — האָט ער געפרעגט.

— זי ליעבט... יאָ...

פאסינקאָוו האָט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און לאַנג געקוקט אונ־בעוועגליך אויף דער פּאָדלאָגע.

— נו, אין דעם מוז עפּעס געטהאָן ווערען — האָט ער אָנגעהויבען, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ : — אַזוי קען מען דאָס ניט לאָזען.

און ער האָט זיך גענומען פאר זיין הוט.

— וואוהין זשע געהסטו ?

— צו אסאַנאָוו'ן.

איך בין אויפגעשפּרונגען פון זאָפע.

— איך וועל דאָס דיר ניט ערלויבען. שטייט ! ווי איז דאָס מעגליך ! וואָס וועט ער זיך טראַכטען ?

פאסינקאָוו האָט א ווײַלע געקוקט אויף מיר.

— און נאָך דיין מיינונג, איז דען בעסער צו לאָזען דיעזע נאַ־רישקייט געהן ווייטער, זיך רואינירען, דאָס מיידעל בעשמוצען ?

— אָבער וואָס וועסטו אסאַנאָוו'ן זאָגען ?

— איך וועל זיך סטאַרען איהם געבען פערשטעהן, וועל זאָגען, אַז דו בעטסט ביי איהם אום ענטשולדיגונג...

— אָבער איך וויל זיך פאר איהם ניט ענטשולדיגען !

— דו ווילסט ניט ? ביזטו דען ניט שולדיג ?

איך האָב א קוק געטהאָן אויף פאסינקאָוו'ן : דער רוהיגער און שטרענגער, כאָטש טרויעריגער אויסדרוק פון זיין געזיכט האָט מיך אי־

בעראשט; ער איז געוועזן ניי פאר מיר. איך האב גאר ניט גע־ענטפערט און זיך געזעצט אויף דער זאפע

פאסינקאוו איז ארויסגעגאנגען. מיט וואס פאר אפיינינגענדער אונגעדולד איך האב ערווארט זיין צוריק קומען! מיט וואס פאר א גרויזאמער לאנגזאמקייט איז די צייט געקראכען! ענדליך — שפעט — האט ער זיך צוריקגעקעהרט.

— נו, וואס — האב איך איהם געפרעגט מיט א ניט דרייסטען קול.

— געלויבט איז גאט — האט ער געענטפערט: — אלעס איז ווידער אין ארדנונג.

— דו ביזט געוועזן ביי אסאנאוו'ן?

— געוועזן.

— נו, וואס? ער האט מסתמא געמאכט א גאנצען אנשטעל?

— האב איך ארויסגערעדט מיט אנשטרענגונג.

— ניין, איך קען ניט זאגען. איך האב ערווארט א סך מעהר... ער... ער איז ניט אזא מיאוסער מענש, ווי איך האב איהם גע־האלטען.

— נו, און אויסער איהם, ביזטו ביי קיינעם ניט געוועזן? — האב איך געפרעגט אין א ווײלע ארום.

— איך בין געוועזן ביי די זלאטניצקים.

אה!... (דאס הארץ האט מיר גענומען ציטערען. איך האב ניט געוואגט צו קוקען פאסינקאוו'ן גלייך אין די אויגען) — וואס זאגט זי?

— סאפיא ניקאלאיעווונא — איז א מיידעל א קלוגע, א גוטע... יא, זי איז א גוטע מיידעל. איהר איז אין אנהויב געוועזן אונאנגענעהם, נור דערנאך האט זי זיך בערוהיגט. אגב, האט אונזער גאנצער גע־שפרעך גענומען פינף מינוט.

— און דו... האסט איהר וועגען מיר... געזאגט... אלעס?...

— איך האב געזאגט, וואס מען האט געדארפט.

איך וועל שוין איצט מעהר צו זיי ניט קענען געהן! — האב איך ארויסגערעדט אומעדיג.

— פארוואס? ניין, ווען ניט ווען מאכט ניט אויס. אין גע־

גענטהייל, דו וועסט איצט אונבעדינגט מוזען צו זיי אריינגעהן, אום מען זאל ניט עפּעס דיינקען...

— אך, יאקאב, דו וועסט מיך איצט פעראכטען! — האב איך אויסגערופען, קוים איינהאלטענדיג די טרעהרען.

— איך פעראכטען דיך?... (זיינע פריינדליכע אויגען האבען גענומען פינקלען מיט ליעבע) דיך פעראכטען... נארישער מענש! איז דיר דען לייכט געוועזן? ליידעסט דו דען ניט?

ער האט מיר אויסגעשטרעקט זיין האנד; איך האב זיך א ווארף געטהאן צו איהם אויף'ן האלז און זיך צו־וויינט.

אין עטליכע טעג ארום, אין פערלויף פון וועלכע איך האב גע־קענט בעמערקען, אז פאסינקאוו איז זעהר שלעכט אויפגעלעגט, האב איך זיך ענדליך ענטשלאסען צו בעזוכען די זלאטניצקים. וואס איך האב געפיהלט אריינקומענדיג צו זיי אין גאסט־צימער, איז שווער אי־בערצוגעבען;איך געדענק, אז איך האב ניט אונטערשיידעט די פּנים'ער, און דער קול האט זיך איבערגעריסען אין דער ברוסט. און סאפיא'ן איז אויך ניט גרינגער געוועזן: זי האט זיך קענטיג געצוואונגען צו ריידען מיט מיר, נור איהרע אויגען האבען גראדע אויסגעמיעדען מיינע, ווי מיינע — איהרע; און אין איהר יעדער קעהר, אין איהר גאנצען וועזען איז קענטיג געוועזן א געצוואונגענקייט צומישט מיט... צו־וואס זאל איך בעהאלטען דעם אמת? מיט א געהיימען עקעל. איך האב זיך געסטארעט וואס גיכער צו בעפרייען זי, און זיך אליין פון אזעל־כע שווערע עמפּפינדונגען. די דאזיגע צוזאמענקונפט איז, צום גליק, געוועזן די לעצטע... פאר איהר חתונה. די פלוצימדיגע ענדערונג אין מיין שיקזאל האט מיך פארטראגען אויף דעם צווייטען עק רוס־לאנד, און איך האב זיך אויף א לאנגע צייט געזעגענט מיט פעטערס־בורג, מיט די זלאטניצקים און, וואס מיר האט מעהר פון אלץ וועה געטהאן, מיט דעם גוטען יאקאב פאסינקאוו.

II.

עס זיינען אוועק זיעבען יאהר. עס איז ניט נויטיג צו דערצעה־לען, וואס איך האב דורכגעמאכט אין דיעזער צייט. איך האב ארומ־

געבאַלאַנקעט איבער רוסלאַנד, בין פארפאַהרען אין די פארוואָר־פענסטע און וויטסטע ווינקעלאַך, און געליבט איז גאָט! די דאָזיגע ווינקלאַך זיינען ניט אזוי שרעקליך, ווי מען דענקט, אין די פער־באָרגענסטע פּלעצער פון דעם אַלטען וואַלד וואקסען שמעקעדיגע בלומען.

איין מאָל, פריהלינגסצייט, דורכפאַהרענדיג דורך אַ קליין שטעד־טעל פון איינער פון די וויטעסטע גובערניעס אין מזרח רוסלאַנד, האָב איך, דורך דער דונקעלער שייבעל פון מיין קאַויטש, דערזעהן אויף'ן סקווער נעבען אַ קראָם, אַ מענשען, וועמעס פּנים איז מיר פאָרגע־קומען זעהר בעקאַנט. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין דעם דאָזיגען מענשען און, צו מיין גרויס פרייד האָב איך אין איהם דערקענט יעליסעיי'ען, פאַסינקאָוו'ס דיענער.

איך האָב גלייך געהייסען דעם קוטשער אָבשטעלען זיך, בין אַרויסגעשפּרונגען פון קאַויטש און צוגעגאַנגען צו יעליסעיי'ען.

— וואָס מאַכסטו, ברודער! — האָב איך אַרויסגערעדט, קוים איינהאַלטענדיג מיין אויפרעגונג: — דו ביזט דאָ מיט דיין פּריץ?

— מיט'ן פּריץ — האָט ער געענטפערט לאַנגזאם און פּלוצים אַ געשריי געטהאָן: — אַך, טאַטעלע, דאָס זייט איהר? איך האָב אייך גאָרניט דערקענט!

— דו ביזט דאָ מיט יאַקאָב איוואַניטש'ען?

— מיט איהם, טאַטעלע, מיט איהם... מיט וועמען זשע דען?

— פיהרט מיך צו איהם שנעל!

— קומט, קומט! אַהער, זייט אזוי גוט, אַהער... מיר שטעהען איין אָט דאָ, אין טראַקטיר.

און יעליסייע האָט מיך אוועקגעפיהרט איבער'ן סקווער, ניט אויפהערענדיג ריידען: „וועט זיך יאַקאָב איוואַניטש דאָס דער־פרעהען!"

דער דאָזיגער יעליכעיי, אַ קאַלמיק פון געבורט, אַ מענש, וועל־כער האָט אויסגעקוקט העסליך און זאַגאַר ווילד, נור מיט אַ זעהר גוטער נשמה און ניט קיין נאַרישער, האָט ליידענשאַפטליך געליעבט פאַסינקאָוו'ן און איהם געדיענט אַ יאָהר צעהן.

— וואָס מאַכט יאַקאָב איוואַניטש אין געזונד ? — האָב איך געפרעגט.

יעליסעיי האָט אומגעקעהרט צו מיר זיין דונקעל־געל פּנים'ל.

— אַך, טאַטעלע, שלעכט... שלעכט, טאַטעלע ! איהר וועט זיי ניט דערקענען... עס איז זיי, דאַכט זיך, שוין ניט לאַנג געבליעבען צו לעבען אויף דער וועלט. דערפאַר זיינען מיר דאָך דאָס דאָ געבליעבען שטעקען, אַז ניט זיינען מיר דאָך געפאָהרען קיין אדעס היילען זיך.

— פון וואַנען פאָהרט איהר ?

— פון סיביר, טאַטעלע.

— פון סיביר ?

— יאָ, אַזוי איז דאָס. יאַקאָב איוואַניטש איז דאָרט געווען אין דיענסט. דאָרט זיינען זיי דאָס פערוואונדעט געוואָרען.

— איז ער דען אריינגעטראָטען אין מיליטער־דיענסט ?

— ניין. זיי האָבען געהאַט אַ ציוויל־שטעלע.

„וואָס זיינען דאָס פאַר וואונדער !" האָב איך אַ טראַכט געטהאָן. דערווייל זיינען מיר צוגעקומען צום טראַקטיר, און יעליסעיי איז אַוועקגעלאָפען פאַראויס, מעלדען, אַז איך בין דאָ.

אין די ערשטע יאָהרען נאָך אונזער צוושיידונג האָבען מיר אָפט געשריעבען איינער צום אַנדערן, נור דעם לעצטען בריעף זיינעם האָב איך געקריעגען מיט אַ יאָהר פיער צוריק, און פון דאַן אָן האָב איך וועגען איהם גאָרניט געוואוסט.

— קומט, זייט מוחל ! — האָט צו מיר געשריען יעליסעיי פון די טרעפּ : — יאַקאָב איוואַניטש וויל זעהר אייך זעהן.

איך בין שנעל ארויפגעלאָפען איבער די וויגענדיגע טרעפּ, בין אריין אין אַ קליין, פינסטער צימער'ל — און דאָס הארץ האָט זיך אין מיר איבערגעקעהרט... אויף אַ שמאָל בעטעל, אונטער אַ שינעל, אַ בלייכער, ווי אַ מת, איז געלעגען פאַסינקאָוו און האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין נאַקעטע, אויסגעדאַרטע האַנד. איך האָב זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם און איהם קראַמפּהאַפט ארומגענומען.

— יאַשאַ ! — האָב איך ענדליך אויסגערופען : — וואָס איז מיט דיר ?

— גאָרנישט — האָט ער געענטפערט מיט אַ שוואַך קול : — איך האָב אַביסעל צוגעקריינקט. ווי קומסטו אַהער ?

איך האָב זיך געזעצט אויף אַ שטוהל נעבען פּאַסינקאָוו׳ס בעט און, אַרויסלאָזענדיג זיין האַנד פון מיינע הענד, האָב איך גענומען איהם קוקען אין פּנים אַריין. איך האָב דערקענט די מיר טהייערע שטריכען : דער אויסדרוק פון זיינע אויגען, זיין שמייכעל האָבען זיך ניט געענדערט ; אָבער וואָס פאַר אַ תּל די קראַנקהייט האָט פון איהם געמאַכט !

ער האָט בעמערקט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט.

— איך האָב זיך שוין דריי טעג ניט געראַזירט — האָט ער אַרויסגערעדט — נו, און פאַרקאַמט בין איך אויך ניט, אַזוי בין איך — נאָך נישקשה.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, יאַשאַ — האָב איך אָנגעהויבען — וואָס האָט מיר עפּעס יעליסעיי געזאָגט... דו ביזט פערוואונ־דעט ?

אה ! דאָס איז אַ גאַנצע געשיכטע — האָט ער געענטפערט — איך׳ל דיר שפּעטער דערצעהלען. איך בין ווירקליך פערוואונדעט, און שטעל זיך פאָר מיט וואָס ? מיט אַ קויל.

— מיט אַ קויל ?

— יאָ, מיט אַ קויל, אָבער ניט מיט אַ מיפאָלאָגישער און ניט מיט דער פון דעם גאָט אַמור, נור מיט אַ אמת׳ער קויל פון עפּעס זעהר אַ בייגיגען האַליז, מיט אַ קונציגען פאַרשאַרפטען שפּיץ אויף׳ן סוף... זעהר אַ אונאַנגענעהמע עמפּפינדונג רופט אַרויס אַזאַ מין קויל, איבערהויפּט, ווען זי פאַלט אַריין אין די לונגען.

— אָבער ווי אַזוי ? איך בעט דיך...

— אַט, ווי אַזוי. דו ווייסט אין מיין לעבען איז געווען אַ סך קאָמישעס. איז אַט פערוואונדעט בין איך אויך געוואָרען אויף אַקאָ־מישען אופן. און ווירקליך, וועלכער אַנשטענדיגער מענש וועט אין אונזער פאָרגעשריטענעם יאָהר־הונדערט, ערלויבען, מען זאָל איהם פערוואונדען מיט אַ קויל ? און ניט צופעליג — האָב עס אין זינען, ניט אין דער צייט פון עפּעס אַזעלכע שפּיעלערייען, נור אין אַ שלאַכט.

— דו זאָגסט מיר ניט אַלעס...

— ווארט אוים — האָט ער מיך אונטערבראָכען — דו ווייסט, אז אין גיכען נאָך דיין אַוועקפאָהרען, האָט מען מיך פון פעטערסבורג אַריבערגעפיהרט קיין נאָווגאָראָד. אין נאָווגאָראָד האָב איך פערבראכט אַ גאַנץ לאַנגע צייט און, און דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך זיך שטאַרק געלאַנגווײלט, כאָטש איך האָב זיך דאָרטען אויך געטראָפען מיט אַ געוויסער פּערזאָן... (ער האָט אַ זיפץ געטהאָן)... אָבער איצט האַלט איך ניט דערביי; און אין אַ יאָהר צוויי אַרום איז מיר צוגעפאַלען אַ גוטע שטעלע, אמת, אַביסעלע וויטלאַך, אין אירקוטסקער גובערניע, נור וואָס מאַכט עס אוים! הפּנים אַז מיר מיט מיין טאַטען איז שוין ביים געבורט אָנגעשריבען געוואָרען, אַז מיר וועלען בעזוכען סיביר. אַ טהייערע לאַנד סיביר! אַ רייכע, אַ גרויסע — דאָס וועט דיר יעדער איינער זאָגען. מיר איז דאָרט זעהר געפעלען. די איינוואָהנער פון פרעמדע לענדער זיינען דאָרט געשטאַנען אונטער מיין אויפזיכט; מענשען רוהיגע; אָבער צו מיין אונגליק איז זיי איינגעפאַלען, אַן ערך צעהן מענשען, ניט מעהר, אַריבערצופיהרען קאַנטראַבאַנדע. מיך האָט מען געשיקט זיי אַריבערצונעהמען. איבערנעהמען האָב איך זיי טאַקע איבערגענומען, נור איינער פון זיי איז משוגע געוואָרען, האָט זיך הפּנים געוואָלט פאַרטיידיגען, און האָט מיך געטראַקטירט מיט דער דאָזיגער קויל... איך בין שיער ניט געשטאָרבען, דאָך האָב איך זיך אַביסעל פאַרפראַוועט. איצט פאָהר איך דאָס אין גאַנצען אויסהיילען זיך... די פּאָרגעזעצטע, געזונד זאָלען זיי זיין, האָבען דערויף געלד געגעבען.

פּאַסינקאָוו האָט אַ פאַרמאַטערטער אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ אויף'ן קישען און איז אַנשוויגען געוואָרען. אַ שוואַכע פאַרב האָט זיך צוגאָסען איבער זיין פּנים. ער האָט פאַרמאַכט די אויגען.

— זיי קענען ניט ריידען קיין סך — האָט שטיל געזאָגט יעליסעיי, וועלכער איז ניט אַרוים פון צימער.

עס האָט איינגעטראָטען אַ שטילקייט; עס האָט זיך נור געהערט דער שווערער אָטהעם פון דעם קראַנקען.

— אָט — האָט ער ווייטער גערעדט עפענענדיג די אויגען: — שוין די צווייטע וואָך, אַז איך זיץ אין דיעזען שטעדטעל... האָב זיך פאַרקיהלט, מסתמא. מיך קורירט אַ היגער בעצירקס־דאָקטאָר — דו וועסט איהם זעהן; ער פערשטעהט, דאכט זיך, זיין זאַך.

אגב בין איך צופריעדען, וואָס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ניט, ווי וואָלט איך זיך מיט דיר געטראָפען? (און ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנד. זיין האַנד, וואָס איז ניט לאַנג געווען קאַלט, ווי אייז, האָט יעצט געברענט.) — דערצעהל דו מיר עפּעס וועגען זיך — האָט ער ווידער גענומען ריידען, אַראָבוואַרפענדיג דעם שינעל פון זיין ברוסט: — מיר ביידע האָבען זיך דאָך שוין גאָט וויים, ווי לאַנג ניט געזעהן.

איך האָב ערפילט זיין פערלאַנג און גענומען איהם דערצעהלען, אַבי ער זאָל ניט ריידען אַזוי פיעל. ער האָט צוערשט אויסגעהערט זעהר אויפמערקזאַם, דערנאָך האָט ער געבעטען טרינקען, און דער־נאָך האָט ער גענומען צומאַכען די אויגען און זיך אַרומוואַרפען מיט דעם קאָפּ איבער דער קישען. איך האָב איהם געראַטען צו שלאָפען אַ ווײַלע, פערשפּרעכענדיג, אַז איך וועל ניט פאָהרען ווייטער, ביז־וואַנען ער וועט ניט בעסער ווערען און, אַז איך וועל זיך באַזעצען דאָ אין טראַקטיר, אין אַ צווייטען צימער.

— דאָ איז זעהר שלעכט... — האָט געהאַט אָנגעהויבען פּאַ־סינקאָוו; אָבער איך האָב איהם פאַרשטעלט דעם מויל און בין שטיל אַרויסגעגאַנגען. יעליסעיי איז אויך אַרוים נאָך מיר.

— וואָס טהוט זיך דאָס, יעליסעיי? ער שטאַרבט דאָך? — האָב איך געפרעגט דעם געטרייען דיענער.

יעליסעיי האָט נור אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האַנד און זיך אָבגע־קעהרט.

אָוועקגעשיקט דעם קוטשער און זיך אַריבערגעקליעבען אויף גיך אין אַ דערבייאיגען צימער, בין איך אַוועק זעהן, צו פּאַסינקאָוו איז איינגעשלאָפען. נעבען זיין טיר האָב איך זיך אָנגעשטויסען אָן אַ מענשען פון הויכען וואוקס, זעהר אַ פולען און אַ שווערען. זיין פּנים, אַ ראַבער און אַ אויפגעבלאָזענער, האָט אויסגעדריקט פויל־קייט — און מעהר גאָרנישט; די קליינינקע אויגעלאַך האָבען זיך צוזאַמענגעקלעפּט, און די ליפּען געגלאַנצט, ווי נאָך'ן שלאָף.

— ערלויבט מיר צו וויסען — האָב איך איהם געפרעגט — זייט איהר דער דאָקטאָר?

דער דיקער מענש האָט אויף מיר אַ קוק געטהאָן.

— יאַ, אַזוי איז עס. — האָט ער אויף'ן סוף אַרויסגערעדט.

— זייט אזוי גוט, הערר דאָקטאָר, קומט אריין מיט מיר אין מיין צימער. יאקאָב איוואניטש שלאָפט, דאכט זיך, איצט, איך בין זיינער א פריינד, און איך וואָלט וועלען זיך מיט אייך דורכריידען וועגען זיין קראנקהייט.

— זעהר גוט — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר מיט אזא אויס־דרוק, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „א מענש זאָל אזוי פיעל ריי־דען; איך וואָלט אזוי אויך געגאנגען." און איז אוועק נאָך מיר.

— זאָגט, איך בעט אייך — האָב איך אָנגעהויבען, ווי נור ער האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף א שטול — מיין פריינדס לאגע איז גע־פעהרליך? ווי דענקט איהר?

— יא — האָט רוהיג געענטפערט דער גראָבער.

— זעהר . . . געפעהרליך?

— יא, געפעהרליך.

— אזוי, אז ער קען . . . זאָגאר שטאַרבען?

— ער קען.

איך בין זיך מודה, איך האָב כמעט מיט האס א קוק געטהאָן אויף דעם דאָקטאָר.

— אויב אזוי — האָב איך אָנגעהויבען — מוז מען זעהן עפּעס צו טהאָן, מאַכען א קאָנסוליום, צו־וואָס . . . מען קען דאָך ניט לאָ־זען גאָר אזוי . . .

— א קאָנסוליום? מען קען. פאַרוואָס ניט? מען קען רופען איוואן יעפרעמיטש'ן . . .

דער דאָקטאָר האָט גערעדט מיט מיה און נאָך אנאנד געזיפצט. זיין מאגען האָט זיך קענטיג געהויבען, ווען ער האָט גערעדט, אזוי ווי ארויסשטופענדיג יעדעם וואָרט.

— ווער איז דאָס דער איוואן יעפרעמיטש?

— א שטאָדטישער דאָקטאָר.

— אפשר זאָל מען שיקען אין א גרויסע שטאָדט. דאָרט זיינען אוודאי פאראן גוטע דאָקטוירים, ווי דענקט איהר?

— אז מען וויל, קען מען עס טהאָן.

— און ווער רעכענט זיך דאָרטען פאר דעם בעסטען דאָקטאָר?

— דעם בעסטען? דאָרט איז געוועזען דאָקטאָר קאָלראבוס . . . אָבער איהם האָט מען, דאכט זיך, אוועקגעשיקט ערגעץ אַנדערש.

אייגענטליך, דעם אמת זאָגענדיג, איז גאָר ניט נויטיג צו שיקען נאָך קיינעם.

— פאר וואָס?

— אייער פריינד וועט אפילו דער גרויס־שטאָדטיגער דאָקטאָר אויך ניט העלפען.

— איז ער דען אזוי קראַנק?

— יא.

— אין וואָס, אייגענטליך, בעשטעהט זיין קראנקהייט?

— ער האָט געקריעגען א וואונד... די לונגען, הייסט עס, זיינען אָנגעריהרט... נו, דאָ האָט ער זיך נאָך פארקיהלט, געקראָגען היץ... נו, און אזוי ווייטער, און קיין אָנגעזאמעלטע כוחות זיינען נישטאָ, און אָהן דעם, פארשטעהט איהר דאָך אליין, קען א מענש ניט לעבען.

מיר האָבעןביידע א ווייכע געשוויגען.

דער גראָבער האָט זיך אויפגעהויבען און א זיפץ געטהאָן.

— איהר געהט צו איהם? — האָב איך געפרעגט.

— יא, מען דאַרף א קוק טהאָן.

איך בין ניט אוועק נאָך איהם: זעהן איהם נעבען בעט פון מיין קראַנקען פריינד, איז געווען איבער מיינע קרעפטען. איך האָב א רוף געטהאָן מיין דיענער און איהם געהייסען גלייך פאָהרען אין א גובערנסקער שטאָדט, פרעגען דאָרט אויף דעם בעסטען דאָקטאָר און איהם אונבעדינגט ברייינגען אהער. עטוואָס האָט א קלאַפּ געטהאָן אין קאָרידאָר; איך האָב שנעל געעפענט די טיר.

דער דאָקטאָר איז שוין געגאַנגען צוריק פון פאסינקאָוו'ן.

— נו, וואָס? — האָב איך איהם אין דער שטיל געפרעגט.

— גאָרנישט, האָב פארשריעבען א רפואה.

— איך, הערר דאָקטאָר, האָב בעשלאָסען צו שיקען אין א גובערנסקער שטאָדט. איך צווייפעל ניט אין אייער וויסען, נור איהר ווייסט דאָך אליין: איין שכל איז גוט, און צוויי נאָך בעסער.

— דאָס איז זעהר לויבענסווערטה! — האָט געענטפערט דער גראָבער און זיך גענומען געהן פון די טרעפּ. קענטיג איך האָב איהם דערעסען.

איך בין אריין צו פאסינקאָוו'ן.

— האסטו געזעהן דעם היגען עסקולאפ ? — האט ער מיך גע־פרעגט.

— געזעהען — האב איך געענטפערט.

— וואס מיר געפעהלט אין איהם — האט געזאגט פאסינקאוו — איז זיין מערקווירדיגע רוהיגקייט. א דאקטאר מוז זיין א פלעג־מאטיק, ניט אמת ? דאס ערמונטערט זעהר דעם קראנקען.

איך האב, זעלבסטפערשטענדליך, ניט גענומען איהם איבער־ריידען.

אין אבענד איז פאסינקאוו'ן, געגען מיין ערווארטונג, בעסער געווארען. ער האט געבעטען יעליסעיי'ען אנשטעלען דעם סאמא־וואר, האט מיר ערקלעהרט, אז ער וועט מיר מכבד זיין מיט טהעע און וועט אליין אויך אויסטרינקען א קריגעלע, ער איז קענטיג פריי־ליכער געווארען. פון דעסטוועגען האב איך זיך אלץ געסטארעט, איהם ניט צו לאזען ריידען קיין סך און, זעהענדיג, אז ער וויל בשום אופן ניט אנשווייגען ווערען, האב איך געפרעגט, אפשר וויל ער, איך זאל איהם עטוואס פארלעזען.

— ווי ביי ווינטערקעלער'ן — געדענקסט ? — האט ער געענט־פערט : — גוט, מיט פערגעניגען. וואס זשע וועלען מיר לעזען ? טהו אקארשט א קוק, דארט ביי מיר אויף'ן פענסטער ליגען בי־כער . . .

איך בין צוגעגאנגען צום פענסטער און גענומען דעם ערשטען בוך, וואס איז מיר אריינגעפאלען אין האנד...

— וואס איז דאס ? — האט ער געפרעגט.

— לערמאנטאוו.

— א, לערמאנטאוו ! אויסגעצייכענט ! פושקין שטעהט העכ־ער, געוויס... אבער לערמאנטאוו איז אויך גוט. נו, ווייסטו וואס, ברודער : נעהם און עפען דאס בוך ניט זוכענדיג, וואו עס וועט זיך עפענען, דארט לעז !

איך האב געעפענט דאס בוך און בין צומישט געווארען : מיר איז אריינגעפאלען „די צוואה". איך האב געהאט געוואלט איבערמי־שען א בלאט, נור פאסינקאוו האט באמערקט מיין בעוועגונג און שנעל ארויסגערעדט : „ניין, ניין, ניין, לעז דארט, וואו עס האט זיך געעפענט.

איך האָב זיך ניט געקענט העלפען און איבערגעלעזען „די צוואה".

— א טהייערע זאַך ! — האָט געזאָגט פּאסינקאָוו, ווי נור איך האָב געענדיגט דעם לעצטען פערז — א טהייערע זאַך ! און מערק־ווירדיג — האָט ער צוגעזעצט נאָך א קורצען שווייג : — מערקוויר־דיג, גראדע איז דיר אויסגעפאלען „די צוואה"... מערקווירדיג !

איך האָב גענומען לעזען אַן אנדער געדיכט, נור פּאסינקאָוו האָט מיך ניט געהערט, געקוקט ערגעץ אין דער זייט, און א מאָל צוויי ווי־דערהאָלט : „מערקווירדיג !"

איך האָב אראָבגעלאָזען דאָס בוך אויף די קניע.

— געדענקסטו סאָפיא זלאטניצקאיא ? — האָט ער פּלוצים געפרעגט, זיך אומקעהרענדיג צו מיר.

איך בין רויט געוואָרען.

— ווי זאָל איך ניט געדענקען !

— זי האָט דאָך געהייראטה ?

— מיט אסאנאָוו'ן, שוין לאנג, לאנג. איך האָב דיר געשריע־בען וועגען דעם.

— יא, ווירקליך, האָסט געשריעבען. האָט ער, דער פאטער, ענדליך פאַרגעבען ?

— ער האָט איהר פאַרגעבען, אָבער אסאנאוו'ן האָט ער צו זיך ניט צוגעלאָזען.

— א איינגעשפּארטער אלטער ! נו, און וואָס הערט זיך, לעבען זיי גליקליך ?

— איך ווייס ווירקליך ניט... דאכט זיך, גליקליך. זיי וואָה־נען אין דאָרף, איך האָב זיי ניט געזעהן, נור איך בין פאַרבייגע־פאָהרען.

— און זיי האָבען קינדער ?

— זיי האָבען, דאכט זיך... אגב, פּאסינקאָוו ? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט אויף מיר א קוק געטהאָן.

— זיי זיך מודה, עס געדענקט זיך מיר, אז דו האָסט דאַן ניט געוואָלט ענטפערן אויף מיין פראגע : דו האָסט דאָך איהר געזאָגט, אז איך האָב זי געליעבט ?

— איך האָב איהר אַלעס געזאָגט, דעם גאנצען אמת... איך

האָב איהר אימער געזאָגט דעם אמת. זיך פאַרשטעלען פאַר איהר — וואָלט געווען אַ זינד!

פאסינקאָוו האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

— נו, און זאָג מיר — האָט ער ווידער אָנגעהויבען: — האָסטו זי שנעל אויפגעהערט צו ליעבען, אָדער ניט?

— ניט אזוי שנעל, אָבער איך האָב אויפגעהערט. וואָס טויג דאָס אומזיסטע זיפצען און אכצען.

פאסינקאָוו האָט זיך אומגעקעהרט צו מיר מיט'ן פּנים.

— און איך, ברודער, — האָט ער אָנגעהויבען — און זײַנע ליפּען האָבען גענומען ציטערען: — איך בין דיר ניט קיין פּאָאר: איך האָב זי ביז היינטיגען טאָג נאָך ניט אויפגעהערט צו ליעבען.

— ווי! — האָב איך אויסגערופען שטאַרק פערוואונדערט: — האָסטו זי דען געליעבט?

— יא, געליעבט — האָט לאנגזאם ארויסגערעדט פאסינקאָוו, און פארלייגט ביידע הענד הינטער'ן קאָפּ — ווי אזוי איך האָב זי גע־געליעבט, וויים נור איין גאָט. צו קיינעם אין דער וועלט, האָב איך וועגען דעם ניט גערעדט, און האָב ניט געוואָלט צו קיינעם ריידען... נור, אַז עס האָט זיך שוין יא אזוי געמאַכט!... „ווייניג, זאָגט מען, איז מיר פערבליעבען צו לעבען אויף דער וועלט"... מילא, זאָל זיין!...

פאסינקאָוו'ס אונערוואַרטעטע ערקלעהרונג האָט מיך אזוי פּער־וואונדערט, אַז איך האָב איינפאַך גאָרניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען און האָב נור געטראַכט: „איז עס מעגליך? ווי אזוי האָב איך דאָס גאָרניט בעמערקט?"

— יאָ — האָט ער פאַרטגעזעצט, ווי ריידענדיג צו זיך אליין: — איך האָב זי געליעבט. איך האָב זי ניט אויפגעהערט צו ליעבען אפילו דאַן, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז איהר הארץ געהערט צו אסאַנאָוו'ן. אָבער שווער איז מיר געווען עס צו ערפאַהרען! ווען זי וואָלט כאָטש דיך געליעבט, וואָלט איך זיך, אם ווייניגסטען גע־פרעהט פאַר דיר: אָבער אסאנאָוו... מיט וואָס האָט ער איהר גע־קענט געפעלען וועהרען? זיין גליק! און אונטריי וועהרען איהר גע־פיהל, אויפהערען צו ליעבען האָט זי שוין ניט געקענט. אַן עהרליכע נשמה בייט זיך ניט...

איך האָב זיך דערמאנט אָן אסאנאָוו'ס בעזוך נאָך יענעם אונ־גליקליכען מיטאָג, אָן פאסינקאָוו'ס ארייננמישען זיך, און ניט ווי־לענדיג א פאטש געטהאָן מיט די הענד.

— און דאָס האָסטו אַלעס ערפאהרען דורך מיר, דו אָרימער!

— האָב איך א געשריי געטהאָן: — און דו האָסט זיך נאָך דאן אונ־טערגענומען צו געהן צו איהר!

— יאָ — האָט געזאָגט פאסינקאָוו: — די דאָזיגע ערקלעהרונג מיט איהר... וועל איך קיין מאָל ניט פארגעסען. אָט ווען איך האָב דערוואוסט, אָט ווען איך האָב פערשטאַנען דעם זין פון דעם וואָרט „רעזיגנייששאָן". נור דאָך איז זי געבליעבען מיין שטענדיגער טרוים, מיין אידעאַל... און וועה איז דעם, ווער עס לעבט אָהן א אי־דעאַל!

איך האָב געקוקט אויף פאסינקאָוו'ן: זיינע אויגען, ווי אין דער ווייטקייט אויסגעשטרעקטע, האָבען געבליטשטשעט מיט א פיבערהאַפ־טען גלאַנץ.

— איך האָב זי געליעבט — האָט ער ווייטער גערעדט: — איך האָב זי געליעבט, זי, די רוהיגע, עהרליכע, שטאָלצע, אונער־רייכבארע, . . . ווען זי איז אוועקגעפאָהרען, בין איך שיער פון זינען אראָב פון שמערץ... פון דאן אָן האָב איך שוין קיינעם ניט געליעבט...

און פלוצים, אָבקעהרענדיג זיך, האָט ער צוגעדריקט דעם פּנים צום קישען און זיך שטיל צו־וויינט.

איך בין אויפגעשפרונגען, צוגעבויגען זיך צו איהם און גענומען איהם טרייסטען...

— עס איז גאָרנישט — האָט ער ארויסגערעדט, אויפהייבענ־דיג דעם קאָפּ און א טרייסעל טהאָן'דיג מיט די האָאר: — דאָס איז אזוי; אביסעלע ביטער געוואָרען אויף'ן הארצען, אביסעלע רחמנות געקראָגען... אויף זיך אַליין הייסט עס... אָבער דאָס איז אַלץ גאָרנישט. די געדיכטע זיינען אין דעם אַלעמען שולדיג. לעז מיר אקארשט איבער אנאנדער, פרעהליכערע.

איך האָב גענומען לערמאָנטאָוו'ן, אָנגעהויבען בלעטערען די זייטלאָך; נור עפּעס, ווי אויף צו להכעיס זיינען מיר אין די הענד געקומען אַלץ אזעלכע געדיכטע, וואָס האָבען געקענט אויפרעגען פּא־

סינקאָוו'ן. צום סוף האָב איך איהם איבערגעלייענט „טערעק'ס מתנות".

— שטראַם־גראַם ! — האָט ארויסגערעדט מיין אַרימער פריינד מיט דעם טאָן פון אַ לעהרער : — מאַנכע פלעצער זיינען גוט. איך, ברודער, האָב אויך פּרובירט זיך אריינלאָזען אין פּאָעזיע און האָב אָנגעהויבען צו שרייבען אַ געדיכט „דער בעכער פון לעבען !" ס'איז גאָרנישט ארויסגעקומען ! אונזער זאַך, ברודער, איז מיטצופיהר־לען, אָבער ניט שאַפען... דאָך, איך בין עפּעס מיעד ; וועל כאַפּען אַ דרעמעל אויף אַ ווייל — ווי דענקסטו ? עך, וואָס פאַר אַ טהייערע זאַך דער שלאָף איז ! אונזער גאַנצער לעבען איז אַ חלום, און דאָס בעסטע אין איהם איז ווידער אמאָל אַ חלום.

— און די פּאָעזיע ? — האָב איך געפרעגט.

— די פּאָעזיע איז אויך אַ חלום, נור אַ הימעלשער.

פּאַסינקאָוו האָט צוגעמאַכט די אויגען.

איך בין נאָך אַ ווײלע געשטאַנען ביי זיין בעט. איך האָב ניט געדענקט, אז ער זאָל קענען אזוי גיך איינשלאָפען, דאָך איז זיין אטהעם געוואָרען אַלץ רוהיגער און לייגגער. איך בין אויף די שפּיץ־פינגער ארויסגעגאַנגען, צוריקגעקעהרט אין מיין צימער און זיך גע־לייגט אויף דער זאָפע. לאַנג האָב איך געטראַכט דערפון, וואָס פּאַ־סינקאָוו האָט מיר געזאָגט, האָב זיך אָן פיעלעס דערמאָנט. פון פיעלעס געוואונדערט, צום סוף בין איך אליין אויך איינגעשלאָ־פען . . .

אימעצער האָט מיך אַ טרייסעל געטהאָן ; איך האָב זיך אויפ־געכאַפּט : פאַר מיר איז געשטאַנען יעליסעיי.

— זייט זיך מטריח צום פריץ — האָט ער געזאָגט.

איך בין גלייך אויפגעשטאַנען.

— וואָס איז מיט איהם ?

— ער רעדט פון היץ.

—פון היץ ? און פריהער האָט עס מיט איהם ניט פּאַסירט ?

— ניין, נעכטען האָט ער אויך גערעדט פון היץ, נור היינט איז עפּעס מורא'דיג.

איך בין אריין אין פּאַסינקאָוו'ס צימער. ער איז ניט געלעגען, נור געזעסען אויף זיין בעט, אויסבויגענדיג זיך מיט דעם גאַנצען

קערפּער אין פאַראַוים, האָט שטיל געמאַכט מיט די הענד, געשמיי־בעלט און גערעדט, אַלץ גערעדט מיט אַ שוואַכען קלאַנגלאָזען קול, ווי דער גערויש פון אַ וואַסערל. זיינע אויגען האָבען געבלאַנדזשעט. דער אומעטיגער שיין פון'ם נאַכט־לעמפּעלע, וועלכער איז געשטאַ־נען אויף דער פּאָדלאָגע פאַרשטעלט מיט אַ בוך, איז געלעגען, ווי אַ אונבעוועגליכער פלעק אויף דעם באַלקען; פאַסינקאָוו'ס פּנים האָט אויסגעזעהן נאָך בלייכער אין דער דאָזיגער האַלב־פינסטערניש.

איך בין צו איהם צוגעגאַנגען, איהם אַ רוף געטהאָן — ער האָט זיך ניט אָבגערופען. איך האָב זיך גענומען צוהערען צו זיין פּלאַפּ־לערײ: ער האָט גערעדט פון סיביר, און די דאָרטיגע וועלדער. ציי־טענווייז איז אין זיינע צומישטע רייד געוועזן אַ געדאַנק.

— וואָס פאַר אַ בוימער! — האָט ער געשעפּטעצט: — ביז'ן סאַמע הימעל. וויפיעל טהוי עס ליגט אויף זיי! זילבער... קאַנאַ־ווען... און אָט זיינען קליינע סמנים... דאָ האָט אַ קליין האַזעל געשפּרונגען, דאָס איז ווייסער הערמעלין... ניין, דאָס איז מיין פאַטער דורכגעלאָפען מיט מיינע פּאַפּירען. אָט איז ער... אָט איז ער! מען דאַרף געהן; די לבנה שיינט. מען דאַרף געהן, אויס־געפינען די פּאַפּירען. אַה! אַ בלום, אַ רויטע בלום — דאָרט איז סאָפיא... אָט, קלינגען די גלעקלאַך, דאָס קלינגט דער פראָסט... אָך, ניין; דאָס זיינען די נאַרישע סניעגירען, זיי שפּרינגען דאָס צווישען די בושעס, פּייפען... קאַלט... אַה! אָט איז אַסאַ־נאָוו... אָך יאָ, ער איז דאָך אַ קאַנאָנע — אַ מעשענע־קאַנאָנע, און אַ לאַפּעט האָט ער אַ גרינעם. אָט דערפאַר געפעלט ער עס אַזוי. אַ שטערן איז אַראָבגעפאַלען? ניין, דאָס פליהט אַ קויל... אָך, ווי שנעל, און גלייך מיר אין האַרצען אַריין!... ווער האָט עס אויסגע־שאָסען? דו, סאַנענשקאַ?

ער האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ און גענומען שעפּטצען ווערטער אָהן אַ צוזאַמענהאַנג. איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף יעליסעיי'ן, ער איז געשטאַנען, פאַרלייגט די הענד הינטער'ם רוקען און רחמנות'דיג געקוקט אויף זיין הערן.

— און דו, ברודער, ביזט געוואָרען אַ פּראַקטישער מענש? — האָט ער פּלוצים געפרעגט אַ קוק טהאָנדיג אויף מיר מיט אַזאַ ליכטיגען, אַזאַ בעוואוסטען בליק, אַז איך האָב ניט ווילענדיג אַ ציטער געטהאָן,

און געהאט געוואלט ענטפערן, נור ער האט גליך פארטגעזעצט. — און איך, ברודער, בין ניט געווארען קיין פראקטישער מענש, ניין, וואס קען מען זיך העלפען! איך בין געבארען א טרוימער, יא א טרוימער! א טרוים, א טרוים... וואס איז אזוינס א טרוים? סאבאקעוויטש'עס פויער — דאס איז א טרוים. עך!...

כמעט ביז אין דער פריה האט פאסינקאוו געברעדיעט; צום סוף, איז ער ביסלאכווייז אנשוויגען געווארען, האט זיך אראבגע־לאזען אויף דער קישען און איינגעדרעמעלט. איך האב זיך אומגע־קעהרט צו זיך אין צימער. א אויסגעמאטערטער פון דער שרעקליכער נאכט, בין איך פעסט איינגעשלאפען.

יעליסעיי האט מיך ווידער אויפגעוועקט.

— אך, טאטעלע! — האט ער געמומען ריידען מיט א ציטערענ־דען קול: — מיר דאכט זיך, יאקאב איוואניטש שטארבט...

איך בין אוועקגעלאפען צו פאסינקאוו'ן. ער איז געלעגען אונ־בעוועגליך פאר דעם פריה־מארגעדיגען שיין האט ער אויסגעוויזען, ווי א מת. ער האט מיך דערקענט.

— לעב וואהל — האט ער ארויסגעשעפטשעט: — גיעב איהר אב א גרוס, איך שטארב...

— יאשא! — האב איך א געשריי געטהאן: — הער אויף! דו וועסט לעבען...

— ניין, ווי קומט! איך שטארב... אט, נעהם דאס צו אלס אנדענקען... (ער האט אנגעוויזען מיט דער האנד אויף דער ברוסט)...

— וואס איז דאס? — האט ער פלוצים גענומען ריידען: זעה נור: דער ים... אין גאנצען א גאלדענער, און איבער איהם העל־בלויע אינזלען, מארמארנע טעמפלען, פאלמען... וויירויך...

ער איז אנשוויגען געווארען... האט זיך א ציה געטהאן...

אין א האלבע שעה ארום איז ער אויסגעגאנגען. יעליסעיי האט זיך מיט א יאמער אווארף געטהאן צו זיינע פיס. איך האב איהם די אויגען צוגעמאכט.

ביי איהם אויף דער האלז איז געהאנגען א קליינער, זיידענער וויה־רויך קראנצעל אויף א שווארצען שנירעל. איך האב עס גענומען צו זיך.

אויף דעם דריטען טאָג האָט מען איהם צו קבורה געבראכט... דאָס עדעלסטע הארץ איז אויף אייביג פערלאָרען געגאנגען — אין קבר! איך אליין האָב אויף איהם ארויפגעוואָרפען דעם ערשטען הויפען ערד.

III.

עס זיינען אוועק נאָך אנדערהאלבען יאָהר. צוליעב געשעפטען האָב איך געמוזט קומען צו פאָהרען קיין מאָסקווע. איך האָב זיך דאָרט באזעצט אין איינער פון די בעסערע גאסטהייזער. איינמאָל, דורכגעהענדיג דורך'ן קאָרידאָר, האָב איך א קוק געטהאָן אויף דער שווארצער ברעט מיט די נעמען פון די פארבייפאָהרער, און האָב שיער ניט א געשריי געטהאָן פאר איבערראשונג: אנטקעגען דעם נומער 12 איז געשטאנען, דייטליך מיט קרייד פערצייכענט, דער נאָמען סאָפיא ניקאלאיעוונא אסאנאָוונא. אין דער לעצטער צייט האָב איך צופעליג געהערט פיעל שלעכטעס וועגען איהר מאַן; האָב זיך דערוואוסט, אז ער שיכורט, שפּיעלט אין קאָרטען, האָט זיך רואינירט, און פיהרט זיך אין אלגעמיין שלעכט אויף. וועגען זיין פרוי האָט מען גערעדט מיט אכטונג... אָן אויפגערעגטער האָב איך זיך צוריקגעקעהרט צו זיך אין צימער. די לאנג-לאנג אָבגעקיהלטע ליידענשאַפט האָט עפּעס ווי ערוואכט און דאָס הארץ האָט גענומען קלאַפּען. איך האָב זיך בעשלאָסען אריבערצוגעהן צו סאָפיא ניקאלאיעוונא'ן. „אזוי פיעל צייט איז פערפלאָסען פון דעם טאָג פון אונזער צושיידונג" האָב איך געטראכט: „זי האָט, וואהרשיינליך, פארגעסען אלעס, וואָס איז דאן פאָרגעקומען צווישען אונז."

איך האָב צו איהר געשיקט יעליסייע'ן, וועלכען איך האָב נאָך פּאסינקאָוו'ס טויט צוגענומען צו זיך אין דיענסט, מיט א וויזיט-קארטעל, און געהייסען פרעגען אויב זי איז אין דערהיים, און צו איך קען זי זעהן. יעליסעיי האָט זיך שנעל צוריקגעקעהרט און מיר געלאָזט וויסען, אז סאָפיא ניקאלאיעוונא איז אין דערהיים און נעהמט צו געסט.

איך בין אוועק צו סאָפיא ניקאָלאיעוונאַ'ן. ווען איך בין אריין צו איהר, איז זי געשטאַנען אין מיטען צימער און זיך געזעגענט מיט עפּעס א הויכען, פעסט געבויטען העררן. „זאָגט וואָס איהר ווילט, — האָט ער גערעדט מיט א הויכען, גראָבען קול: — „ער איז ניט קיין אונשעדליכער מענש, ער איז אַ אוננוצליכער מענש: און יעדער אוננוצליכער מענש אין אַ גוט איינגעאָרדנעטער געזעלשאַפט איז שעד־ליך, שעדליך, שעדליך!"

מיט דיעזע ווערטער איז דער הויכער הערר ארויסגעגאַנגען. סאָ־פיא ניקאָלאיעוונא האָט זיך געווענדעט צו מיר.

— ווי לאַנג מיר האָבען זיך שוין ניט געזעהן! — האָט זי געזאָגט — זעצט זיך, איך בעט אייך...

מיר האָבען זיך געזעצט. איך האָב אויף איהר א קוק געטהאָן... דערזעהן נאָך א לאַנגער צושיידונג די שטריכען פון'ם פּנים, וועלכער איז מיר אַמאָל געוועזן אזוי ליעב, אזוי טהייער, האָב איך זיי אי דערקענט אי ניט דערקענט. דורך דער פריהערדיגער, נאָך אַלץ ניט פארגעסענער געשטאַלט — האָט עפּעס ווי ארויסגעקוקט אַן אנדערע, כאָטש עהנליכע, נור פרעמדע; אויגענבליקליך האָב איך כמעט ניט ווילענדיג באַמערקט די סמנים, וואָס די צייט האָט אויף איהר ארויפגעלייגט — און מיר איז אומעטיג געוואָרען אויף'ם הארצען. „און איך האָב זיך, וואהרשיינליך, אויך אַזוי פארענדערט", האָט געטראַכט יעדער פאַר זיך...

אויגענבליקליך איז סאָפיא ניקאָלאיעוונא ניט פיעל עלטער גע־וואָרען; נור ווען איך האָב זי געזעהן צום לעצטען מאָל, איז איהר נור וואָס געוואָרען זעכצעהן יאָהר, און פון דאַן אָן זיינען אוועק ניין יאָהר. איהרע געזיכטסציגע זיינען געוואָרען נאָך גלייכמעסיגער און שטרייננגער; זיי האָבען ווי פריהער אויסגעדריקט און פעסטקייט, נור אנשטאָדט דער פריהערדיגער רוהיגקייט, האָט זיך אין זיי געזעהן עפּעס א מין פארבעהאַלטענער ווערטאָג און אונרוהיגקייט. איהרע אויגען זיינען טיעפער און דונקעלער געוואָרען. זי האָט גענומען עהנ־ליך ווערען צו איהר מוטער...

סאָפיא ניקאָלאיעוונא האָט די ערשטע גענומען ריידען.

— מיר האָבען זיך ביידע געענדערט — האָט זי אָנגעהויבען. — וואו זייט איהר געוועזן די גאַנצע צייט?

— איך האב געוואנדערט וואו עס איז — האב איך געענטפערט
— און איהר האט די גאנצע צייט געוואהנט אין דארף ?
— מעהרסטען טהיילס אין דארף. דא בין איך אויך נור פאר־בייפאהרענדיג.
— וואס מאכען אייערע עלטערן ?
— די מוטער איז געשטארבען, און דער פאטער איז נאך אלץ אין פעטערסבורג ; דער ברודער דיענט ; וואריא וואהנט מיט זיי.
— און אייער מאן ?
— מיין מאן ? — האט זי גענומען ריידען מיט א עטוואס גע־איילטען קול : — ער איז איצט אין זיד־רוסלאנד, אויף די יאהר־מארקען. ער האט, ווי איהר ווייסט, שטענדיג ליעב געהאט פערד, און האט ביי זיך געמאכט א זאוואד פון פערד... איז צוליעב דעם איז ער דארט... ער קויפט איצט איין פערד.
אין דיעזען אויגענבליק איז אין צימער אריין א מיידעלע פון א יאהר אכט, פארקאמט אויף דעם כינעזישען שטייגער, מיט זעהר א שארף און לעבעדיג פנים'ל, מיט גרויסע דונקעל־גרויע אויגען. דערזעהן מיך, האט־זי זיך גלייך פארנייגט און איז צוגעגאנגען צו סאפיא ניקאלאיעוונא'ן.
— אט, איך וועל אייך פארשטעלען, מיין טאכטער'ל — האט געזאגט סאפיא ניקאלאיעוונא, אננעהמענדיג דאס מיידעל מיט א פינגער פאר דער קיילעכדיגער מארדקע : — האט בשום אופן ניט געוואלט בלייבען אין דערהיים — האט מיך איינגעבעטען זי צו נעה־מען מיט זיך.
דאס מיידעלע האט אויף מיר א בליק געטהאן מיט איהר פלינקע אויגעלאך און זיך קוים פארשמורעט.
— זי איז ביי מיר א וואהל קינד — האט ווייטער גערעדט סא־פיא ניקאלאיעוונא : — האט פאר קיין זאך ניט מורא. און לערענט זיך גוט ; דערפאר מוז איך איהר לויבען.
— ווי איז דעם הערען'ס נאמען ? — האט אין דער שטיל גע־פרעגט דאס מיידעלע, איינבויגענדיג זיך צו דער מוטער.
סאפיא ניקאלאיעוונא האט מיך אנגערופען. דאס מיידעל האט אויף מיר ווידער א קוק געטהאן.
— ווי רופט מען אייך ? — האב איך זי געפרעגט.

— מיך רופט מען לידיא — האט געענטפערט דאס מיידעלע, קוקענדיג דרייסט מיר אין די אויגען.

— אייך מוז מען, הפנים, שטארק באלעווען — האב איך באַ־מערקט.

— ווער באלעוועט מיך ?

— וואס הייסט ווער ? איך דיינק אלע, אנהויבענדיג פון אייע־רע עלטערן. (דאס מיידעלע האט א קוק געטהאן אויף איהר מוטער.) איך שטעל מיר פאר, קאנסטאנטין אלעקסאנדראוויטש —האב איך פארטגעזעצט . . .

— יא, יא — האט אונטערגעכאפט סאפיא ניקאלאיעוונא, בעת די טאכטערל האט ניט אראבגענומען פון איהר אן אויפמערקזאמען בליק : — מיין מאן, געווים . . . ער האט זעהר ליעב קינדער . . .

א מערקווירדיגער אויסדרוק האט זיך א מינע געטהאן אויף לי־דיא׳ם קלוג פנים׳ל. איהרע ליפעלאך האבען זיך לייכט אנגעבלאזען ; זי האט אראבגעלאזען די אויגען.

— זאגט נור — האט שנעל צוגעזעצט סאפיא ניקאלאיעוונא : — איהר זייט דאך דא וועגען געשעפט ?

— יא, וועגען געשעפט . . . און איהר אויך ?

— איך אויך . . . אין דעם מאן׳ס אבוועזענהייט, קומט ניט ווי־לענדיג, אוים זיך צו פארנעהמען מיט געשעפטען.

א ווײלע האבען מירביידע געשוויגען.

— זאגט מיר, איך בעט אייך — האט ווידער אנגעהויבען סאַ־פיא ניקאלאיעוונא : — איך געדענק, איהר האט געהאט אפריינד . . . ווי האט מען איהם גערופען ? . . . ער האט געהאט אזא גוטען פנים . . . ער האט אלץ געלייענט גערדיכטע ; אזא בעגייסטערטער . . .

— מיינט איהר אפשר פאסינקאוו׳ן ?

— יא, פאסינקאוו . . . וואו איז ער איצט ?

— ער איז געשטארבען.

— געשטארבען ? — האט ווידערהאלט סאפיא ניקאלאיעוונא : עס טהוט מיר לייד ! . . .

— איך האב איהם געזעהן ? — האט שטיל געפרעגט דאס מיידעלע.

— ניין, לידיא, האָסט איהם ניט געזעהן. עס טהוט מיר לייד!

— האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט סאָפיא ניקאָלאיעוונא.

— — איהר בעדויערט איהם. — האָב איך אָנגעהויבען:

— אָבער ווען איהר וואָלט איהם געקענט אַזוי ווי איך האָב איהם געקענט?... אָבער ערלויבט מיר צו פרעגען: פארוואָס האָט איהר עפּעס אָנגעהויבען צו ריידען גראַדע וועגען איהם?

— אַזוי, איך וויים ווירקליך ניט... (סאָפיא ניקאָלאיעוונא האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען) — לידיא — האָט זי צוגעזעצט: — געה צו דיין ניאַניע.

— דו וועסט מיך רופען, ווען מען וועט קענען? — האָט געפרעגט דאָס מיידעלע.

— יאָ.

דאָס מיידעלע איז ארוים. סאָפיא ניקאָלאיעוונא האָט זיך געווענדעט צו מיר.

— דערצעהלט מיר, איך בעט אייך, אַלעס וואָס איהר ווייסט פון פאסינקאָוו'ן.

איך האָב גענומען דערצעהלען. איך האָב אויסגעמאָהלען, אין קורצע שטריכען, דאָס גאַנצע לעבען פון מיין פריינד, האָב זיך געסטאַרעט, אויף וויפיעל איך האָב געקענט, איבערצוגעבען זיין נשמה, האָב בעשריעבען זיין לעצטע באַגעגעניש מיט מיר, זיין סוף.

— און אַט וואָס פאַר אַ מענש — האָב איך אויסגעשריען, ענדיגענדיג מיין ערצעהלונג: — איז אוועק פון אונז, אַ אונבעמערקטער, כמעט אַ ניט אָבגעשאַצטער! נור דאָס וואָלט נאָך ניט געווען קיין גרויסער אונגליק. וואָס איז ווערטה די מענשליכע אָבשעצונג? אָבער וואָס מיר טהוט וועה, וואָס מיך בעליידעגט איז דאָס, וואָס אַזאַ מענש, מיט אַזאַ ליעבענדע איבערגעבענע הארץ, איז געשטאָרבען, ניט פיהלענדיג קיין מאָל דאָס גליק פון געגענזייטיגער ליעבע, ניט ערוועקענדיג קיין מיטגעפיהל אין קיין איין פרויען־הארץ, וואָס זאָל איהם ווערטה זיין!... מעג אונזערער אַ ברודער ניט האָבען דאָס דאָזיגע גליק: ער איז עס סיי ווי סיי ניט ווערט; אָבער פאסינקאָוו!... און דערביי האָב איך דען ניט געטראָפען טויזענדער מענשען, וועלכע האָבען זיך בשום אופן ניט געקענט פערגלייכען מיט איהם, דאָך האָט מען זיי געליעבט? שוין זשע זאָל דאָס זיין אמת,

אז מאנכע פעהלערן אין דעם מענשען — למשל, דאָס האַלטען פון זיך אָדער לייכטזיניגקייט — זיינען נויטיג, אום די פרוי זאָל זיך צו איהם צובינדען ? אָדער האָט די ליעבע מורא פאר דער פאָלקאָמענ־הייט, ווי פאר עטוואָס פרעמדעס און שרעקליכעס פאר איהר ?

סאָפיא ניקאָלאיעוונא האָט מיך אויסגעהערט ביז'ן סוף, ניט אראָבלאָזענדיג פון מיר איהרע שטרענגע און דורכדרינגענדע אויגען און ניט עפענענדיג די צוזאמענגעדריקטע ליפּען; נור די ברעמען איה־רע האָבען זיך ווען ניט ווען געקנייטשט.

— ווארום דענקט איהר — האָט זי געזאָגט, שוויינענדיג א וויי־לע: — אז אייער פריינד האָט קיין איין פרוי ניט געליעבט ?

— ווייל איך וויים עס, וויים עס אויף זיכער.

סאָפיא ניקאָלאיעוונא האָט געוואָלט עפּעס זאָגען און האָט זיך אָבגעשטעלט. זי האָט, קענטיג, געקעמפּפט מיט זיך אליין.

— איהר האָט א טעות — האָט זי ענדליך גענומען רײדען: — איך קען א פרוי, וועלכע האָט הייס געליעבט אייער זעליגען פריינד; זי ליעבט און געדענקט איהם נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג... און די נאַכריכט װעגען זיין טויט וועט איהר טרעפען, ווי א דונער.

— ווער איז די דאָזיגע פרוי ? ערלויבט מיר צו וויסען ?

— מיין שוועסטער, ווארוא.

— ווארוואַרא ניקאָלאיעוונא ! — האָב איך אויסגעשריען אי־בערראשט.

— יא.

— ווי ? ווארוואַרא ניקאָלאיעוונא ? — האָב איך געזאָגט נאָך אמאָל: — דיעזע...

— איך וועל דערזאָגען אייער געדאנק — האָט פאָרטגעזעצט סאָ־פיא ניקאָלאיעוונא: — דיעזע קאַלטע, גלייכגילטיגע, נאָך אייער מיינונג, פארשלאָפענע מיידעל האָט געליעבט אייער פריינד און דער־פאר האָט זי ניט געהייראטה און וועט קיין מאָל ניט הייראטען. ביז'ן היינטיגען טאָג בין איך געוועזן די איינציגע, וואָס האָט דערפון גע־וואוסט: ווארוא וואָלט גיכער געשטאָרבען, איידער ארויסגעבען איהר געהיימניס. אין אונזער פאמיליע קענען מיר שווייגען און ליידען.

איך האָב לאנג און אויפמערקזאם א קוק געטהאָן אויף סאָפיא

ניקאָלאיעוונא'ן, טראַכטענדיג ניט ווילענדיג וועגען דער ביטערער בע־דייטונג פון איהרע לעצטע ווערטער.

— איהר האָט מיך איבעראשט — האָב איך ענדליך ארויסגע־בראכט — נור ווייסט איהר וואָס, סאָפיא ניקאָלאיעוונא, ווען איך זאָל ניט מורא האָבען ערוועקען אין אייך קיין אונאנגענעהמע ערינע־רונגען, וואָלט איך, פון מיין זייט, אייך געקענט מיט עטוואָס אי־בעראשען...

— איך פערשטעה אייך ניט — האָט זי געענטפערט לאנגזאם און מיט א געוויסער פערלעגענהייט.

— איהר פארשטעהט מיך ווירקליך ניט — האָב איך געזאָגט זיך שנעל אויפהייבענדיג: — און דערפאר ערלויבט מיר אנשטאנד אַן ערקלעהרונג, אייך צו שיקען א געוויסע זאך...

— אָבער וואָס איז עס אזוינס ?

— בעאונרוהיגט זיך ניט, סאָפיא ניקאָלאיעוונא, די רייד איז דאָ ניט וועגען מיר.

איך האָב זיך פערנייגט און צוריקגעקעהרט אין מיין צימער, האָב איך גענומען דאָס ווייה־רויך קראַנצעל, וואָס איז מיר פארבליעבען פון פאסינקאָוו'ן, און עס געשיקט צו סאָפיא ניקאָלאיעוונא'ן מיט דעם פאָלגענדען צעטעלע:

„דאָס דאָזיגע קרענצעל האָט מיין זעליגער פריינד שטענדיג גע־טראָגען אויף זיין ברוסט און איז מיט דעם אויסגעגאנגען. אינעווע־ניג אין איהם געפינט זיך אייער'ס א צעטעלע צו איהם, א גאנץ אונ־וויכטיגער נאָך'ן אינהאַלט נאָך; איהר קענט איהם איבערלעזען. ער האָט דעם דאָזיגען צעטעלע געטראָגען ביי זיך, ווייל ער האָט אייך ליידענשאפטליך געליעבט, אין דעם האָט ער זיך פאר מיר מודה גע־ווען ערשט א טאָג פאר זיין טויט. איצט, ווען ער איז שוין טויט, מעגט איהר וויסען, אז אויך זיין הארץ האָט געהערט צו אייך."

יעליסעיי האָט זיך באלד אומגעקעהרט און מיר צוריקגעבראכט דאָס קראַנצעל.

— נו, וואָס ? — האָב איך געפרעגט : — האָט זי דיר גאָר־ניט געהייסען מיר זאָגען ?

— גאָרנישט.

— האָט זי איבערגעלעזען מיין צעטעלע ?

— מסתמא האָבען זיי איבערגעלעזען; זייער מיידעל האָט זיי דאָס צעטעלע אויפגעטראָגען.

— „אַ שטאָלצע, אונעררייכבארע" — האָב איך אַ טראַכט געטהאָן דערמאַנענדיג זיך אָן פּאסינקאָוו'ס לעצטע ווערטער. — נו, געה, — האָב איך געזאָגט אין דער הויך.

אויף'ן צווייטען טאָג בין איך ווידער אוועק צו סאָפיא ניקאָלאיעוונא'ן. מען האָט מיך געלאָזען ווארטען אין פאָרצימער, און ווען איך בין אריין אין גאסט־צימער איז לידיא שוין געזעסען נעבען איהר מוטער. איך האָב פערשטאַנען, אַז סאָפיא ניקאָלאיעוונא האָט ניט געוואָלט בענייען דעם נעכטיגען געשפּרעך.

מיר האָבען גענומען שמועסען — וועגען וואָס געדענק איך ווירקליך ניט, וועגען שמאָדטישע נייעס, וועגען געשעפטען... לידיא האָט אָפט אריינגעשטעלט אַ ווערטעל און ביטרע געקוקט אויף מיר. אַ קאָמישע וויכטיגקייט איז פּלוצים ארויסגעטראָטען אויף איהר בעוועגליכען פּנים'על . . . דאָס קלוגע מיידעלע האָט, וואהרשיינליך, זיך אָנגעשטויסען, אַז די מוטער האָט איהר אומיסטנע אוועקגעזעצט נעבען זיך.

איך בין אויפגעשטאַנען און גענומען זיך זעגענען. סאָפיא ניקאָלאיעוונא האָט מיך בעגלייט ביז דער טיר.

— איך האָב אייך נעכטען גאַרנישט געענטפערט — האָט זי געזאָגט, זיך אָבשטעלענדיג אויף'ן שוועל: — און אגב, וואָס האָט מען געקענט ענטפערען? אונזער לעבען היינגט ניט אָב פון אונז אליין; נור ביי אונז אַלעמען איז פאראן איין אנקער, פון וועלכען, אויב דו ווערסט אליין ניט וועלען, וועסטו זיך קיין מאָל ניט אראָברייסען: דאָס איז די פליכט.

איך האָב אָהן ווערטער אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ אַלס צייכען, אַז איך בין מיט איהר איינפערשטאַנדען, און האָב זיך געזעגענט מיט דער יונגער פּוריטאַנערין.

יענעם גאַנצען אבענד בין איך געבליעבען אין דערהיים, אָבער איך האָב ניט געטראַכט פון איהר: איך האָב געטראַכט, אַלץ געטראַכט פון מיין ליעבען און אונפערגעסליכען פּאסינקאָוו'ן — פון דיעזען לעצטען פון די ראָמאַנטיקער — און געפיהלט, דאַ אומעדיגע, דאַ צערטליכע זיינען מיט אַ זיסען וועהטאָג מיר אין דער ברוסט

אריינגעדרונגען, האָבען געקלאפּט אויף די סטרונעס פון דעם נאָך ניט גאָר אַלט געוואָרענעם הארצען... רוהע צו דיין שטויב, אונפּראקטישער מענש, גוטמוטהיגער אידעאליסט ! און זאָל גאָט געבען אַלע פּראקטישע העררן, וועמען דו ביזט שטענדיג פרעמד געווענזען, און וועלכע וועלען פיעלייכט איצט זיך אויסלאכען פון דיין שאָטען, זאָל זיי גאָט געבען צו פארזוכען כאָטש א הונדערטע טהייל פון יענע ריינע גענוסען, מיט וועלכע, אויף צולהכעים, דער שיקזאל און די מענשען, עס איז בעשיינט געוואָרען דיין אָרימעס און בעשיידענעם לעבען !



אנדרעי קאלאסאוו

אנדרעי קאָלאָסאָוו

אין א קליינעם, היבש־אויפגעפוצטען צימער זיינען ארום א קאַמין געזעסען עטליכע יונגע לייט. דער ווינטערדיגער אויף־דער־נאַכט איז געהאט נור־וואָס צוגעפאַלען; אויף'ן טיש האָט געקאָכט א סאַמאַוואר, דאָס געשפּרעך האָט זיך צו־ווארעמט און זיך געדרעהט ארום פּערשיעדענע ענינים. מען האָט אָנגעהייבען צו שמועסען וועגען אונגעוועהנליכע מענשען און וועגען דעם, מיט וואָס זיי אונטערשיידען זיך פון מענשען געוועהנליכע. יעדער פון די יונגע לייט האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג ווי אזוי ער האָט געקאָנט; די שטימען האָבען גענומען קלינגען העכער און עס איז געוואָרען א געפּילדער. איינער פון די אנוועזענדע, א בלייכער מאָן, ניט קיין הויכער, וועלכער האָט א לאַנגע צייט צוגעהערט זיך, טרינקענדיג טהעע און רויכערענדיג א סיגאַר'ל, צו דעם געפּילדער פון זיינע חברים, איז מיט אמאָל אויפגעשטאַנען און האָט זיך געווענדעט צו אונז (איך בין אויך געווען איינער פון די, וואָס האָבען אנטהייל גענומען אין דעם ויכוח) מיט די דאָזיגע ווערטער:

— מיינע העררן! אייערע אַלע טיעפזיניגע רייד זיינען שעהן אין א געוויסען זין, אָבער ארויסגעוואָרפען. ווי געוועהנליך, וועט יעדער זיך דערוויסען די מיינונג פון זיין געגנער און יעדער וועט בלייבען ביי זיין פריהערדיגער איבערצייגונג. אָבער מיר קומען זיך דאָך צונויף ניט דאָס ערשטע מאָל, ניט דאָס ערשטע מאָל פיהרען מיר די וויכוחים, און דערפאר, האָבען מיר דאָך מסתמא שוין לאַנג אונזערע מיינונגען ארויסגעזאָגט איינער פאר דעם אנדערן. היינט, פרעגט זיך, צו־וואָס ווידער ריידען, קאָכען זיך און דעבאַטירען?

און אָבגעזאָגט דאָס, האָט דער בלייכער מענשעל, אראָבגעטרייסעלט דאָס אַש פון זיין סיגאַר'ל אין קאַמין, פערזשמורעט זיינע

אויגען און רוהיג אַ שמייכעל געטהאָן. מיר אַלע זיינען אנטשוויגען געוואָרען.

— וואָס דען האָבען מיר, נאָך דיין מיינונג, געדאַרפט טהאָן ?

— האָט זיך אָנגערופען איינער פון אונז — אין קארטען שפּיעלען, וואָס ? געהן שלאָפען ? געהן אַהיים ?

— שפּיעלען אין קארטען איז אנגענעהם און שלאָפען איז ניצליך — האָט געענטפערט דער בלייבער מענשעל — און געהן אַהיים איז נאָך צו־פריה. אָבער איהר האָט מיך ניט פערשטאַנען. הערט אויס : איך מאַך אַ פאָרשלאַג, אַז, אויב שוין אַזוי, זאָל יעדער פון אונז אָפּשילדערען אַ וועלכע ניט־איז אונגעוועהנליכע פּערזאָן, דערצעהלען אונז זיינע אַ בעגעגעניש מיט אַ וועלכען ניט־איז מערקווירדיגען מענשען. גלויבט מיר, די ערגסטע ערצעהלונג האָט אַ סך מעהר זין פון דער בעסטער חקירה.

מיר האָבען זיך פערטראַכט.

— אַ מערקווירדיגע זאַך — האָט בעמערקט איינער פון די אנוועזענדע, אַ גרויסער וויצלינג : — אויסער זיך קען איך ניט קיין איין אונגעוועהנליכען מענשען, און מיין לעבען איז, דאַכט זיך, אייך אַלעמען גוט בעקאַנט. אגב, אויב איהר ווילט שטאַרק...

— ניין — האָט אויסגעשריען אַ צווייטער — מען דאַרף ניט ! דערצעהל דו — האָט ער צוגעלייגט, ווענדענדיג זיך צום בלייכען מענשעל : — דו האָסט אונז צומישט, דו האָסט דעם פאָרשלאַג געמאַכט, דאַרפסטו דער ערשטער דערצעהלען. אָבער, היט זיך, ווען דיין ערצעהלונג וועט אונז, חלילה ניט געפעלען, וועלען מיר דיך אויספייפען.

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבען קאמין, מיר האָבען זיך אַרומגעזעצט ארום איהם און געוואָרען שטיל. דער בלייבער מענשעל האָט אַ קוק געטהאָן אפריהער אויף אונז, דערנאָך אויף'ן סופיט און אָנגעהייבען אַזוי צו דערצעהלען :

— מיט צעהן יאָהר צוריק, מיינע העררן, בין איך געווען אַלס שטודענט אין מאָסקווע. מיין פאַטער, אַ וואָהלטהעטיגער גוטסבעזיצער פון דער סטעפּע, האָט מיך אָפּגעגעבען צו אַ דייטשען עקספּראָפעסאָר, וועלכער פאַר הונדערט רובעל אַ חודש האָט זיך אָנגענו־

מען צו געבען מיר עסען און טרינקען און אכטונג געבען, איך זאָל, חלילה, פון'ם גלייכען וועג ניט אראָב.

דער דאָזיגער דייטש האָט געהאַט אַ גאַנץ וואַשנעם אויסזעהן; לכתחילה האָב איך פאַר איהם היבש מורא געהאַט. אָבער אין איין שעהנעם אויף־דער־נאַכט, צוריקקעהרענדיג זיך אַהיים, האָב איך מיט גוואַלדיגער התפעלות דערזעהן מיין ערציהער, זיצענדיג מיט אַ דריי־פיער חברים ארום רונדען טיש, אויף וועלכען עס איז גע־שטאַנען אַ היבש ביסעל אויסגעלעדיגטע פלעשער און ניט־דערטרונקע־נע גלעזער. דערזעהענדיג מיך, האָט מיין ווירדיגער ערציהער זיך אויפגעהויבען און, מאַכענדיג מיט די הענד און שטאַמלענדיג, מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער עהרליכער קאָמפּאַניע, וועלכע האָט מיר באַלד אויף'ן שטעל פאָרגעלייגט אַ גלאַז פּונש.

דאָס דאָזיגע אָנגענעהמע בילד האָט זעהר גוט געווירקט אויף מיר; מיין צוקונפט האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט גאָר אנדערש ווי פריהער. און ווירקליך: פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרען אַ פרייער פייגעל, מיין ערציהער האָט מיר ניט געוואגט צו שטערען; ער האָט געמאגט גאָט דאנקען, וואָס איך האָב איהם די ביינער ניט געבראָכען.

ער האָט געהאַט אַ ווייב, פון וועלכער עס האָט תמיד געשמעקט מיט רויך און אונגערקעס־ראַסעל; זי איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגע, האָט אָבער שוין ניט געהאַט קיין איין פאָדערשטען צאָהן אין'ם מויל. עס איז אַ בעוואוסטע זאַך, אַז אַלע דייטשקעס פערלירען זעהר גיך די דאָזיגע נויטיגע בעציערונג פון'ם מענשליכען קערפּער. איך דער־מאָן וועגען איהר בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט זיך ליידענשאַפטליך פערליעבט אין מיר און מיך שיער ניט איבערגעשטאָפּט מיט דער אכילה אויף טויט.

— צום ענין, צום ענין — האָבען מיר גענומען שרייען — צו מיינסטו ניט צו דערצעהלען דיינע אייגענע פּאַסירונגען?

— ניין, מיינע העררן! — האָט רוהיג געענטפערט דער בלייכער מענשעל — איך בין אַ געוועהנליכער בשר ודם. אַלזאָ, איך האָב געוואוינט ביי מיין דייטשען און זיך אויפגעפירט, ווי אַ פרייער פויגעל. אין אוניווערזיטעט בין איך געגאַנגען אָהן גרויסען חשק און אין דער־היים האָב איך אבסאָלוט גאָר נישט געטהאָן. אין אַ גאַנץ קורצע צייט

האָב איך זיך בעפריינדעט מיט אַלע מיינע חברים און מיט אַלעמען געווען אויף „דו".

צווישען מיינע נייע חברים איז געווען איינער, אַ גאַנץ אַנשטענדיגער און וואוילער יונג, דער זוהן פון אַן עקס־פּאָליציי־מייסטער. מען האָט איהם גערופען באַבאַוו. דער דאָזיגער באַבאַוו האָט אָפט גענומען געהן צו מיר און, הפנים, האָט מיך ליעב געקראָגען. און איך איהם . . . ווייסט איהר, ניט מען קען זאָגען, אַז איך האָב ליעב געהאַט און ניט, אַז איך האָב איהם ניט ליעב געהאַט, אַט אַזוי זיך . . .

איך דאַרף אייך בעמערקען, אַז אין גאַנץ מאָסקווע האָב איך ניט געהאַט קיין איין קרוב, אויסער אַן אַלטען אָנקעל, וועלכער האָט ביי מיר אַליין אָפט געלד געבעטען. איך בין ערגעץ ניט ארויסגעגאַנגען און בעזאָנדערס האָב איך פאַר פרויען מורא געהאַט; איך האָב איך אויסגעמיידט צו בעקאָנען זיך מיט די עלטערן פון מיינע אוניווערזיטעטס־חברים זינט איינער פון די דאָזיגע עלטערן האָט איינמאָל פאַר מיינע אויגען אָנגעריסען זיין זוהן פאַר די האָאָר דערפאַר, ווייל אַ קנעפּעל אויף זיין מונדיר האָט געפעהלט און ביי מיר אויף'ן מונדיר האָט גראַד אין יענעם טאָג געפעהלט עטליכע קנעפּלאַך . . .

אין פערגלייך מיט אַ סך פון מיינע חברים בין איך געווען רייך; דער פאַטער האָט מיר צייטענווייז צוגעשיקט קליינע פּעקעלאַך בלויע אַפּגעקראַכענע אסיגנאַציעס, און דעריבער האָב איך זיך אַליין געפיהלט ניט נור אונאַבהענגיג, נור איך האָב געהאַט אַנדערע, וואָס האָבען זיך געלעקט און גע'חנפה'ט צו מיר . . . וואָס זאָג איך — צו מיר! אפילו צו מיין הינטעלע ארמישקע'ן האָט מען זיך געלעקט און גע'חנפה'ט! . . .

אגב, האָב איך דאַן, ווי יעדער יונגער מענש, געוואָלט עפּעס, געריסען זיך צו עפּעס, געטרוימט וועגען עפּעס; איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דאַן אַליין קלאָר ניט געוואוסט, וואָס איך וויל.

היינט ווייס איך, וואָס מיר האָט דאַן געפעהלט: איך האָב געפיהלט מיין עלענדקייט, האָב געבענקט נאָך דער געזעלשאַפט פון לעבעדיגע מענשען; דאָס וואָרט — לעבען האָט געקלונגען אין מיין

נשמה און מיט דונקעלער בענקעניש האָב איך זיך צוגעהערט צו דעם דאָזיגען קלאנג . . .

— אין איין שעהנעם פריהמאָרגען איז באראוו געקומען צולויפען צו מיר אַ פערסאפעטער.

— אַ גרויסע נייס — האָט ער אויסגעשריען — האָסט געהערט ? קאָלאָסאוו איז געקומען צופאָהרען.

— קאלאסאוו ? ווער איז דער ?

— דו קענסט איהם ניט ? אנדריושא קאלאסאוו'ן ? קום, ברודערל, מיר וועלען אריבערגעהן צו איהם. נעכטען אבענד האָט ער זיך צוריקגעקעהרט.

— אָבער ווער איז ער ?

— אַן אונגעוועהנליכער מענש, ברודערל, קום צו איהם !

— אַן אונגעוועהנליכער מענש — האָב איך זיך אָנגערופען — געה דו אליין צו איהם. איך בלייב אין דער־היים. מיר קאָנען שוין אייערע אונגעוועהנליכע מענשען ! מסתמא עפּעס איינער אַ האלב־שיכור'ער גראמען־מאכער מיט אַן אייביג בעגייסטערטען שמייכעל !...

— אה, ניין, קאלאסאוו איז ניט אזא ! — האָט באבאוו אויסגעשריען.

איך האָב געוואָלט זאָגען באבאוו'ן, אז הערר קאלאסאוו האָט געדארפט פריהער קומען צו מיר ; אָבער, איך ווייס ניט ווארום, איך האָב געפאָלגט באבאוו'ן און בין מיט איהם אוועק. באבאָוו האָט מיך געבראכט אין איינם פון די סאמע שמוציגע, קרומע און שמאָלע הינטערגעסלאך פון מאָסקווע.

דאָס הויז, אין וועלכען קאלאסאוו האָט געוואָהנט, האָט אויסגעזעהן אַן אלט־פרענקישע. מיר זיינען ארויף אויף'ן הויף ; אַ דיקע פרוי האָט פונאנדערגעהאנגען גרעט אויף שטריקלאך, וואָס האָבען זיך געצויגען פון'ם הויז צום פארקאן . . . אויף די הילצערנע טרעפ האָבען קינדער געליארמט.

— צום פונקט ! צום פונקט ! — האָבען מיר געגומען געוואלדעווען.

— איך זעה, מיינע הערען, אז דאָס אנגענעהמע האָט איהר ניט ליעב, איהר האלט בלויז פון דאָס ניצליכע. מילא ! דורך אַ שמאָלען און פינסטערען דורכגאנג האָבען מיר זיך צולעצט דערשלעפּט צו קאָ־

לאסאוו'ס צימער; זיינען אריין. איהר, מיינע הערךן, מסתמא האָט מעהר אָדער וועניגער א בעגריף, וואָס אזוינס איז א צימער פון א שטודענט. גלייך פאר דער טיר אויף א קאמאדע איז געזעסען קאלאסאוו און גערויכערט א פּיפקע. ער האָט פריינדליך דערלאנגט באבאוו'ן א האנד און צו מיר האָט ער זיך העפליך א נייג געטהאָן. איך האָב א קוק געטהאָן אויף קאלאסאוו'ן און ער איז מיר באלד געפעלען געוואָרען. מיינע הערךן! באבאוו איז גערעכט: קאלאסאוו איז ווירקליך געווען אן אונגעוועהנליכער מענש. ער איז געווען א הויכער, א שלאנקער, א פלינקער און גאר ניט קיין מיאוס'ער. זיין פנים . . . איך האלט, מיינע הערךן, אז עס איז זעהר שווער אפּצומאָהלען עמיצענס א פנים. עס איז לייכט צו שילדערן איינציג־ווייז אלע בעזונדערע שטריכען פון א געזיכט; אָבער ווי אזוי גיט מען איבער דאָס אייגענטליכע פון א געזיכט, וואָס עס געהערט בלויז דעם פנים און ניט אנאנדערן?

— דאָס וואָס בייראן רופט אָן: "The music of the face"

—די מוזיק פון א פנים — האָט אריינגעוואָרפען איינער פון די צוהע־רער, א בלייכער הערר.

— יאָ־יאָ . . . און דעריבער וועל איך זיך בענוגענען מיט איין בעמערקונג: דאָס בעזונדערע אייגענטימליכקייט, וועגען וועלכע איך האָב ערשט גערעדט, האָט זיך אויסגעדריקט אויף קאלאסאוו'ס פנים אין א זאָרגלאָז־פרעהליכען און דרייסטען אויסדרוק און אין א זעהר חן'עוודיגען שמייכעל.

זיינע עלטערען האָט ער ניט גערעקט, האָט אן ערציהונג גע־קראָגען, א גראָשאָווע אין הויז ביי א ווייטען קרוב, וועלכען מען האָט פון דיענסט ארויסגעטריבען פאר כאבאר נעהמען.

בין זיין פופצעהן־יאָהריגען אלטער האָט ער געוואָהנט אין דאָרף, דערנאָך איז ער אריינגעפאלען אין מאָסקווע צו אן אלטער, טויבער גלח'טע, איז אָפּגעווען ביי איהר א יאָהר צוויי, אריינגעטראָ־טען אין אוניווערזיטעט אריין און אָנגעהויבען צו לעבען פון לעקציאָנען. ער האָט געגעבען לעקציאָנען אין היסטאָריע, געאָגראפיע און רוסישער גראמאטיקע, הגם אין די דאָזיגע וויסענשאַפטען איז ער אליין אויך ניט געווען שטארק בעהאוועגט; אָבער די פאָדערונגען פון די עהרווירדיגע סוחרים, וואָס האָבען איבערגעגעבען צו קאלאסאוו'ן

זייערע קינדער בילדען, זיינען אויך געווען זעהר בעשרענקטע.
קאלאסאוו איז געווען ניט שארפזיניג און ניט וויציג; אבער איהר, מיינע העררן, קענט זיך גאר ניט פארשטעלען, ווי גערן מיר האבען זיך אונטערוואָרפען דעם דאָזיגען מענשען. מיר האבען ממש אנגעקוואָלען פון איהם; זיינע ווערטער, זיינע בליקען, זיינע בעוועגונגען האבען געאטהעמט מיט אזא יוגענדליכען רייץ, אז אלע זיינע חברים זיינען פערליעבט געווען אין איהם ביז איבער די אויערען.

די פראָפעסאָרען האבען איהם געהאלטען פאר ניט א נארישען יונגען־מאן, „אבער אהן בעזונדערע פעהיגקייטען" און פאר א פוי־לענצער.

די אנוועזענהייט פון קאלאסאוו'ן אויף אונזערע ביינאכטיגע צו־זאמענקונפטען האט זיי לייטישער געמאכט: די הוליאנקעס אונזערע זיינען קיינמאל ניט אריבער דעם גרענעץ פון אנשטענדיגקייט; איז אונז אלעמען אמאל געוואָרען אומעדיג, האט די דאָזיגע האלב קינ־דערשע אומעדיגקייט אין זיין אנוועזענהייט זיך תמיד געענדיגט מיט א שטילען, אמאל גאנץ אינטערעסאנטען געשפרעך, זיין אומעדיג האט ער אונז לאנג ניט געלאזט. איהר שמייכעלט, מיינע העררן, — איך פערשטעה אייער שמייכעל: יא, אמת, א סך פון אונז האבען זיך שפעטער ארויסגעוויזען פאר היבשע גארנישטען! אבער די יו־גענד... די יוגענד...

Oh, Talk not to me of a name great in story,
The days of our youth are the days of our glory... *)

— האט ארויסגערעדט דער אייגענער בלייכער הערר.
— פפוי, טייפעל, וואס פאר א זכרון איהר האט! און אלץ פון ביירא'ן'ען! — האט בעמערקט דער ערצעהלער — קורץ, מיינע העררן, קאלאסאוו איז געווען די נשמה פון אונזער געזעלשאפט. איך האב זיך צו איהם צוגעבונדען אזוי שטארק, ווי דערנאך צו קיין איינציגער פרוי אפילו. און דאך נאך היינט אפילו שעהם איך זיך ניט מיט דער דאָ־

---

*) אה, רעד ניט צו מיר וועגען א גרויסען נאמען; די טעג פון אונזער יוגענד, זיי זיינען די טעג פון אונזער רוהם.

זיגער מערקווירדיגער ליעבע, — יאָ, ליעבע, וואָרום, ווי איך געדענק האָב איך דעמאָלט געליטען גענוג יסורים פון דער דאָזיגער ליעבע, צום ביישפּיעל, אייפערזוכט...

קאַלאַסאָוו האָט געליעבט אונז אַלעבען גלייך, אָבער בעזונדערס האָט ער געליעבט איינעם אַ בלאָנדען, שטילען און רוהיגען יונגען מאַן מיט׳ן נאָמען גאַווריל‌אָוו. מיט דעם דאָזיגען גאַווריל‌אָוו׳ן האָט ער זיך כמעט קיין מאָל ניט צושיידט, האָט זיך אָפּט מיט איהם גע׳סוד׳עט און פערלאָזען צוזאַמען מיט איהם מאָסקווא אַמאָל אויף גאַנצע צוויי־דריי טעג...

וואוהין זיי זיינען געפאָהרען, האָט קיינער ניט געוואוסט. קאַלאַסאָוו האָט ניט ליעב געהאַט, מען זאָל איהם אויספרעגען, און איך האָב זיך די גאַנצע צייט דעם קאָפּ געבראָכען, וואוהין ער האָט געקאָנט פאָהרען. ניט קיין פּשוטע נייגעריגקייט האָט מיך בעוועגט צו טראַכטען וועגען דעם; מיר האָט זיך געוואָלט זיין אויף גאַווריל‌אָוו׳ס פּלאַץ נעבען קאַלאַסאָוו׳ן און איך האָב איהם מקנא געווען, אייפערזיכטיג געווען צו איהם און בשום אופן ניט געקענט זיך ערקלעהרען, וואוהין און צו וועמען, און וואָרום ער פאָהרט אַרום מיט קאַלאַסאָוו׳ן.

אין דער אייגענער צייט האָט מען ביי קאַלאַסאָוו׳ן ניט געקענט בעמערקען קיין געמאַכטעס, קיינע אַרויפגעצויגענע כלומרשט געהיימע מינעס, מיט וועלכע עס פּוצען זיך, געוועהנליך, יונגע לייט, וועלכע זיינען בעגאַבט מיט אייגענ־ליעבע, מיט אַ בלייכען פּנים, שוואַרצע האָאָר און אַ „אויסדרוקספּולען” בליק; מען האָט ביי איהם ניט געקענט בעמערקען יענע געמאַכטע גלייכגילטיגקייט, אונטער וועלכער עס איז כלומרשט פערבאָרגען אַ געוואַלדיגע קראַפּט; ניין! ער איז געווען איינפאַך און אָפענהערציג; נור, ווען די ליידענשאַפט האָט איהם אָנגעכאַפּט, דאַן איז ער פּלוצים געוואָרען שטאַרק טהעטיג; אָבער ער האָט קיין מאָל ניט פערלאָרען זיינע קרעפטען אויף נאַרישקייטען און איז תמיד אין אַלע צייטען געבליבען איינפאַך און נאַטירליך. אגב, מיינע העררן... זאָגט דעם אמת: האָט אייך אַמאָל ניט פּאַסירט צו זיצען און רויכערען אַ פּיפּקע מיט אַזאַ אָנגעבלאָזענער וויכטיגער מינע, אַקוראַט ווי איהר וואָלט נור־וואָס בעשלאָסען צו בעגעהן אַ גרויסע העלדענטהאַט, און אין דער אמת׳ן זיצט איהר גאָר און טראַכט וועגען דעם, וואָס פאַר אַ פאַרב זאָלען האָבען די פּאַנטאַלאָנעס, וואָס איהר האָט בדעה זיך צו מאַכען?... אָבער דאָס איז פערבייגעהענדיג...

דער עיקר איז, וואָס איך האָב דער ערשטער בעמערקט אין דעם פרעהליכען און פריינדליכען קאַלאַסאָוו׳ן ליידענשאַפטליכע פערלאַנגען... ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז די ליעבע זעהט וויייט.

איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז איך מוז קריגען זיין צוטרויען

איך האָב אזוי איהם פערגעטערט, אז ער האָט ניט געקענט צווייפלען אין מיין איבערגעבענהייט... אָבער צו מיין גרויסען פערדרוס, האָב איך צום סוף געמוזט איינזעהען, אז קאַלאַסאָוו האָט קיין חשק ניט צו בעפריינדען זיך מיט מיר נעהענטער, אז מיין אונגעבעטענע איבערגע־בענהייט איז איהם ניט אנגענעהם.

איין מאָל עפּעס האָט ער ביי מיר מיט אַן אָפענער אונצופרידענ־הייט א בעט געטהאָן געלד לייהען און אויף מאָרגען האָט ער מיט א שפּאָטישען דאנק דעם גמילת חסד מיר צוריקגעקעהרט.

אין פערלויף פון א גאנצען ווינטער האָבען זיך מיינע בעציהונ־גען צו איהם ניט אויף איין האָאר געענדערט; איך האָב זיך אָפט פערגליכען צו גאוורילאָוו'ן און בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, מיט וואָס ער איז בעסער פון מיר...

אָבער פּלוצים האָט זיך אלסדינג געענדערט. אין מיטען אפּריל איז גאוורילאָוו קראנק געוואָרען און איז געשטאָרבען ביי קאַלאַסאָוו'ן אויף די הענד. מיר אַלע האָבען געטרויערט נאָך דעם אָרימען גאוורי־לאָוו'ן; דעם דאָזיגען שטילען, בלייכען מענשען האָט אזוי ווי דאָס הארץ געזאָגט, אז זיין סוף איז נאָהענט.

איך האָב אויך אויפריכטיג געטרויערט נאָך איהם, אָבער מיין הארץ האָט זיך געצאַפּעלט, ערוואַרטעט עפּעס...

און אין איין אונפערגעסליכען אָבענד... איך בין געלעגען אליין אויף דער זאָפע און טעמפּ געקוקט אויף די פּאָדלאָגע... עמיצער האָט שנעל געעפענט די טהיר פון מיין צימער און איז שטעהן געבלי־בען אויפ'ן שוועל; איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ: פאר מיר איז געשטאַנען קאַלאַסאָוו. ער איז לאנגזאַם צוגעגאַנגען צו מיר און זיך אנידערגעזעצט.

— איך בין געקומען צו דיר — האָט ער אָנגעהויבען מיט א פער־שטיקטען קול — ווייל דו ליעבסט מיך מעהר פון אַלע... איך האָב פערלאָרען מיין בעסטען פריינד — זיין קול האָט לייכט א ציטער גע־טהאָן — און איך פיהל זיך עלענד... קיינער פון אייך האָט ניט גע־קענט גאוורילאָוו'ן, קיינער...

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון'ם אָרט, דורכגעגאַנגען זיך אי־בער'ן צימער און איז שנעל צוגעגאַנגען צו מיר.

— ווילסטו מיר זיין אזא פריינד, ווי ער? — האָט ער געזאָגט און אויסגעשטרעקט צו מיר א האנד.

איך בין אויפגעשפּרונגען און א וואָרף געטהאָן זיך צו איהם אויף די ברוסט. מיין אויפריכטיגער פריינד האָט מיר געריהרט... איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען, דער אָטהעם האָט ביי מיר פערכאַפּט...

קאַלאַסאָוו האָט געקוקט אויף מיר און פאר זיך געשמייכעלט.

מען האָט דערלאַנגט טהעע. ביי'ם טהעע האָט ער זיך צורעדט וועגען גאַווריקאָוו'ן; איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיגער ניט־דרייס־יער און שטילער בחור האָט אַמאָל געראַטעוועט קאָלאָסאָוו'ן דאָס לעבען, און איך האָב געמוזט מודה זיין זיך אליין, אַז אויף גאַווריקאָוו'ס פּלאַץ וואָלט איך ניט געקענט זיך איינהאַלטען, זיך ניט צו בעריהמען מיט אַזאַ גליקליכען פאַל.

דער זייגער האָט געשלאָגען אַכט. קאָלאָסאָוו האָט זיך אויפגע־הויבען פון'ם אָרט, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט די פינגער איבער די שויבען, פלינק זיך אַ קעהר געטהאָן צו מיר, געוואָלט עפּעס זאָגען... און שווייגענדיג זיך געזעצט אויף אַ שטול. איך האָב איהם אָנגענומען פאַר אַ האַנד.

— קאָלאָסאָוו — האָב איך געזאָגט — גלויב מיר, אַז איך פערדיען דיין צוטרויען!

ער האָט אַ קוק געטהאָן מיר גלייך אין די אויגען אריין.

— נו, אויב אַזוי — האָט ער צום סוף ארויסגערעדט — נעהם דיין היטעל און קום.

— וואוהין?

— גאַווריקאָוו האָט מיך ניט געפרעגט.

איך בין אנשווייגען געוואָרען.

— דו קאָנסט שפּיעלען אין קאָרטען? — האָט ער דאַן געפרעגט.

— איך קאָן.

מיר זיינען ארויס, גענומען אַ דראָזשקע און זיינען אַוועקגעפאָהרען צו ק... ער שלאַגבוים. ביים שלאַגבוים זיינען מיר אַרונטער. קאָלאָסאָוו איז אַוועק אין פאָראויס זעהר שנעל; איך נאָך איהם. מיר זיינען געגאַנגען איבער'ן ברייטען שליאַך. אָפּגעגאַנגען ביי אַ וויאָרסט, האָט קאָלאָסאָוו זיך פערקירעוועט אָן אַ זייט. דערווייל איז געוואָרען נאַכט. רעכטס, דורך אַ נעבעל, האָבען געפינקעלט פייערלאַך, האָבען ארויסגעטראָטען די פּיעלע קלויסטערס פון דער געוואלדיג גרויסער שטאָדט; לינקס, נעבען אַ וואלד, האָבען זיך געפּימערט אויף אַ לאָנקע צוויי ווייסע פערד; פאַר אונז האָבען זיך געצויגען פעלדער, פערהילטע מיט אַ גרויען נעבעל. איך בין געגאַנגען הינטער קאָלאָסאָוו'ן און געשוויגען. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשטרעקט די האַנד אין פאָראויס און ארויסגערעדט:

— אָט אַהין געהן מיר.

איך האָב דערזעהן אַ קליין דונקעל שטיבעל; צוויי פענסטער האָבען שוואַך ארויסגעשיינט אין'ם נעבעל.

— אין דעם דאָזיגען הויז וואוינט איינער אַ סידאָרענקאָ, אַן אַמאָליגער אָפיצער, מיט זיין שוועסטער, אַן אַלטער מויד, און זיין יונ־

נער טאָכטער. איך וועל דיך פאַרשטעלען פאַר מיינעם אַ קרוב און דו וועסט זיך זעצען שפּיעלען מיט איהם אין קאָרטען.

איך האָב שווייגענדיג צוגעבאַמקעט מיט׳ן קאָפּ; איך האָב געוואָלט ווייזען קאַלאַסאָוו׳ן, אַז איך קאָן שווייגען ניט ערגער פון גאַוורילאָוו׳ן... אָבער איך מוז אויך מודה זיין, אַז די נייגעריגקייט האָט שטאַרק מיר די צונג געביסען.

צוגעהענדיג צום גאַניק פון׳ם שטיבעל, האָב איך דערזעהן אין דעם בעלייכטעטען פענסטער אַ שלאַנקע געשטאַלט פון אַ מיידעל... ווי עס איז קאָנטיג געווען, האָט זי אונז ערוואַרטעט, און איז באַלד פערשוואונדען.

מיר זיינען אַריין אין אַן ענגען און פינסטערען פיהר־הויז. אַ קרומע, איינגעהויקערטע אַלטינקע איז אַרויס אונז אַנטקעגען און האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהאָן אויף מיר.

— איוואַן סעמיאָניטש איז אין דער־היים? — האָט קאַלאַסאָוו געפרעגט.

— אין דער־היים — האָט זי געענטפערט.

— אין דער־היים! — האָט זיך דערהערט פון אהינטער דער טהיר אַ גראָבע באַסאָווע שטימע פון אַ מאַן.

מיר זיינען אַריין אין זאַאַל, אויב מען קאָן אַזוי אָנרופען אַ לאַנגען, גאַנץ שמוציגען צימער; אַן אַלטע, קליינע פּאָרטעפּיאַנאָ איז זיך רוהיג געשטאַנען פעררוקט אין אַ ווינקעלע נעבען אויווען; עטליכע שטולען זיינען געשטאַנען פּאַזע די ווענד, וועלכע זיינען אַמאָל געווען געל געפאַרבט. אין מיטען צימער איז געשטאַנען אַ מאַנספּאַרשוין אַ יאָהר פופציג אַלט, אַ הויכער, עטוואָס איינגעהויקערטער, אין אַ פערשמאָלצענעם שלאָף־ראָק. איך האָב זיך איינגעקוקט אין איהם: אַ בייזער פּנים, שטעכיגע האָאָר, ווי ביי אַ חזיר, אַ ניעדריגער שטערן, גרויען אויגען, לאַנגע וואָנצעס, ד׳יקע ליפּען...

— אַ שעהנער פויגעל! — האָב איך אַ טראַכט געטהאָן.

— שוין לאַנג אייך ניט געזעהן, אַנדרעי ניקאָליאיטש — האָט ער אַרויסגערעדט, אויסשטרעקענדיג צו קאָלאָסאָוו׳ן זיין העסליכע רויטע האַנד: — שוין לאַנג! און וואו איז עפּעס סעוואסטיאַן סעוואסטיאַנאָוויטש?

— גאַוורילאָוו איז געשטאָרבען — האָט קאַלאַסאָוו טרויעריג געענטפערט.

— געשטאָרבען! נאַ דיר גאָר! און ווער איז דער?

— מיינער אַ קרוב... איך וועל אייך פאַרשטעלען: ניקאָליאַ אַלעקס...

— שוין גוט, שוין גוט! עס פרעהט מיך, עס פרעהט מיך זעהר! און אין קאָרטען שפּיעלט ער?

— שפּיעלט, ווי דען!

— נו, איז גוט; מיר וועלען זיך טאַקי באַלד זעצען. הערי מאַטרעד־נאַ סעמיאָנאָווגא, וואו ביזטו דאָרט? דעם קאָרטען־טיש אויף גיך!... און טהעע!...

און זאָגענדיג עס, איז הערר סידאָרענקאָ אוועק אין צווייטען צימער.

קאַלאָסאָוו האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר.

— הער אויס, דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי מיר איז עס ניט אנגענעהם!...

איך האָב איהם ניט געלאָזט ווייטער ריידען.

— טאַטעלע, ווי הייסט איהר דאָרט? זייט מוחל אהער! — האָט מיך אַ רוף געטהאָן איוואן סעמיאָניטש.

איך בין אריין אין גאַסט־צימער.

דאָס גאַסט־צימער איז נאָך געווען קלענער. אויף די וואַנד זיינען געהאַנגען עפּעס צוקאַליעטשעטע פאָרטרעטען; געגען דער זאָפע, וועל־כע איז אין אַ סך פלעטצער געווען צוריסען, מיט די שטרוי ארויס, איז געשטאַנען אַ גרינער טיש; אויף דער זאָפע איז געזעסען סידאָרענקאָ און שוין געטאַסט די קאָרטען; געבען איהם אויפ'ן סאַמע ברעג פון אַ פאָטעל איז געזעסען אַן אויסגעקוואָרטע פרויענצימער אין אַ ווייסען ציפּיק און אין אַ שוואַרצען קלייד, אַ געלע, מיט אַ צוקנייטשטען פּנים, פאַרשליאָפּעטע אויגען און דינע ליפּען, ווי ביי אַ קאַץ.

— אָט — האָט זיך אָנגערופען סידאָרענקאָ — איך רעקאָמענדיר דיר; דער פריהערדיגער איז געשטאָרבען; אַנדרעי ניקאָלאַיאיטש האָט געבראַכט אַן אַנדערן, מיר וועלען זעהן, ווי ער שפּיעלט!

די אַלטע האָט זיך אונגעשיקט פערנויגט און זיך צוהוסט.

איך האָב זיך אומגעקוקט: קאַלאָסאָוו איז שוין ניט געווען אין דעם צימער.

— געגוג דיר צו הוסטען, מאַטרענא סעמיאָנאָווגא — האָט סידאָ־רענקאָ אַ בורטשע געטהאָן — שעפּסען הוסטען.

איך האָב זיך געזעצט, מיר האָבען געגומען שפּיעלען. סידאָרענקאָ האָט זיך געקאָכט און ביי דעם מינדעסטען פעהלער מיינעם איז ער פון די כלים ארויס.

דער שוועסטער זיינער האָט ער נאָכאַנאַנד פאָרווירפע געמאַכט; אָבער זי איז, קאָנטיג, שוין געוואוינט געווען צו די ליעבענסווירדיג־קייטען פון איהר ברודער און האָט בלויז מיט די אויגען געפינטעלט. דאָך, בעת ער האָט איהר ערקלעהרט, אַז זי איז אַן „אַנאַרכיסט", האָט זיך זיך לענגער שוין ניט געקענט בעהערשען און ארויסגעפּלאַצט מיט האַרץ:

— דו, איוואַן סעמיאָניטש, האָסט דיין פרוי געקאָנט פאַרמאַטערען, מיך אָבער וועסטו ניט פערמאַטערען!

— אַזוי זאָגסטו?

— ניין, וועסט מיך ניט פערמאַטערען!

און אַזוי, אין אַזאַ נוסח, האָבען זיי זיך אַרומגעריסען אַ היבשע צייט. ווי איהר זעהט, איז מיין לאַגע ניט געווען וואָס צו מקנא זיין, זי איז איינפאַך געווען אַ נאַרישע און איך האָב ניט געקענט פערשטעהן, וואָרום קאָלאָסאָוו האָט מיך אַהערצו פערשלעפּט... איך בין קיין מאָל ניט געווען קיין גוטער שפּיעלער אין קאָרטען, נור דאָס מאָל האָב איך אַליין געפיהלט, אַז איך שפּיעל נאָך ערגער ווי אַ „פּושער“...

— ניין! — האָט גע׳טענה׳ט סידאָרענקאָ — איהר קומט ניט צו יענעם, צו גאַווריִלאָוו׳ן! ניין! איהר שפּיעלט אָהן קאָפּ!

אין האַרצען, פערשטעהט זיך, האָב איך איהם געשיקט צו אַל די רוחות. דאָס דאָזיגע אָפּקומעניש האָט געדויערט אַ שעה צוויי. איך האָב פערלאָרען ביז אַ קאָפּיקע. צולעצט האָב איך דערהערט הינטער מיין שטול אַ לייכטען גערויש, איך האָב זיך אומגעקוקט און דערזעהן קאָלאָסאָוו׳ן; נעבען איהם איז געשטאַנען אַ מיידעל אַ יאָהר זיעבצעהן אַלט און זי האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכעל געקוקט אויף מיר.

— דערלאַנג מיר מיין פּיפּקע, וואַריאַ! — האָט סידאָרענקאָ געזאָגט.

דאָס מיידעל איז גלייך אַרויסגעפלויגען פון׳ם צימער. זי איז געווען ניט זעהר שעהן, בלייך און מאָגער, אָבער קיין מאָל נאָך אויף מיין לעבען, ניט פריהער און ניט שפּעטער, האָב איך ניט געזעהען אַזוינע אויגען און אַזוינע האָאָר, ווי איהרע.

מיר האָבען געענדיגט, איך האָב זיך פונאַנדערגעצאָהלט. סידאָרענקאָ האָט פעררויכערט זיין פּיפּקע און אַ גוואַלדעווע געטהאָן:

— נו, איצט איז שוין צייט צו עסען וועטשערע!

קאָלאָסאָוו האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר וואַריאַ׳ן, סידאָרענקאָ׳ס טאָכטער. וואַריאַ האָט זיך פערשעהמט און איך האָב זיך פערשעהמט. אָבער קאָלאָסאָוו, ווי געוועהנליך, האָט באַלד געבראַכט אַלעמען און אַלסדינג אין אָרדנונג, האָט אוועקגעזעצט וואַריאַ׳ן ביי דער פאָרטעפּיאַנאָ, זי געבעטען שפּיעלען אַ „פּרעהלאַכס“ און איז אוועק טאַנצען אַ האָפּקע מיט סידאָרענקאָ׳ן. דער אַמאָליגער אָפיציער האָט געאַרבייט מעשים: געליאַרעמט, געטופּעט, געהאָטשקעט זיך און געוויזען, וואַרפענדיג מיט די פיס, אַזוינע קונצען, אַז אפילו זיין שוועסטער מאַטרענאַ האָט זיך צולאַכט אויפ׳ן קול און איז אוועק צו זיך אויבען.

די אלטע מיט׳ן הויקער האט געדעקט דעם טיש; מיר האבען זיך געזעצט עסען וועטשערע.

ביים טיש האט קאלאסאוו דערצעהלט פערשיעדע וויצען; סידאר־ענקא האט אונז פערטויבט מיט זיין געלעכטער; איך האב פער׳גנב׳עט געקוקט אויף ווארי׳ן. זי האט איהרע אויגען ניט ארונטער־גענומען פון קאלאסאוו׳ן... און נאך דעם אויסדרוק פון איהר פנים אליין האט מען לייכט געקאנט זיך אנשטויסען, אז זי ליעבט איהם און ער זי.

איהרע ליפען זיינען עטוואס פונאנדערגעעפענט געווען, דער קאפ אביסעלע אויסגעבויגט אין פאראויס און אויפ׳ן גאנצען פנים האט א לייכטע פארב געשפיעלט; זי האט זעלטען. דעם אטהעם טיעף אפגע־כאפט, דא האט זי מיט אמאל די אויגען ארונטערגעלאזט און שטיל געלאכט... טייפעל, האב איך דאן מקנא געווען!...

נאך וועטשערע האב איך מיט קאלאסאוו׳ן זיך גלייך א כאפ גע־טהאן צו אונזער היטלען. דאס האט סידארענקא׳ן ניט געשטערט צו ווענדען זיך צו אונז מיט די דאזיגע העפליכע ווערטער, גענעצענדיג:

— מיינע הערען, גענוג געזעסען! איהר דארפט האבען אביסעל אנשטענדיגקייט אויך!...

ווארי׳א האט בעגלייט קאלאסאוו׳ן ביז׳ן פיהור־הויז.

— ווען וועט איהר ווידער ביי אונז זיין, אנדרעי ניקאלאיעטש?

— האט זי שטיל ארויסגעשעפצעט.

— די טעג, אונבעדינגט.

— ברענגט איהם אויך מיט זיך — האט זי צוגעלייגט מיט א ממזר׳שען שמייכעל.

— ווי דען? געוויס — האט קאלאסאוו געענטפערט.

— מוחל אזא פערגעניגען! — האב איך ביי זיך א טראכט גע־טהאן...

אויפ׳ן וועג אהיים האב איך זיך דערוואוסט אזא געשיכטע: מיט זעקס מאנאטען צוריק האט קאלאסאוו זיך בעקאנט מיט סידארענקא׳ן אויף א גאנץ מערקווירדיגען שטייגער. געהענדיג אין א רעגענדיגען אבענד פון געיעג אהיים, האט קאלאסאוו פלוצים דערהערט ניט ווייט פון ק... ער שלאגבוים קרעכצען, געמישט מיט זידלערייען. האבענדיג מיט זיך א ביקס, האט ער ניט לאנג געטראכט און איז אוועק אין די זייט פון וואנען די קרעכצען האבען זיך געטראגען. ער האט דארט גע־טראפען אויף דר׳ערד א מאן מיט אן אויסגעלונקענער פוס. דער דאזי־גער מאן איז געווען הערר סידארענקא. ער האט קוים מיט גרויסער מיה איהם געבראכט אהיים, איבערגעגעבען איהם דער צושראקענער שוועס־טער און טאכטער און איז אליין אוועק נאך א דאקטאר... דערווייל־ע איז געווארען טאג; קאלאסאוו איז קוים אימשטאנד געווען צו שטעהן

אויף די פים פאַר מיעדקייט. מיט דער ערלויבניש פון מאַטרענא סעמי־אָנאָוונאַ׳ן, האָט ער זיך אוועקגעלייגט אויף דער זאָפע אינ׳ם גאַסט־צימער און איז אַפּגעשלאָפען אַ שטונדען אַכט.

אויפגעכאַפּט זיך, האָט ער גלייך געוואָלט אוועקגעהן אהיים, אָבער מען האָט איהם פערהאַלטען און איהם מכבד געווען מיט טהעע. ביי־נאַכט איז איהם אויסגעקומען צו זעהן אַ פּאָאָר מאָל דעם בלייכען פּנים׳ל פון וואַריאַ׳ן, קיין בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט ער איהר ניט געשענקט; אָבער אין דער־פריה איז זי איהם אויף אַן אמת גע־פעהלען געוואָרען. מאַטרענא סעמיאָנאָוונאַ האָט פיעל געלויבט און גע־דאַנקט קאָלאָסאָוו׳ן; וואַריאַ איז געווען דערביי און געשוויגען; זי האָט אָנגעגאָסען דעם טהעע אין די גלעזער, געקוקט אויף איהם צייט־טעגווייז און מיט אַ ניט דרייסטער, שעמעוודיגער נאַסט־פריינדליכ־קייט האָט זי איהם דערלאַנגט דאָ דאָס גלאָז, דאָ דעם שמאַנט, דאָ די צוקערניצע.

אין דיעזער צייט האָט סידאָרענקאָ זיך אויפגעכאַפּט, הויך אויפ׳ן קול זיין פּיפּקע פערלאַנגט און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט ער ווידער גענומען שרימען:

— שוועסטער! אַ שוועסטער!

מאַטרענא סעמיאָנאָוונאַ איז אריינגעלאָפען צו איהם אין שלאָף־צימער אריין.

— איז אָט דער... ווי הייסט ער דאָרט, ווייסט איהם דער טיי־פעל! איז ער שוין אוועק?

— ניין, איך בין נאָך דאָ! — האָט געענטפערט קאָלאָסאָוו, צוגע־הענדיג צו דער טהיר: — ווי פיהלט איהר זיך? בעסער?

— בעסער! — האָט געענטפערט סידאָרענקאָ — קומט אריין, טאַטעלע מיינער!

קאָלאָסאָוו איז אריין, סידאָרענקאָ האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און אָהן חשק ארויסגערעדט:

— נו, אַ דאַנק; קומט אריין אַמאָל צו מיר, ווי רופט מען אייך, דער טייפעל ווייסט אייך?

— קאָלאָסאָוו — האָט יענער געענטפערט.

— נו, שוין גוט, שוין גוט, קומט אריין אַמאָל, און איצט געהט זיך אייך געזונדערהייט, אין דער היים וואַרט מען מסתמא אויף אייך.

קאָלאָסאָוו איז ארויסגעגאַנגען, האָט זיך געזעגענט מיט מאַטרענא סעמיאָנאָוונאַ׳ן, זיך פערנויגט פאַר וואַריאַ׳ן און איז אוועק אהיים.

זינט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבען צו געהן צו סידאָרענקאָ׳ן, די ערשטע צייט זעלטענער, דערנאָך אָליץ אָפטער און אָפטער. דער זומער איז אָנגעקומען, פלעגט ער נעהמען דעם ביקס, אנטאָן די יאַג־טאַש און אוועקגעהן כלומרשט אויף געיעג; פלעגט קומען צו סידאָרענקאָ׳ן

און דאָרט אָפּזיצען ביז פאַרנאַכט. סידאָרענקאָ האָט אַ יאָהר פינף און צוואַנציג אָפּגעדיענט אין מיליטער, האָט אָפּגעשפּאָרט אַביסעל געלד און געקויפט אַ שטיקעל לאַנד פאַר זיך אַ וויאָרסט צווי הינטער מאָסקווע. ער האָט קוים־קוים געקאָנט לעזען און שרייבען; אָבער טראָץ זיין אויסערליכער אומגעלומפּערטקייט און גראָבקייט, איז ער געווען גאָר ניט קיין נאַרישער, כיטרער קערל, ווי אַ סך קליין־רוסען.

ער איז געווען אַ מורא'דיגער עגאָאיסט, איינגע'עקשנט ווי אַן אָקס, און בכלל זעהר אַ ניט פריינדליכער מענש, בעזאָנדערס צו אומבעקאַנטע. איך האָב זאָגאַר איינינגע מאָל אין איהם בעמערקט אַ געוויסען סאָרט פעראַכטונג צו דעם גאַנצען מענשליכען מין.

ער האָט געלעבט בלויז פאַר זיך אליין, נאָכגעגעבען זיך, ווי אַ צובאַלאָוועטע קינד, האָט קיינעם ניט געוואָלט קאָנען און געלעבט זיך פאַר זיין אייגענעם פערגעניגען. איך ווייס ניט ווי אַזוי מיר האָבען זיך אַמאָל צורעדט מיט איהם וועגען חתונה האָבען בכלל.

— חתונה האָבען... חתונה האָבען — האָט ער זיך אָנגערופען — צו־וואָס זאָל איך חתונה מאַכען מיין טאָכטער, פרעג איך אייך? נו, צו וואָס? אַז איהר מאַן זאָל זי מוטשען, ווי איך האָב מיינע געמוטשעט? און ווידער — מיט וועמען וועל איך דאַן בלייבען?

אָט אַזאַ מענש איז געווען סידאָרענקאָ.

קאָלאָסוואָ איז געגאַנגען צו איהם, פערשטעהט זיך, ניט צוליעב איהם, נור צוליעב זיין טאָכטער. אין איין שעהנעם אַבענד איז קאָלאָסאָוו געזעסען מיט איהר אין'ם גאָרטען און וועגען עפּעס געשמועסט. סידאָרענקאָ איז צוגעגאַנגען צו זיי, האָט קרום אַ קוק געטהאָן אויף וואַריא'ן און אָפּגערופען קאָלאָסאָוו'ן אָן אַ זייט.

— הער אויס, ברודער — האָט ער צו איהם געזאָגט — ווי איך זעה, איז דיר פרעהלאַך צו פערברענגען מיט מיין בת יחידה'קע און מיר, דעם אַלטען מאַן, איז לאַנגווייליג; ברייננ מיט זיך עמיצען, אַניט האָב איך ניט מיט וועמען אין קאָרטען צו שפּיעלען. דו הערסט? אליין זאָלסטו ניט קומען.

און אויף מאָרגען האָט קאָלאָסאָוו געבראַכט גאַווריל‏אָוו'ן, וועלכער האָט אין פערלויף פון אַ גאַנצען הערבסט און ווינטער געמוזט, נעבאַך, זיינע אַבענדען פערברענגען ביים קאָרטען־טיש מיט סידאָרענקאָ'ן. דער דאָזיגער עהרווירדיגער מאַן, סידאָרענקאָ הייסט עס, איז זיך בעגאַנגען מיט גאַווריל‏אָוו'ן אָהן צערעמאָניעס, דאָס הייסט, זעהר גראָב.

איצט, מיינע הערן, פערשטעהט איהר שוין, וואָרום קאָלאָסאָוו האָט מיך געבראַכט צו סידאָרענקאָ'ן, בעת גאַווריל‏אָוו האָט שוין מעהר ניט געלעבט. איבערגעבענדיג מיר דאָס אַלעס, האָט קאָלאָסאָוו צוגעלייגט:

— איך ליעב וואריא'ן, זי איז א ליעב מיידעלע; דו ביזט איהר געפעהלען געוואָרען.

איך האָב, דאַכט זיך, פערגעסען צו לאָזען אייך וויסען, מיינע העררן, אַז ביז דעמאָלט האָב איך זיך געשראָקען פאר פרויען און האָב זיי אויסגעמיידט, הגם אין דער אייגענער צייט האָט א סך מאָל געטראָפען, אַז איך האָב שטונדען לאַנג געטרוימט וועגען ראַנדע־וויאו'ען וועגען ליעבע, וועגען געגענזייטיגער ליעבע און ז. וו.

וואַריא איז געווען דאָס ערשטע מיידעל, מיט וועלכער די גויטה האָט מיך געצוואונגען צו ריידען, אָבער טאַקי ממש די גויטה. זי איז געווען א געוועהנליכע מיידעל, און דאָך זיינען אַזוינע מיידלאָך זעהר וועניג פאַראַן אין דעם הייליגען רוסלאַנד. איהר וועט מיך פרעגען: וואָרום? דערפאר ווייל איך האָב ביי איהר ניט בעמערקט גאָר נישט קיין געמאַכטעס, אונגאַטירליכעס; דערפאר ווייל זי איז געווען אַן איינפאַכע, פשוטע, עטוואָס־טרויעריגע מיידעל; דערפאר ווייל מען האָט זי ניט געקענט אָנרופען „פריילען". מיר איז געפעהלען געווען איהר רוהיג שמייכעל; איך האָב ליעב געהאַט איהר גוטמוטהיג־הילבענדיג קול'כעלע, איהר לייכטען פרעהלאַכען געלעכטער, איהרע אויפמערקזאַמע, הגם גאָר ניט קיין „טיעפע" בליקען. איך בין זיך מודה, אַז אין אַנאַנדער צייט וואָלט איך גאַנץ גלייכגילטיג פערבייגעגאַנגען פארביי אַזאַ מיידעל, אָבער דעמאָלט...

מיינע הערן, איך מיין, אַז איהר, ווי אַלע אנשטענדיגע מענשען, זיינען געווען פערליעבט אמוועניגסטען כאָטש איין מאָל אין אייער לעבען און פון אייגענער ערפאַהרונג ווייסט איהר, ווי אַזוי די ליעבע ווערט געבאָרען און ענטוויקעלט זיך אין'ם מענשליכען הארצען און דעריבער וועל איך פיעל ניט ריידען וועגען דעם, וואָס אין מיר איז דאַן פאָרגעקומען.

קאָלאָסאָוו און איך זיינען אָפט געגאַנגען צו סידאָרענקאָ'ן און כאָטש די פערפלוכטע קאָרטען האָבען מיך ניט איין מאָל געבראַכט אין פערצווייפלונג, אָבער אין דער נאָהענטקייט פון א געליעבטער פרוי (איך האָב זיך פערליעבט אין וואַריא'ן), איז פאַראַן עפּעס א מאָדנע, א זיסע, א פיינליכע פרייד. איך האָב ניט געזוכט צו דערשטיקען אין זיך דאָס דאָזיג אויפגעוואַכט געפיהל, דערצו, בעת איך האָב צום סוף זיך דערוועגט אָנצורופען דאָס דאָזיג געפיהל מיט זיין נאָמען, איז עס שוין געווען זעהר שטאַרק אין מיר... איך האָב אין געהיים געהאַלטען די דאָזיגע ליעבע. מיר איז אליין געפעהלען געווען דאָס פיינליך וואַנדערען פון דער דאָזיגער פערבאָרגענער ליידענשאַפט. מיינע ליידען האָבען ביי מיר ניט אוועקגענומען ניט דעם שלאָף און ניט דעם אַפּעטיט; אָבער אין מיין הארצען האָב איך גאַנצע טעג געפיהלט יענעם בעזונדערען פיהזישען געפיהל, וואָס איז א צייכען פון ליעבע.

איך בין ניט אימשטאנד אפצומאהלען פאר אייך יענעם קאמפף פון די פערשיעדענסטע געפיהלען, וואס איז אין מיר פארגעקומען, בעת, למשל, קאלאסאוו האט זיך צוריקגעקעהרט מיט וואריא׳ן פון׳ם גארטען און איהר גאנצער פנים האט אויסגעדריקט בעגייסטערטע איבערגע־בענקייט, מיעדקייט פאר צופיעל גליק... זי האט אזוי געלעבט מיט זיין לעבען, אזוי געוועזן פול מיט איהם, אז זי האט אונבעמערקט איי־בערגענומען זיינע מינעס, האט געקוקט, ווי ער, געלאכט, ווי ער... און ער... קאלאסאוו האט זיין פרייהייט ניט פערלארען; ווען זי איז ניט געווען, גלויב איך, האט ער אן איהר פערגעסען; ער איז געווען דער אייגענער זארגלאזער, פרעהליכער און גליקליכער מענש, ווי תמיד.

קורץ, ווי געזאגט, מיר זיינען אפט געגאנגען צו סידארענקא׳ן. אמאל, בעת ער איז געווען ניט גוט אויפגעלייגט, האט סידארענקא זיך ניט געזעצט מיט מיר שפיעלען אין קארטען; אין אזא צייט האט ער זיך פעררוקט אין א ווינקעלע, געשוויגען, געקנייטשט די ברעמען און געקוקט אויף אלעמען, ווי א וואלף.

דעם ערשטען מאל האב איך זיך דערפרעהט, וואס ער לאזט מיך צורוה מיט די קארטען; אבער דערנאך פלעג איך זיך אליין ביי איהם בעטען, ער זאל זיך זעצען שפיעלען, ווייל אניט איז מיר אויסגעקומען צו פערברענגען מיט קאלאסאוו׳ן און וואריא׳ן און איך האב זיי גע־שטערט, הגם זיי אליין האבען פערזיכערט איינער דעם אנדערן, אז פאר מיר דארפען זיי זיך ניט צערעמאניען!...

די צייט איז דערווייל געלאפען... זיי זיינען געווען גליקלאך... איך בין ניט קיין בעלן צו בעשרייבען דאס גליק פון אנדערע. מיט אמאל האב איך אנגעהויבען בעמערקען, אז די קינדערישע בעגייסטערונג פון וואריא׳ן האט אפגעטראטען פאר א מעהר ערנסט געפיהל, פאר אן אונרוהיג, ווייבערש געפיהל... איך האב זיך גענומען אנשטויסען, אז דאס נייע ליעד האט גענומען קלינגען אויפ׳ן אלטען שטייגער, דאס הייסט, אז קאלאסאוו... ווערט ביסלעכוויוז אפגעקיהלט... איך בין זיך מודה, אז די דאזיגע ענטדעקונג האט מיך דערפרעהט.

איצט זיינען מיר שוין ניט אזוי אפט געגאנגען צו סידארענקא׳ן... וואריא׳ן האבען מיר אפט געטראפען מיט פערוויינטע אויגען... עס האבען זיך גענומען הערען פארווירפע...

עס האט געטראפען, איך פרעג קאלאסאוו׳ן מיט א כלומרשט גלייכגילטיגער מינע:

— געהן מיר היינט צו סידארענקא׳ן?...

טהוט ער רוהיג א קוק אויף מיר און מאכט:

— ניין, מיר געהן ניט.

מאנכעס מאל האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז בעת ער רעדט וועגען וואריא׳ן, שמייכעלט ער כיטרע... בכלל, בין איך פאר איהם ניט

נעוועז אזוי גוט, ווי גאוורילאָוו... גאוורילאָוו איז טויזענד מאָל בעסער און נארישער געוועזן פון מיר.

א קליינע בעמערקונג, מיינע העררן. ריידענדיג וועגען מיינע אוני־ווערסיטעטס־חברים, האָב איך פערגעסען צו דערמאָנען וועגען איינעם א געוויסען הערר שציטאָוו'ן. דער דאָזיגער שציטאָוו איז אלט געוועזן א יאָהר פינף און דרייסיג, איז שוין א יאָהר צעהן פעררעכענט געוועזן אלס סטודענט. ווי איצט זעה איך זיין גאַנץ לאַנגען, בלייכען פנים, די קליינצינקע, דונקעלע אויגעלאך, די לאַנגע קרומע נאָז, די דינע ליפען מיט'ן שפּאָטישען שמייכעל אויף זיי, דעם פערריסענעם זשמוט האָאָר פון פּאָרענט, דעם קינבאק, פעררוקט אין א ברייטען, אָפּגע־קראָכענעם האַלזטוך, עהנליך צו א פליגעל פון א קראו, די מאַנישקע מיט בראָנזענע קנעפּלאַך, דעם בלויען פראַק, ברייט צושפּיעלעט, די בונט־פאַרביגע וועסט... אזוי ווי איך וואָלט נאָך איצט געהערט זיין ציטערענדיג געלעכטער'ל... ער איז אומעדום פול געוועזן, האָט זיך ארומגעשלעפּט אין די פערשיעדענסטע טאַנץ־קלאַססען...

איך געדענק, ווי איך האָב אָהן א שווידער ניט געקענט הערען זיינע שמוציגע מעשה'לאך... קאָלאָסאָוו האָט איהם איין מאָל פערגליכען צו א ניט־אויפגעראמטען שמוציגען צימער פון א רוסישען שענק... א שרעקליכע פערגלייך! און דאָך האָט דער דאָזיגער מענש געהאַט א סך געזונדען פערשטאַנד, בעאָבאַכטונגס־פעהיגקייט און שאַרף־זינן.... מאַנכעס מאָל האָט ער אונז איבערראשט מיט אַזא ריכטיגער און שנייִ־דענדיגער בעמערקונג, אַז מיר זיינען ניט ווילענדיג אנשוויגען געוואָ־רען און מיט פערוואונדערונג געקוקט אויף איהם.

אָט דער דאָזיגער שציטאָוו האָט גענומען לאַכען פון מיר, למאי איך בין אַזוי צוגעבונדען צו קאָלאָסאָוו'ן. דעם ערשטען מאָל האָב איך מיט ענטריסטונג איהם געשיקט צו אַל די רוחות; דעם צווייטען מאָל האָב איך איהם ערקלעהרט, אַז ער איז ניט אימשטאַנד צו אורטהיילען וועגען אונזער פריינדשאַפט, דאָך האָב איהם שוין דאָס מאָל צום טייִ־פעל ניט געשיקט; און, אַז ער, זעגענדיג זיך מיט מיר, האָט בעמערקט, אַז אָהן דער ערלויבניש פון קאָלאָסאָוו'ן וואַג איך אפילו ניט איהם צו לויבען, האָט עס מיך פערדראָסען און זיינע ווערטער האָבען אויף מיר אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט.

העכער צוויי וואָכען האָב איך וואַריא'ן ניט געזעהן... שטאָלץ, ליעבע, ערוואַרטונג, פערשיעדענסטע געפיהלען האָבען ערוואַכט אין מיר... איך האָב צונויפגענומען מיין מוטה און בין אוועק אליין צו סידאָרענקאָ'ן.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי איך האָב זיך דערשלעפּט צו דעם בעקאַנ־טען הויז; איך געדענק בלויז, אַז עטליכע מאָל האָב איך זיך אויפ'ן וועג געזעצט אָפּרוהען פאַר אויפרעגונג.

איך בין אריין אין פּאַרצימער, און נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַרויסצובורעגגען איין וואָרט, ווי די טהיר פון'ם זאַאַל האָט זיך געעפענט, און וואַריאַ איז אַרויסגעלאָפען מיר אַנטקעגען.

— ענדליך — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערינדיגען קול — און וואו איז קאַלאַסאָוו?

— ער איז ניט געקומען — האָב איך מיט מיה אַרויסגעשטאַמעלט.

— ניט געקומען! — האָט זי איבערגעזאָגט.

— ער האָט געהייסען איך זאָגען, אַז... מען האָט איהם פערהאַלטען.

איך האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס איך האָב גערעדט און ניט געוואָגט אויפצוהויבען די אויגען.

וואַריאַ איז געשטאַנען פאַר מיר, ווי אַ דערשלאָגענע. איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהר: זי האָט אָפּגעקעהרט ד'עם קאָפּ; צוויי גרויסע טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט איבער איהרע באַקען. איהר פּנים האָט אויסגעדריקט אַזוי פיעל ליידען, אַז דאָס האַרץ אין מיר איז צוריסען געוואָרען, קוקענדיג אויף איהר. איך האָב אַ טראַט געטהאָן צו איהר נעהענטער. זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן און איז אַנטלאָפען.

אין'ם זאַאַל האָט מיך אָנגעטראָפען סידאָרענקאָ.

— איהר זייט גאָר אַליין? — האָט ער געפרעגט, פערזשמורענדיג מאָדנע זיין לינקע אויג.

— אַליין — האָב איך געענטפערט צומישט.

סידאָרענקאָ האָט זיך פּלוצים צולאַכט הויך אויפ'ן קול און איז אַוועק אין צווייטען צימער.

איך האָב זיך נאָך קיין מאָל ניט געפיהלט אין אַזאַ נאַרישער לאַגע. טייפעל, ווי העסליך! אָבער פערפאַלען, אַנטלויפען האָט ניט געפּאַסט. איך האָב גענומען געהן איבער'ן צימער הין און צוריק.

— פון וואָס האָט זיך אַזוי צולאַכט דער דאָזיגער גראָבער חזיר?

— האָב איך געטראַכט.

עס איז אַריינגעקומען סעמיאָנאָוונאַ מיט אַ זאַק אין די הענד און האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבען פענסטער. איך האָב פערפיהרט מיט איהר אַ שמועס. דערווייל האָט מען דערלאַנגט טהעע. וואַריאַ איז אַריינגעקומען, אַ בלייכע און אַן אונמוטהיגע. סידאָרענקאָ האָט זיך געוויצעלט אויף קאַלאַסאָ'ס אַדרעס.

— איך ווייס, וואָס פאַר אַ פייגעל ער איז — האָט ער גערעדט — איצט, מיין איך, וועט מען איהם שוין מעהר דאָ אָנזעהען!

וואַריאַ האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און איז אַרויס. סידאָרענקאָ האָט זי בעגלייט מיט די אויגען און כיטרע אַ פייף געטהאָן. איך האָב פערוואונדערט איהם אָנגעקוקט.

— שוין־זשע — האָב איך געטראַכט — ווייס ער אַלסדינג?

באַלד נאָכ'ן טהעע האָב איך זיך אויפגעהויבען און גענומען זיך זעגענען.

— איך וועלען מיר נאָך זעהן — האָט סידארינקא בעמערקט.

איך האָב גאָר נישט געענטפערט. איך האָב פשוט אָנגעהויבען מורא צו האָבען פאר דעם דאָזיגען מענשען.

אויפ'ן גאַניק האָט עמיצענ'ס א קאַלטע, ציטערינדיגע האַנד אָנגע־כאַפּט מיין האַנד ; איך האָב זיך אומגעקוקט : ווארִיא.

— איך דאַרף מיט אייך ריידען — האָט זי ארויסגעשעפּצעט — קומט מאָרגען פארפריה, גלייך אין גאַרטען. דער פּאַפּא שלאָפט נאָך ווארעמעס, וועט אונז קיינער ניט שטערען.

איך האָב שווייגענדיג איהר די האַנד א דריק געטהאָן און בין אוועק.

אויף מאָרגען, אַרום דריי נאָך האַלבען טאָג, בין איך שוין געווען ביי סידארינקאַ'ן אין'ם גאַרטען. דאָס איז געווען אין א הערבסט־טאָג, אין דרויסען איז געווען גרוי, אָבער שטיל און ווארעם. איך האָב גע־טראָפען ווארִיאַ'ן אין'ם גאַרטען אונטער אן עפּעל־בוים אויף א באַנק. זי איז אָנגעטהאָן געווען אין א דונקלען, עטוואס צוקנייטשטען קלייד; איהר מידער בליק און זי אין גאַנצען האָט אויסגעדריקט אמת'ע ליידען.

איך האָב זיך געזעצט נעבען איהר. מיר ביידע האָבען געשוויגען. זי האָט א לאַנגע צייט געדרעהט אין איהרע הענד עפּעס א צווייגעל, איינגעבויגען דעם קאָפּ און ארויסגערעדט :

— קאַלאַסאָוו . . .

איך האָב גלייך בעמערקט, אַז זי האַלט איין מיט אַלע קרעפטען אין זיך די טרערען און האָב זי גענומען טרויסטען און פערזיכערען, אַז קאַלאַסאָוו ליעבט זי . . . זי האָט מיך אויסגעהערט, טרויעריג א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, ארויסגעשטאַמעלט עפּעס, וואָס עס איז שווער געווען צו פערשטעהן, איז אנשוויגען געוואָרען, האָט אָבער זיך ניט צו־וויינט. דאַן האָט זי ווידער גענומען ריידען וועגען קאַ־לאַסאָוו'ן.

— איך ווייס, אַז ער ליעבט מיך ניט מעהר — האָט זי געזאָגט — זאָל איהם גאָט העלפען ! אָבער איך ווייס ניט, ווִי אַזוי וועל איך קאָנען לעבען אָהן איהם . . . אין די נעבט קען איך ניט צומאַכען מיט אן אויג, איך האַלט אין איין וויינען . . . וואָס זאָל איך טהאָן ? וואָס קאָן איך טהאָן — איהרע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען — ער האָט זיך מיר אויסגעוויזען אזא גוטער און צום סוף . . .

ווארִיא האָט אָפּגעווישט די טרערען, א הוסט געטהאָן און זיך אויסגעגלייכט.

— ווִי לאַנג, דאַכט זיך — האָט זי גערעדט ווייטער — האָט ער

פאר מיר געלעזען פון פושקין'ען, איז געזעסען מיט מיר אט אויף דער באנק . . .

איך בין געריהרט געווען פון איהר נאאיוועז ארויספלוידערן; איך האב שוויינענדיג זי אויסגעהערט; איבער מיין נשמה האט זיך בים־לעכווייז צושפרייט א ביטערע, פיינליכע גליקזעליגקייט; איך האב ניט ארונטערגענומען די אויגען פון דעם דאזיגען בלייכען פנים, פון די דאזיגע לאנגע, פייכטע אויגען־לעדלאך, פון די דאזיגע האלב־צוגעמאכטע, עטוואס פערטריקענטע ליפען . . . און אין דער אייגע־נער צייט האב איך געפיהלט . . . ווילט איהר אויסהערען א קליינעם פסיכאלאגישען אנאליז פון מיינע געפיהלען אין יענער צייט? ערש־טענס, האט מיך געמאטערט דער געדאנק, וואס ניט מיך ליעבט זי, וואס ניט איך בין די אורזאך פון ווארוא'ס ליידען; צווייטענס, האט מיך געפרעהט איהר צוטרויען; איך האב געוואוסט: זי וועט מיר דאנקבאר זיין דערפאר, וואס איך האב איהר די מעגליכקייט געגעבען אויסצורייידען איהר הארץ; דריטענס, האב איך זיך אין הארצען א ווארט געגעבען צונויפצוברענגען זי ווידער מיט קאלאסאוו'ן און דער געדאנק וועגען מיין גרויסמוטהיגקייט האט מיך געטרויסט; פער־טענס, האב איך געהאפט מיט מיין איבערגעבענהייט צו ריהרען סוף כל סוף איהר הארץ און דערנאך . . . איהר זעהט, איך שאנעווע זיך גאר ניט . . . הקיצור, דערווייל האט דער זייגער אויף'ן טהורם גע־שלאגען פינף, די נאכט איז שוין נאהענט געווען. ווארוא האט מיט אימפעט זיך א כאפ געטהאן פון איהר ארט, ארייגעשפארט מיר אין האנד אריין א צעטעלע און איז אוועק אהיים.

איך האב זי אנגעיאגט, פערשפראכען איהר צו ברענגען קאלא־סאוו'ן און שטיל, מעשה גליקליכער געליעבטער, בין איך ארויסגע־שפרונגען פון דער גארטען־טיר אויף'ן פעלד ארוים. אויף'ן צעטעלע איז מיט ניט א גלייכען האנדשריפט אנגעשריעבען געווען די ווערטער: הערין אנדרעי ניקאלאיעוויטש קאלאסאוו'ן.

אויף מארגען גאנץ פריה בין איך אוועק צו קאלאסאוו'ן. איך בין זיך מודה, הגם איך האב זיך איינגערעדט, אז מיין אבזיכט איז אן עדעלע, זאגאר א גרויסמוטהיגע, פונדעסטוועגען האב איך זיך דאך געפיהלט ניט זעהר בעקוועם.

געקומען צו קאלאסאוו'ן און איבערגעגעבען איהם דאס צעטעלע. ער האט פערוואונדערט מיך אנגעקוקט, געעפענט דעם קאנווערט, איי־בערגעלעזען, געשוויגען א ווײלע און רוהיג א שמייכעל געטהאן.

— אזוי גאר! — האט ער צום סוף ארויסגערעדט — דו ביזט גע־וועזן ביי סידארענקא'ן?

— געווען נעכטען, אליין — האב איך געענטפערט קורץ און פעסט.

— א ! — האָט קאַלאַסאַוו שפּאָטיש בעמערקט און פערדרייכערט זיין פּיפּקע.

— אנדרעי — האָב איך זיך אָנגערופען — טהוט דיר דען ניט וועה פאר איהר . . . ווען דו וואָלסט געזעהן איהרע טרערען . . .

און איך האָב גענומען שילדערען פאר איהם מיט העלע פארבען מיין נעכטיגען בעזוך. איך האָב באמת גערעדט מיט האַרץ. קאַלאַסאַוו האָט געשוויגען און גערויכערט זיין פּיפּקע.

— דו ביזט געזעסען מיט איהר אונטער'ן עפּעל־בוים אין'ם גאָרטען ? — האָט ער צו לעצט ארויסגערעדט — איך געדענק, איך בין מיט איהר אויך געזעסען אויף דעם אייגענעם באנק אין'ם מאָנאַט מאַי . . . דער עפּעל־בוים איז געווען אין זיין פולער בליהונג, צייטענע ווייז זיינען מיר בעשאָטען געוואָרען פון פרישע, ווייסע בלימעלאַך, איך האָב געהאַלטען וואריא'ס ביידע הענד . . . מיר זיינען דאַן געווען גליקלאַך . . . איצט בליהט שוין ניט מעהר דער עפּעל־בוים און די עפּעל אויף איהם זיינען זויערע . . .

איך האָב זיך אָנגעצונדען מיט עדלער ענטריסטונג, גענומען פאָרווירפע מאַכען אין שלעכטסקייט אין הארטהערציגקייט, האָב גע'טענה'ט, אז ער האָט קיין רעכט ניט אַזוי פּלוצים צו פערלאָזען דאָס מיידעל, אין וועלכער ער האָט ערוועקט אַזוי פיעל נייע איינדריקען, האָב איהם גענומען בעטען, ער זאָל לכל הפּחות אריבערגעהן צו איהר און דורכריידען זיך. ער האָט מיך אויסגעהערט ביז'ן סוף.

— אָנגענומען, אַז דו אלס פריינד מיינער — האָט ער זיך צום סוף אָנגערופען, בעת איך האָב זיך א מיעדער און אן אויפגערעגטער ארונטערגעלאָזט אויף אַ שטול: — אָנגענומען, אז דו האָסט אַ רעכט מיר פאָרווירפע צו מאַכען, וואָלט ניט געשאדט צו הערען, וואָס איך האָב וועגען דעם צו זאָגען. וואריא איז א וואוילע מיידעל. זי איז ניט אַ האָאָר שולדיג געגען מיר. פערקעהרט, איך בין איהר פיעל פערפליכטעט, זעהר פיעל . . . איך האָב אויפגעהערט צו געהן צו איהר מחמת אַ גאַנץ איינפאכער אורזאכע, ווייל איך ליעב זי ניט מעהר . . .

— אָבער פארוואָס ? פארוואָס ? — האָב איך איהם איבערגעשלאָגען.

— ווער קאָן וויסען, פארוואָס. כל זמן איך האָב זי געליעבט, האָב איך אין גאַנצען בעלאַנגט צו איהר ; איך האָב וועגען שפּעטער ניט געטראַכט און מיט אלעם, מיט מיין גאַנץ לעבען האָב איך זיך געטהיילט מיט איהר. איצט איז די דאָזיגע ליידענשאַפט פערלאָשען אין מיר . . . ווילסטו דען, איך זאָל זיך פערשטעלען כלומרשט אַ פערליעבטער, וואָס ? און צוליעב וואָס ? צוליעב רחמנות צו איהר ? אויב זי איז אן אנשטענדיגע מיידעל, וועט זי אליין אזא רחמנות ניט

וועלען, און אויב זי איז צופריעדען מיט אזא רחמנות, מאג דער טייפעל זי נעהמען!

קאלאסאוו'ס שארפע אויסדריקע האבען מיך בעליידיגט. אפשר דערפאר נאך מעהר, ווייל דא האט זיך געהאנדעלט וועגען א פרוי, וואס איך האב אין מיין הארצען ליעב געהאט . . . איך האב זיך אנגעצונדען.

— גענוג — האב איך איהם געזאגט — גענוג! איך וויים, וואָרום דו האסט אויפגעהערט צו געהן צו ווארי‌א'ן.

—ווארום?

— טאניא האט דיר פערבאטען.

זאגענדיג עס, האב איך זיך פארגעשטעלט, אז מיט די דאזיגע ווערטער וועל איך איהם טרעפען אין דעם זיעבענטען ריפ. טאניא איז געוועען א פריילין א„פינטיפלושקע", א יאהר פינף און צוואנציג אלט, א דונקעלע מיט שווארצע האאר, קלוג, ווי א טייפעל. אמאל פינף א חודש האט קאלאסאוו זיך מיט איהר צוקריעגט און ווידער איבערגעבעטען זיך. זי האט איהם משוגע ליעב געהאט, הגם, בעת זי פלעגט זיך מיט איהם צוקריגען, פלעגט זי זיך אפט שווערען, אז זי וואלט נור וועלען זעהען זיין בלוט . . . אגב, האט קאלאסאוו ניט געקענט זיך בעגעהן אהן איהר. מיינע ווערטער, הפנים, האבען איהם ניט געטראפען אין דעם זיעבענטען ריפ; ער האט רוהיג א קוק געטהאן אויף מיר און געזאגט:

— עס קאן זיין.

— ניט עס קאן זיין, נור געוויס! — האב איך אויסגעשריען — טאניא האט עס דיר פערבאטען.

מיינע טענות האבען קאלאסאוו'ן צום סוף דערעסען. ער האט זיך אויפגעהויבען און אנגעטהאן דאס היטעל.

— וואוהין?

— דורכגעהען זיך. דער קאפ האט מיר גענומען וועה טהאן פון דיר. — האט ער געענטפערט.

— דו ביזט בייז אויף מיר?

— ניין — האט ער געענטפערט, שמייכלענדיג מיט זיין ליעבען שמייכעל און דערלאנגט מיר א האנד.

— אלזא, וואס זאל איך זאגען ווארי‌א'ן?

— וואס? . . .

ער האט א ווילע נאכגעטראכט, דאן האט ער ארויסגערעדט:

— זי האט דיר געזאגט, אז איך האב מיט איהר געלעזען פושקין'ען, דערמאן איהר פושקין'ס איין פערז . . .

— וועלכען, וועלכען? — האב איך געפרעגט מיט אונגעדולד.

— אט דעם: „וואס עס איז געוועזן, וועט מעהר ניט זיין!!..."

מיט די דאָזיגע ווערטער איז ער פון׳ם צימער ארויס. איך נאָך איהם. אויף די טרעפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— זי נעהמט זיך שטארק צום הארצען ? — האָט ער געפרעגט, ארונטערווקענדיג דאָס היטעל איבער די אויגען.

— זעהר.

— טרויסט זיי ניקאלאי, דו ליעבסט דאָך זי — האָט ער געזאָגט — א רחמנות !

— יאָ, איך פיהל אַ פריינדשאפט צו איהר.

— דו ליעבסט זי ! — האָט ער ווידער געזאָגט און א קוק געטהאָן מיר גלייך אין די אויגען אריין. איך האָב זיך אָפּגעקעהרט פון איהם און גאָר נישט געזאָגט. מיר זיינען זיך צוגאנגען.

קומענדיג אַהיים, האָב איך זיך געפיהלט ווי אין אַ פיעבער.

— איך האָב מיין פּפליכט געטהאָן — האָב איך ביי זיך געטראכט — האָב בעהערשט מיין אייגענליעבע ; האָב געראטהען קאלאסאוו׳ן ווידער צונויפקומען זיך מיט ווארא׳ן ! . . . איצט בין איך ריין : אי ווי אן עהרענמאן געהאנדעלט, אי ניט געליטען דערפון . . . אין דער אייגענער צייט אָבער האָט קאלאסאוו׳ס גלייכגילטיגקייט מיך בעליידיגט . . . ער איז ניט געווען אייפערזיכטיג צו מיר, ער האָט מיר געהייסען זי טרויסטען . . . שוין־זשע איז טאָקי ווארא אזא געוועהנליך מיידעל ? . . . שוין־זשע פערדיענט זי ניט קיין מיטלייד ? . . . עס וועלען זיך שוין געפינען מענשען, וואָס וועלען קאָנען אָפּשעצען דאָס, וואָס איהר קענט ניט אָפּשעצען, הערר קאלאסאוו ! . . . אָבער וואָס איז די פּעולה ? זי ליעבט דאָך מיך ניט . . . אָבער זי ליעבט מיך ניט כל זמן זי האָט נאָך ניט פערלאָרען די האָפנונג, אז קאלאסאוו וועט זיך נאָך צוריקקעהרען . . . אָבער דערנאָך . . . ווער וויים ? מיין איבערגעבענקייט וועט זי ריהרען, איך וועל זי אזוי גיט בעהאנדלען ווי ער, איך וועל זי אייביג ליעבען, אייביג . . . ווארא ! שוין־זשע וועסטו מיך ניט ליעבען . . . קיינמאָל ניט ? . . . קיינמאָל ניט ? . . .

אָט אזוינע רעדעס, ווי איהר הערט, האָט אייער אונטערטהעניגסטער דאן צו זיך אליין געהאלטען. איך האָב געוויינט . . . איך בין אוים מענש געווען . . . דאָס וועטער איז געווען מיאוס . . . אַ קליין רעגענדעל האָט מיט אַ פּער׳עקשן׳טער, דינער סקריפּעריי געקלאפּט איבער די שויבען ; פּייכטע דונקעל־גרויע וואָלקענס זיינען אונבעוועגליך געהאנגען איבער׳ן שטאָדט. איך האָב אויף־גיך אָפּגעגעסען און בין באלד אוועקגעפאָהרען צו סידארינקא׳ן.

איך האָב געטראָפען די גאנצע פאמיליע אין׳ם זאאל. דערזעהענדיג מיך, איז ווארא בלייך געוואָרען, האָט זיך אָבער ניט געריהרט פון איהר אָרט. סידארינקא האָט מיט מיר גענומען ריידען אין אַ בעזונ־

דער שפּאָטישען טאָן. איך האָב איהם געענטפערט, ווי איך האָב געענטפערט, ווי איך האָב געקאָנט, און געקוקט פער׳גנב׳עט אויף וואַריא׳ן מיט אַ טרויעריג־פערטראַכטע מינע. סידאָרענקאָ האָט ווידער זיך געזעצט שפּיעלען אין קארטען. וואַריא האָט זיך געזעצט נעבען פענסטער און מיט קיין אבר ניט ניט אַ ריהר געטהאָן.

— דיר איז מסתמא אונמוטהיג ? — האָט אַמאָל צוואַנציג ביי איהר געפרעגט איהר פאטער.

צום סוף איז מיר געלונגען צוגעהן צו איהר.

— האָט איהר איהם איבערגעגעבען מיין בריעף ? — האָט זי געפרעגט.

— איבערגעגעבען ?

— נו ? . . .

דער אטהעם האָט איהר פערכאַפּט פאר אויפרעגונג.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהר . . . אַ בייזער פרייד האָט פּלוצים אויפגעוואַכט אין מיר.

— ער האָט מיר געהייסען זאָגען — האָב איך לאנגזאם ארויסגערעדט — אז וואָס עס איז געוועז, וועט מעהר ניט זיין.

וואַריא האָט זיך מיט דער לינקער האַנד אַ כאַפּ געטהאָן פאר דאָס הארץ, אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנד אין פאָראויס, האָט זיך אין גאנצען אַ טרייסעל געטהאָן און איז פלינק ארויס פון צימער.

איך האָב זי געוואָלט אָניאָגען . . . אָבער סידארינקא האָט מיך אָפּגעשטעלט. איך בין געזעסען מיט איהם נאָך אַ פּאָאר שטונדען, אָבער וואריא האָט זיך שוין מעהר ניט געוויזען.

צוריקוועגס האָט מיך דאָס געוויסען געגומען פּלאָגען . . . מיט וואָס פאר א רעכט האָב איך עס איהר דערצעהלט ? . . . איך האָב א לאַנגע צייט ניט געקענט איינשלאָפען . . . אָבער צום סוף בין איך פאָרט איינגעשלאָפען . . . בכלל, דארף איך אייך בעמערקען, אז די „ליעבע“ האָט נאָך קיינמאָל ביי מיר ניט אַוועקגערויבט דעם שלאָף.

איך האָב אָנגעהויבען צופאָהרען צו סידארינקא׳ן גאנץ אָפט; מיט קאלאסאוו׳ן האָב איך זיך אויך געזעהן ווי פריהער, אָבער ניט איך און ניט ער האָבען דערמאנט וואריא׳ן. מיינע בעציהונגען צו איהר זיינען געוועזן מערקווירדיגע. זי האָט זיך געהאַלטען געגענאיבער מיר אזוי, אז וועגען ליעבע האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין; זי האָט געזעהן, וואָס פאר א ווארימען אַנטהייל איך נעהם אין איהר און זי האָט גערן גערעדט מיט מיר . . . וועגען וואָס מיינט איהר האָט זי גערעדט ? וועגען קאלאסאוו׳ן, אַלץ וועגען קאלאסאוו׳ן! זי איז אזוי פול געוועזן מיט דעם דאָזיגען מענשען, אז זי אַליין האָט ווי זיך אַליין ניט געהערט. אומזיסט האָב איך געפּרובט אין איהר ערוועקען איהר שטאָלץ . . . און ווידער און אָבער וועגען „איהם“, וועגען קאלאַ־

סאווו׳ן ! . . . איך בין זיך מודה, אַ סך ביטערע מינוטען האָב איך דעמאָלט איבערגעלעבט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך פלעג אויפציטערען ביי די ווערטער : „געדענקט איהר,״ מיט וועלכע עס פלעגט זיך אָנפאַנגען כמעט יעדעס געשפּרעך איהרס.

מיין לאַגע איז געוואָרען אונערטרעגליך, די סאַמע ניעדריגסטע ליידענשאַפטען האָבען זיך צוברענט אין מיין נשמה ; איך האָב גע־נומען בעריידען קאַלאַסאָוו׳ן פאַר וואַריא׳ן. איך האָב ביי זיך אָפּגע־מאַכט אַ סוף צו מאַכען צו אַזוינע אונערטרעגליכע בעציהונגען. אָבער ווי אַזוי ? צושיידען זיך מיט וואַריא׳ן האָב איך ניט געקענט . . . ערקלערען זיך פאַר איהר — האָב איך ניט געוואַגט ; איך האָב גע־פיהלט, אַז דערווייל קען איך ניט האָפען אויף איהר געגענליעבע. הייראַטהען מיט איהר . . . דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיך געשראָ־קען ; איך בין ערשט אַלט געווען אכצעהן יאָהר ; מיר איז געוואָרען מורא׳דיג פון דעם געדאַנק אַזוי פריה צו בעגראָבען מיין גאַנצע צו־קונפט ; איך האָב זיך דערמאָנט אַן דעם פאַטער, איך האָב זיך פאָר־געשטעלט, ווי די חברים וועלען פון מיר לאַכען . . . אָבער מען זאָגט, אַז יעדער געדאַנק איז ווי טייג, מען דאַרף איהם נור גוט אַ קנעט טהאָן, קאָן מען פון איהם אַלסדינג מאַכען. גאַנצע טעג האָב איך געטראַכט וועגען הייראַטהען . . . איך האָב זיך מיר פאָרגעשטעלט, ווי דאַנק־באַר וועט מאַריא מיר זיין, ווען איך, דער חבר און פערטרויטער פון קאַלאַסאָוו׳ן, וועל איהר פאָרשלאָגען צו הייראַטהען מיט מיר, טראָץ דעם, וואָס איך ווייס, אַז זי איז האָפנונגסלאָז פערליעבט אין אַנאַנ־דערען . . . אין די געדאַנקען האָב איך שוין געזעהן, ווי איהר דאַנקבאַר־קייט צו מיר געהט איבער אין פריינדשאַפט און ווי די פריינדשאַפט אין ליעבע . . . איך האָב אָנגעהויבען אויסצומיידען קאַלאַסאָוו׳ן. צום סוף, אין אַ שעהנעם ווינטערדיגען טאָג האָב איך זיך אויסגעפוצט אין מיינע בעסטע קליידער און בין אוועקגעפאָהרען צו סידאָרענקאָ׳ן. וואַ־ריא איז געזעסען אַליין אין זאַאַל און געלעזען קאַראַמזין׳ען.*) דער־זעהן מיך, האָט זי פאַמעליכעל אוועקגעלייגט דעם בוך אויף די קניע און מיט אַן אונרוהיגער נייגעריגקייט אַ קוק געטהאָן מיר אין פּנים אַריין. ביז דעמאָלט בין איך נאָך קיינמאָל צו זיי אין דער־פריה ניט געקומען . . . איך האָב זיך צוגעזעצט צו איהר. מיין האַרץ האָט פיינליך געקלאַפּט.

— וואָס לעזט איהר ? — האָב איך געפרעגט.

— קאַראַמזין׳ען.

— אייך אינטערעסירט די רוסישע היסטאָריע ? . . . — האָב איך געפרעגט.

ל. ס.

*) ערשטער פּערפאַסער פון דער רוסישער היסטאָריע.

— הערט אויס — האָט זי מיך פּלוצים איבערגעשלאָגען — צו קומט איהר ניט פון קאַלאַסאָוו'ן ?

דער דאָזיגער נאָמען, דער דאָזיגער ציטערענדיגער פרעגענדיגער קול, דער האַלב־פרעהליכער, האַלב־שעהמעוודיגער אויסדרוק אין איהר פּנים, די דאָזיגע אַלע סמנים פון איהר ליעבע צו יענעם — האָבען פערוואונדעט מיין הארץ. איך האָב בעשלאָסען איינס פוןביידע: אָדער צוצושיידען זיך מיט וואַריאַ'ן, אָדער צו פערטרייבען אויף אימער פון איהרע ליפּען דעם פערהאסטען נאָמען קאַלאַסאָוו.

איך געדענק ניט קלאָר, וואָס איך האָב דעמאָלט געזאָגט, צור־ערשט, הפּנים, האָב איך זיך אויסגעדריקט ניט גאַנץ קלאָר, ווארום זי האָט מיך אַ היבשע צייט ניט פערשטאַנען; צום סוף, האָב איך ניט אויסגעהאַלטען און כמעט אָנגעהייבען צו שרייען: „איך האָב אייך ליעב, איך וויל אייך הייראַטהען...“

— איהר ווילט מיך הייראַטהען ? — האָט וואַריאַ פערוואונדערט געפרעגט.

מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי וויל אויפהייבען זיך, אַוועק־געהן, אָפּזאָגען מיר.

— אום גאָטעס ווילען — האָב איך ארויסגעשטאַמעלט מיט אַ פער־כאַפּטען אָטהעם — ענטפערט מיר ניט: ניט יאָ און ניט ניין; טראַכט אַפּריהער ארום; מאָרגען קום איך נאָך אַן ענטפער . . . איך ליעב אייך שוין לאַנג. איך פערלאַנג ניט פון אייך קיין ליעבע, איך וויל זיין אייער בעשיצער, אייער פריינד, ענטפערט מיר ניט יעצט . . . ביז מאָרגען . . .

מיט די דאָזיגע ווערטער בין איך ארויסגעלאָפען פון'ם צימער.

יענע נאַכט האָב איך שלעכט געשלאָפען, האָב אַלץ געטראַכט: וואָס וועט זיין, אַז זי זאָגט מיר אָפּ, דאַן בין איך פערלאָרען, פער־לאָרען! — האָב איך גע'טענה'ט מיט פערצווייפלונג.

עס איז אָנגעקומען דער פייערליכער מאָמענט. איך בין אַוועק־געפּאָהרען צו וואַריאַ'ן נאָך'ן ענטפער. מיין אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דערזעהענדיג סידאָרענקאָ'ס הויז, בין איך ארונטערגעקראָ־כען פון דער דראָזשקע, האָב צונויפגענומען אַ קייקעלע שנעע און צור־געדריקט זיך צו איהם מיט'ן פּנים. די פיס האָבען זיך ביי מיר אונטער־געהאַקט; איך בין קוים ארויף אויף'ן גאַניק.

איך האָב געטראָפען וואַריאַ'ן מיט מאַטרענאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן אין'ם עס־צימער. איך האָב זיך אונגעשיקט פערנייגט און זיך צוגעזעצט צו דער אַלטער. וואַריאַ האָט אויסגעזעהן בלייכער ווי געוועהנליך . . . מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי מיידעט אויס צו קוקען אויף מיר... און מיט אַמאָל האָט זיך די אַלטע אויפגעהויבען און איז אַוועק אין אַ צווייטען צימער . . . איך בין געבליבען אַליין מיט וואַריאַ'ן . . . איך

האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן . . . איך האָב גענומען קוקען אין פענסטער, איך האָב זיך אין גאַנצען געצאַפּעלט, ווי אַ בלאַט. ווארי הּאַט געשוויגען . . . צולעצט האָב איך צונויפגענומען מיין מוטה, צו־געגאַנגען צו איהר און איינגעבויגט דעם קאָפּ . . .

— וואָס וועט איהר מיר זאָגען ? — האָב איך קוים ארויסגערעדט.

זי האָט זיך אָפּגעקעהרט, אויף איהרע אויגען־לעדלאך האָבען טרע־רען געבלישצעט.

— איך זעה — האָב איך גערעדט ווייטער — אז איך האָב ניט וואָס צו האָפען.

ווארי הּאָט פערשעהמט זיך אומגעקוקט און שוויינענדיג מיר דערלאַנגט אַ האַנד.

— ווארי ! — האָב איך אויסגעשריען און באַלד אנשווינען גע־וואָרען, אַקוראַט ווי איך וואָלט זיך דערשראָקען פאר מיינע אייגענע האָפנונגען.

— רעדט איבער מיט פאפּא — האָט זי צולעצט ארויסגערעדט.

— איהר ערלויבט עס מיר ? — האָב איך אויסגעשריען.

— יאַ־אַ.

— איך האָב זיך אַ כאַפּ געטהאָן קושען איהרע הענד.

— נו, גענוג ! גענוג ! — האָט זי ארויסגעשעפּצעט און זיך פלו־צים צו־וויינט.

איך האָב זיך צוגעזעצט צו איהר, איינגערעדט זי, אָפּגעווישט איהר די טרערען . ..

צום גליק, איז דאַן סידארענקא אין דער־היים ניט געווען. איך האָב זיך געשוואָרען ווארי'ן אין אייביגער ליעבע, אין אייביגער טריי־הייט . . .

— יאַ — האָט זי געזאָגט, ווישענדיג נאָכאַנאַנד די טרערען פון די אויגען : — איך וויים, אז איהר זייט אַ וואוילער מענש, אַן עהר־ליכער מענש, איהר זייט ניט אזאַ ווי קאלאסאוו . . .

— ווידער זיין נאָמען ! . . . — האָב איך אַ טראַכט געטהאָן. אָבער מיט וואָס פאר אַ פערגעניגען האָב איך געקושט איהרע וואַ־רעמע, וויינטע הענטעלאך ! מיט וואָס פאר אַ שטילער פרייד האָב איך געקוקט אין איהר ליעב פּנים'ל ! . . . איך האָב צו איהר גערעדט ווענען אונזער צוקונפט, בין ארומגעלאָפען איבער'ן צימער, געזעצט זיך נעגען איהר אויף דער פאדלאגע, פערדעקט די אויגען מיט אַ האַנד און אויפגעציטערט . . .

סידארענקא'ס שווערע טריט האָבען אונטערבראָכען אונזער גע־שפּרעך. ווארי האָט זיך מיט אַן אימפעט אַ כאַפּ געטהאָן פון איהר אָרט און איז אוועק צו זיך אין צימער, ניט געבענדיג מיר די האַנד און ניט אַ קוק טהאָנדיג אויף מיר.

סידאָרענקא איז געווען זעהר פריינדליך צו מיר, האָט געלאַכט, געריבען זיך דעם בויך, געוויצעלט זיך אויף מאַטרענא סעמיאָנאָוונא'ס אדרעס און א. וו. איך האָב אפריהער געוואָלט גלייך בעטען זיין „זעגען", האָב אָבער זיך מישב געווען און עס אָפּגעלייגט אויף מאָרגען. זיינע אומגעלומפּערטע וויצען האָבען מיר דערעסען; אגב האָב איך זיך געפיהלט אַביסעלע מיעד . . . איך האָב זיך געזעגענט מיט איהם און אוועקגעפאָהרען.

איך געהער צו יענעם סאָרט מענשען, וועלכע ליעבען צו גריבלען זיך אין זייערע אייגענע געפיהלען, הגם איך אַליין קען ניט פערטראָגען אזוינע מענשען. דעריבער נאָך דעם ערשטען אויסברוך פון פרייד, האָב איך גלייך זיך גענומען גריבלען אין זיך. אָפּגעפאָהרען ביי אַ האַלב ווערסט פון סידאָרענקא'ס הויז האָב איך פאַר צופיעל בעגייסטערונג אַ וואָרף געטהאָן די הוט אין דער־הויך און אויסגעשריען: „הורא !" אָבער ביז וואַנען איך בין געקומען אהיים, האָבען מיינע געדאַנקען ביסלעכווייז אָנגענומען אַנאַנדערע ריכטונג . . . איך האָב זיך דערמאַנט אַן מיין שמועס מיט סידאָרענקא'ן וועגען חתונה האָבען בכלל, האָב זיך דערמאַנט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט וועגען חתונה מאַכען זיין טאָכטער . . . און ניט ווילענדיג האָב איך אַ טראַכט געטהאָן: „ווי ער האָט זיך עם פערשטעלט, דער אַלטער גנב ! ! ! אמת, איך האָב טאַקי צו זיך גע'טענה'ט: אָבער פונדעסטוועגען איז „וואַריא מיינע ! . . ." אָבער, ערשטענס, דאָס דאָזיגע „פונדעסטוועגען" — אוי, דאָס „פונדעסטוועגען !" — און, צווייטענס, די ווערטער „וואַריא איז מיינע" האָבען ביי מיר ניט ארויסגערופען קיין טיעפע בערוישענדיגע פרייד, נור אַ גאַנץ געוועהנליכע, זעלבסטצופריעדענע התפעלות . . . ווען וואַריא וואָלט מיר אָפּגעזאָגט וואָלט איך אויפגעפלאַמט מיט ווילדער ליידענשאַפט; אָבער, בעקומענדיג איהר איינווילליגונג, האָב איך געפיהלט ווי אַ מענש, וואָס האָט געזאָגט צו זיין גאַסט: „זייט ווי ביי זיך אין דער־היים", און דער גאַסט הייבט טאַקי אָן זיך אויפצופיהרען אין יענעמס הויז ווי ביי זיך אין דער־היים . . .

— אויב זי האָט געליעבט קאַלאַסאָוו'ן — האָב איך ביי זיך געטראַכט — ווי אזוי האָט זי אזוי שנעל איינגעווילליגט? קאָנטיג, אז זי איז צופריעדען מיט אבי וועמען חתונה צו האָבען, אבי חתונה צו האָבען . . . אָבער וואָס האַרט עס מיך? אבי זי איז מיינע ! . . .

אָט מיט וועלכע דונקעלע און מאָדנע געפיהלען איך בין דאַן געקומען צו זיך אויפ'ן קוואַרטיר.

דעם גאַנצען טאָג יענעם בין איך געווען נערוועז־פרעהליך, האָב גערעדט צו זיך אַליין, אז איך בין גאָר אזא גליק ניט ווערטה, אָבער אויף מאָרגען . . .

אַ מאָדנע זאַך איז דער שלאָף ! ניט נור ער פרישט אָפּ דעם קער־פּער, נור אין אַ געוויסען זין פרישט ער אָפּ אויך די נשמה, ברענגט זי צו דעם צושטאַנד פון פּרימיטיווער איינפאַכקייט און נאַטירליכקייט. אין פערלויף פון אַ טאָג איז אייך געלונגען דורכצודרינגען זיך מיט פאַלשקייט, מיט פאַלשע געדאַנקען . . . דער שלאָף מיט זיין קאַלטער כוואַליע וואַשט אָפּ די דאָזיגע אַלע קליינליכע נאַרישקייטען, און אויפ־געכאַפּט זיך, זייט איהר, לכל הפחות, אויף עטליכע רגע'ס אימשטאַנד צו פערשטעהן און צו ליעב האָבען די וואַהרהייט.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און, ארומטראַכטענדיג די פּאַסירונגען פון נעכטען, האָב איך דערפיהלט אַ געוויסע אונבעקוועמליכקייט . . . איך האָב זיך עפּעס ווי פערשעהמט פאַר אַלע מיינע נעכטיגע האַנדלונ־גען . . . איך האָב אונרוהיג גענומען טראַכטען וועגען דעם היינטיגען בעזוך מיינעם און וועגען די אונטעררעדונג מיט סידאַרענקאָ'ן . . .

— וואָס האָב איך זיך אַזוי געאיילט ? — האָב איך זיך גע־מוטשעט . . .

שפּעטער אַווײלע האָב איך זיך ווידער גענומען איינריידען, אַז איך בין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

איך בין אַוועקגעפאָהרען צו סידאַרענקאָ'ן. ער האָט מיך אויפגע־נומען מיט פרייד ; האָט געוואָלט אַוועקגעהן צו זיינעם אַ שכן, אָבער איך אַליין האָב איהם אָפּגעהאַלטען. איך האָב מורא געהאַט צו פער־בלייבען אַליין מיט וואַריאַ'ן.

— דער דאָזיגער אבענד איז פאַראיבער פרעהליך, אָבער אָהן פער־געניגען. וואַריאַ איז געווען ניט אהער און ניט אהין, ניט פרעהליך און ניט אונמוטהיג, ניט שעהן און ניט מיאוס.

איך האָב געקוקט אויף איהר, ווי די פילאָזאָפען וואָלטען זיך אויס־געדריקט, מיט אַן אביעקטיוועץ אויג, דאָס הייסט, ווי אַ זאַטער קוקט אויף שפּייז. איך האָב אויסגעפונען, אַז די הענד איהרע זיינען אבי־סעל צו רויט. אגב, צייטענווייז האָט זיך דאָס בלוט אין מיר אָנגע־צונדען און איך, קוקענדיג אויף איהר, האָב זיך איבערגעבען אַנ־דערע טרוימען און געדאַנקען . . . ווי לאַנג ערשט האָב איך איהר דעם פאָרשלאַג געמאַכט און שוין האָב איך געפיהלט, אַז מיר לעבען מיט איהר אין פאַמיליען־לעבען . . . אַז אונזערע נשמות זיינען פער־אייניגט אין איין „הערליכען" איינס, געהערען איינער צום אַנדערען און, פאָלגליך, זוכען זיך יעדער פון אונז אַ בעזונדערן וועג פאַר זיך . . .

— האָט איהר שוין גערעדט מיט פּאַפּאַ ? — האָט זיך אָנגערופען וואַריאַ, בעת מיר זיינען געבליבען אַליין.

די דאָזיגע פראַגע איז מיר שטאַרק ניט געפעהלען געוואָרען . . .

איך האָב ביי זיך אַ טראַכט געטהאָן : „עפּעס האָט איהר מיר קיין צייט ניט, ווארינא ! . . .“

— נאָך ניט — האָב איך געענטפערט גאַנץ קאַלט. — אָבער איך וועל ריידען.

בכלל, בין איך זיך מיט איהר בעגאַנגען ניט גאַנץ עדעל.

מיט סידאָרענקאָ׳ן האָב איך ניט גערעדט, נור ביים זעגענען זיך האָב איך פיעלדייטיג איהם די האַנד געדריקט און געזאָגט, אַז איך דאַרף מיט איהם וועגען עפּעס ריידען.

— אדיע ! — האָב איך געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו ווארינא׳ן.

— אויף ווידערזעהן — האָט זי געזאָגט.

איך וועל אייך לאַנג ניט מאַרטערען, מיינע הערען ; איך האָב מורא פאַר אייער געדולד . . . ווארינא׳ן האָב איך מעהר ניט געזעהן, צו סידאָרענקאָ׳ן בין איך מעהר ניט געגאַנגען. אמת, די ערשטע טעג פון מיין פרייוויליגער צושיידונג זיינען ניט אַוועק אָהן טרערען, פאַר־ווירפען און אויפרעגונג ; איך האָב זיך אַליין דערשראָקען פאַר דעם, ווי גיך מיין ליעבע האָט פערוועלקט ; אַמאָל צוואַנציג האָב איך זיך געקליבען צו פאָהרען צו איהר, פאָרגעשטעלט זיך איהר איבערראַשונג, איהרע ליידען, איהר בעליידיגונג, אָבער איך בין ניט געפאָהרען. אונטער די אויגען האָב איך ביי איהר געבעטען אום פערגעבונג, גע־שטעלט זיך פאַר איהר אויף די קניע, גערעדט צו איהר וועגען מיין גרויסער חרטה — און עפּעס איינמאָל, טרעפענדיג אויף דער גאַס אַ מיידעל, וואָס איז אַביסעלע ענהליך געוועזן צו איהר, האָב איך זיך געלאָזט לויפען, מורא געהאַט אומצוקוקען זיך און בין ערשט געקומען צו זיך אין אַ קאַנדיטערייע, וואו איך האָב זיך מכבד געוועזן מיט לע־קעכלאַך.

דאָס וואָרט „מאָרגען“ איז אויסגעקלעהרט פאַר מענשען מיט שוואַ־כע כאַראַקטערס און פאַר קינדער ; ווי אַ קינד האָב איך זיך בערוהיגט מיט דעם דאָזיגען צויבער־וואָרט. —מאָרגען וועל איך אונבעדינגט געהן צו איהר — האָב איך צו זיך גערעדט און האָב אויסגעצייכענט געגעסען און געשלאָפען היינט . . . איך האָב אָנגעפאַנגען צו טראַכטען מעהר וועגען קאַלאַסאָוו׳ן, ווי וועגען ווארינא׳ן . . . אומעדום און נאָכאַנאַנד האָב איך פאַר זיך געזעהן זיין אָפּענעם, דרייסטען, זאָרגלאָזען פּנים. איך האָב אָנגעהויבען ווידער צוגעהן צו איהם. אָבער ווי טיעף איך האָב געפיהלט דעם אונטערשיעד צווישען מיר און איהם ! ווי לעכער־ליך עס האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזען מיינע האַנדלונגען, מיין טרויעריגע פערטראַכטקייט אין דער צייט, ווען קאַלאַסאָוו איז נאָך געגאַנגען צו ווארינא׳ן, מיין גרויסמוטהיגע ענטשלאָסענהייט צונויפ־ברענגען זיי ווידער, מיינע ערוואַרטונגען, מיין בעגייסטערונג, מיין חרטה ! . . . איך האָב געשפּיעלט אַ שלעכטע, שרייענדיגע און צו־

צוויגענע קאָמעדיע, און ער האָט אזוי איינפאַך דורכגעלעבט די דאָזיגע צייט ! . . . איהר וועט מיר זאָגען, וואָס וואונדער איך זיך דאָ ? אייער קאלאסאוו האָט זיך פערליעבט, דערנאָך האָט ער זי אויפגעהערט צו ליעבען און זי געוואָרפען . . . אַזוינע זאכען האָט מיט יעדען פּאסירט . . .

אמת, איך גיעב צו ; אָבער ווער פון אונז האָט אין דער ריכטיגער צייט זיך געקאָנט צושיידען מיט זיין פערגאַנגענהייט ? ווער, זאָגט אדרבה, האָט ניט מורא פאר פאָרווירפען, ניט דוקא פאר פאָרווירפען פון א פרוי . . . נור פאר די פאָרווירפען פון דעם ערשטען בעסטען נאר ? . . . ווער פון אונז איז אימשטאַנד בייצוקומען דער קליינליכער אויגענבליק — די ק ל י י נ צ י ג ע ג ו ט ע ג ע פ י ה ל ע ן : דעם מיטלייד און חרטה . . . אה, מיינע העררן ! דער מענש, וועלכער צושיידט זיך מיט א פרוי, וועלכע ער האָט אמאָל געליעבט, אין יענעם ביטערען און שווערען מאָמענט, בעת ער דערפיהלט, אַז זיין הארץ איז ניט אין גאנצען פערנומען מיט איהר, — יענער מענש, גלויבט מיר, פערשטעהט טיעפער און בעסער די הייליגקייט פון ליעבע, ווי די שוואכינקע מענשעלאַך, וועלכע פאר שוואכקייט און לאנגוויילינקייט זעצען פאָרט צו שפּיעלען אויף די האלב צוריסענע סטרונעם פון זייערע סענטימענטאלע הערצער ! אין אנפאנג פון מיין ערצעהלונג האָב איך אייך געזאָגט, אַז מיר אַלע האָבען געקוקט אויף קאלאסאוו׳ן, ווי אויף אַן אונגעוועהנליכען מענשען. אויב אַ קלארער, איינפאכער בליק אויף׳ן לעבען, אויב קלארע רייד אָהן שום פראַזען ביי אַ יונגען מענשען קאָן מען אָנרופען אַן אונגעוועהנליכע זאַך, האָט קאַלאסאוו פערדיענט מען זאָל איהם אַזוי רופען . . . אין אַ געוויסען אַלטער צו זיין נאַטירליך — הייסט צו זיין אונגעוועהנליך . . .

שוין צייט אָבער צו ענדיגען. איך דאנק אייך פאר אייער אויפמערקזאַמקייט . . . יאָ, איך האָב נאָך פערגעסען אייך צו דערצעהלען, אַז אין אַ פּאָאָר חדשים ארום נאָך מיין לעצטען בעזוך, האָב איך אָנגעטראָפען דעם אַלטען סידאָרענקאָ׳ן. פערשטעהט זיך, אַז איך האָב זיך געסטאַרעט פערבייגעהן איהם אונבעמערקטערהייט, דאָך אָבער האָב איך דערהערט הינטער זיך זיינע ווערטער, ארויסגערעדט מיט פערדרום :

— זיינען דאָך דאָ אַזוינע באַנדיטען אויף דער וועלט !

— און וואָס איז געוואָרען מיט ווארי׳אן ? — האָט זיך עמיצער אָנגערופען.

— איך ווייס ניט. — האָט דער ערצעהלער געענטפערט.

מיר אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען און זיינען זיך צוגאַנגען.